STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00660

# A SHTEDTIL

## Sholem Asch

*Permanent preservation of this book was made possible
by Celia Mitchell*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# א שטעדטיל

פון

## שלום אַש

ערשטעס בוך

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס“
173—175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.
1911

# אינהאלט פערצייכנים:


| | | | |
|---|---|---|---|
| | פויזשעם: | | |
| | דער זיידע און דער אייניקעל, פון בעל מחשבות.... (אַנשטאַט אַ פאָררעדע). | I | VII |
| קאפּ. 1. | די שטוב........................... | 3 | 16 |
| „ 2. | אַ הייזעל ביי דער ווייכסעל.......... | 17 | 32 |
| „ 3. | דער רעכענונג.................... | 33 | 49 |
| „ 4. | דער מתנגדישער רב און דער חסידישער רבי | 50 | 66 |
| „ 5. | די זומערדיגע פּאַרנאַכטעז.......... | 67 | 79 |
| „ 6. | אין מיטען וועג.................. | 80 | 96 |
| „ 7. | פרייטאָג אין שטעדטעל............ | 97 | 112 |
| „ 8. | צו מאָרגענס..................... | 113 | 121 |
| „ 9. | ראש חודש אלול................. | 122 | 130 |
| „ 10. | נאָך יום טוב.................... | 131 | 138 |
| „ 11. | דריי חופות...................... | 139 | 145 |

# דער זיידע און דער אייניקעל

(שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און שלום אַש.)

## פון בעל מחשבות (דר. א. עליאשעוו) *)

פון דעם עלטסטען צווישען די אַלטע און פון דעם יונגסטען צווישען די יונגע ווילט זיך מיר איצט רעדען עטליכע ווערטער. ביידע האָבען אונז געגעבען קינסטלערישע בילדער פון דער אַמאָליגער פאַר־צייטיגער פּאַטריאַרכאַלישער וועלט. ביידע האָבען אונז געוויזען דאָס לעבען פון דער אידישער עדה אין די קליינע שטעדטלעך, אין די איינציגע נעסטען, וואו עס האָט זיך הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנד אויפגעהאָדעוועט דאָס גהעטאָ־יודענטהום. ביידע זיינען מיט אַ טיעף געפיהל אריינגעדרונגען אין די נשמה פון די פאַרצייטיגע דורות, און איטליכער פון זיי האָט אונז געגעבען דעם תמצית, דעם עסענס פון דער פּאָעזיע, מיט וואָס יענע וועלט האָט זיך אויסגעצייכענט אַמאָל.

זייער מלוכה האָבען זיי געטהיילט אין צוויי העלפטען: שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש האָט גענומען די ליטווישע, די מתנגדישע וועלט, שלום אַש — די פּוילישע, חסידישע. און ביידע קיניגען אויף זיי מיט דער גאַנצער קראַפט פון גאָט־געגעבענשטע פּאָעטען.

אמת, אָהן דעם „זיידען" ר' מענדעלע וואָלט אפשר אויך דאָס אייניקעל ניט אַרויסגעקומען אַזוי געראָטען, אַזוי שעהן. אָבער אַ גרעסערער וואונדער איז דאָס, וואָס שלום אַש, וועלכער איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ יאָהר פופציג שפּעטער נאָך אַבראַמאָוויטש'ן, האָט אַרויסגעוויזען די אייגענע טיעפע מבינות אויף די פאַרצייטיגע וועלט, ווי זיין ליטעראַרישער זיידע.

אין דעם משך פון צוויי דורות איז דאָס אַלטע יודענטהום שטאַרק צוברעקעלט געוואָרען. שלום אַש קען ניט זאָגען אויף זיך דאָס אייגענע, וואָס שלום אַבראַמאָוויטש. יענער האָט זיך פערגליכען מיט „אַ פערדעמיל וואָס איז שטאַרק פערוועבט אין דער גרויסער מאַטעריע,

---

*) אַרויסגענומען פון זיינע „געקליבענע שריפטען".

וואָס געהט דורך די וועלט מיט'ן נאָמען איד". שלום אַש איז ניט קיין פערוועבט פערעמיל, און דעריבער איז נאָך מעהר וואונדער, וואָס אַ שלום אַש האָט מיטגעבראַכט אין די הייַנטיגע ליטעראַטור אַזאַ פרישען לעבעדיגען חוש צו דער וועלט, צו וועלכער ער געהערט שוין אַזוי וועניג.

צי בעווייזט ניט אָט די דאָזיגע עובדה — אַש'ס ליטעראַרישע ערשייַנונג, דאָס די הייַנטיגע אידישע עכטע אמת'ע פּאָעזיע איז שטאַרק און אָרגאַניש פערבונדען מיט דער אידישער פערגאַנגענהייט? דאָס איטליכס מאָל, ווען עס הויבען זיך אָן צו ריהרען פּאָעטישע געפיהלען, מוזען זיי ציהען חיות פון דער פערגאַנגענהייט?

דאָס, וואָס אַ יונגער טאַלענטפאָלער פּאָעט ווערט אינגאַנצען פערטרונקען פון אַ האַלב־טויטען עבר, קען ווערען דאָפּעלט אויסגעטייטשט: אָדער דאָס בעווייזט, דאָס דער עבר איז נאָך ניט אַזוי טויט, ווי מאַנכע משכילים גלויבען, אָדער אַז עס איז ניטאָ קיין געגענוואַרט, קיין קלאָרע צוקונפט, וואָס זאָל קענען דיענען אַלס אַ קוואַל פאַר פּאָעזיע. וואָס אַנבעלאַנגט אונז אידען, זייַנען ביידע ערקלערונגען ריכטיג. עס איז אַ גרויסער געפעהרליכער טעות צו מיינען, אַז אַבראַמאָוויטש'ס און אַש'ס וועלט איז שוין אינגאַנצען אויסגעשטאָרבען. נאָך עד היום דרוקט האַלמנה ואחים ראָם מעהר תחינות פון שרה בת טובים ווי מאַנכע פּאַרטייען פּראָקלאַמאַציעס און ביכלעך. נאָך עד היום קען זיך קיין פּאַרטיי ניט ריהמען צו האָבען אַזוי פיעל איבערגעבענע אָנהענגער, ווי געוויסע חסיד'ישע רביים אין אַ פּוילען אָדער אין אַ וואָלין.

צוגלייך אָבער שייַנט פאַר אונז די געגענוואָרט דורך אַ וואָלקען פון פיעלערלייַ טונקעלע שטרעמונגען, און נאָך אין אַ גרעסערען וואָלקען איז אייַנגעהילט אונזער אידישע צוקונפט.

דאָס, וואָס מיר פערמאָגען אין פּוילען און אין גאַנצען, געפינט זיך נאָר אין דער פערגאַנגענהייט. און דער פּאָעט, וואָס וויל שעפּען פון פּוילען און פון גאַנצען, געהט צו דעם עבר, מ ו ז געהן צו דעם עבר.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס צוויי דורות נאָך אַבראַמאָוויטש'ן בעווייזט זיך אָן אַש. די פּאַרצייטיגע וועלט האָט נאָך איהר ודוי ניט אָבגעזאָגט. צו אַבראַמאָוויטש'ס צייטען איז זי געווען די א י י נ צ י ־ ג ע, צו אַש'ס — די איינציגע ג אַ נ צ ע צווישען פיעלע אַנדערע צושטיקעלטע אידישע „וועלטעלעך". זאָגט וואָס איהר ווילט, רופט אָן

די ליעבשאַפט פון אתתרע היינטיגע יונגע טאַלענטען צום עבר ראָמאַנטיק, חלומות, לבנה־פּאָעזיע א. אַז. וו. — דאָס עכטע טאַלענט קען ניט לעבען אָהן אַ גרונד אונטער די פיס, און ווען דאָס לעבען גיט קיין געגענוואָרט, שפינט מען זיך צונויף מיט אַ פערגאַנגענהייט.

לאַכט פון ראָמאַנטיק, פערגעסט אָבער ניט, אַז נאָר אַ דאַנק דער היינטיגער ראָמאַנטיק הערען מיר זיך אויף צו פיהלען אַלס ציגיינער אָהן אַ פערגאַנגענהייט, אָהן אַ גזע.

*   *   *

מיר האָבען אויבען געזאָגט: אַבראַמאָוויטש און אש האָבען אונז געגעבען דעם תמצית, דעם עסענס פון דער פּאָעזיע פון דער פרומ־פּאַרצייטיגער וועלט.

אין וואָס בעשטעהט אָבער די פּאָעזיע פון דער דאָזיגער וועלט?

אום אָבער זיך דאָס קלאָר צו מאַכען, מוזען מיר רעדען עטליכע ווערטער וועגען פּאָעזיע בכלל. האָט קיין מורא ניט. איך וועל אייך דאָ ניט שרייבען קיין פילאָזאָפישע תורה וועגען פּאָעזיע, קונסט און עסטעטיק. עס וועט זיין גענוג, ווען מיר וועלען זאָגען, דאָס איטליכע פּאָעזיע ביי וואָס־עס־איז פאר אַ פאָלק האָט צו טהאָן מיט צוויי פונדאַ־מענטאַלע געפיהלען: מיט דעם געפיהל, וואָס שטאַרקט, וואָס פער־גרעסערט אונזער צוזאַמענבונד, אונזער אחדות מיט דער וועלט, און מיט דעם געפיהל, וואָס פערשטאַרקט אונזער אָבגעריסענקייט פון דער וועלט, אונזער איינזאַמקייט, פער׳יתום׳טקייט אין דער ארומיגער וועלט.

די נשמה פון איטליכען מענשען האָט אַ דאָפּעלטע טבע. בעת אויפ׳ן הארצען איז אמת פרעהליך, בעת עס איז יום־טוב׳דיג צו מוטה, פיהלט זיך די נשמה אַלס אַ שוועסטער פון אַלץ אין דער ארומיגער וועלט. די מענשען אויפ׳ן גאַס זיינען איהר ליעבער דעמאָלט, די נאַטור — נעהענטער, און אפילו איטליך ווערימעל ווערט בעטראַכט דעמאָלט מיט פריינדליכערע מיטפיהלענדע אויגען. די נשמה האָט ליעב דעמאָלט זיך צו בעהעפטען צו אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך אַ צייכען פון לעבען און נאַטור. אין אַזוינע מאָמענטען שטראַהלט אויס די נשמה טויזענדער פעדעם, וואָס פערבינדען זי מיט נאָהענט און וויט, מיט דעם מענשען, מיט דעם מענשליכען כלל, מיט דער נאַטור, מיט דער וועלט, און מאַנכמאָל אויך מיט די וויטעסטע וועלטען, — מיט די שטערען אין הימעל. די נשמה צוגיסט זיך דעמאָלט אין

טויזענדער וועלען, און זי ווערט אויף א רגע איינס מיט אלץ, וואס פאלט אריין אין איהר שטח, זי שליסט אויף א רגע „חבר־לאווער“, א טיעפע אחדות מיט אלץ אין דער וועלט.

צוגלייך אבער האט אונזער נשמה א טבע אין זיך, וואס איז פונקט קאפויר פון דעם חשק צו שליסען מיט אלץ ארום א טיעפע ברייטע אחדות. אין צייטען פון אומעט און טרויער, ווען א געדיכטער וואלקען פערדעקט דאס הארץ און נעהמט צו פון מענשען דעם מוטה, — פיהלט זיך די נשמה, ווי פער׳יתום׳ט, ווי אבגעריסען פון אלץ, וואס טהוט זיך אין דער וועלט. די מענשען אויף דער גאס שיינען דעמאלט ווי פון א פרעמדער נאציע, אויך די אייגענע, די נאהענטסטע פריינד קריגען דעמאלט אן אונגעוועהנליך פרעמד פנים. אן אבגעריסענע פון אלץ, בלאנקעט די נשמה אין דער ארומיגער וועלט, פיהלענדיג נאר זיך און איהר וועהטאג. און אלץ ענגער און ענגער ווערט דער שטח, וואס זי פערנעהמט. אדרבה, זי זוכט, וואס מעהר פער׳יתום׳ט צו ווערען. זי זוכט אלץ וואס מעהר זיך אבצושיידען פון דער ארומיגער לעבעדיגער וועלט.

די נשמה בייט אפט איהרע ראלען: אדער זי איז די נאהענטסטע מחותנת׳טע אויף דער חתונה פון גאט׳ס ווערק, אדער זי איז אן ארעם, דערשלאגען יתום׳ל, וואס פיהלט זיך אין דער פרעמדער קאלטער וועלט „איינזאם ווי א שטיין“.

איטליכע פאעזיע האט צו טהון מיט די צוויי הויפט־געפיהלען אין זייערע פערשיעדענע מדרגות; מיט אלערליי מדרגות פון דעם אחדות־געפיהל און דעם איינזאמקייטס־געפיהל. א פאעט איז דער, וואס קען מיט דער קראפט פון זיין פעדער צווינגען די וואכעדיגע נשמה דורכ־צולעבען דעם טעם פון איינע פון דיביידע געפיהלען אין פערשיעדענע מדרגות.

דער עכטער פאעט קען אבער נאר געבען דאס, וואס ער געפינט פארטיג צי אין דער ארומיגער נאטור, צי אין לעבען פון איינצעלנעם מענשען אדער אין לעבען פון מענשליכען כלל. ווען מיר רעדען פון דער פאעזיע פון דער פרום־פארצייטיגער וועלט און וועגען דעם פאעט, ווי למשל אבראמאוויטש׳ן, וואס האט אונז איהר פאעזיע ענטפלעקט, מיינען מיר דערמיט, דאס די פרום־פארצייטיגע וועלט האט זיך אויס־געצייכענט מיט א געוויסער רייהע געפיהלען אין פערשיעדענע מדרגות,

וועלכע האָבען געהאַט אַ שייכות צו איינעם פון דיביידע דערמאָנטע הויפּטגעפיהלען; און דאָס דער פּאָעט האָט זיי אַרויסגעשטעלט פאַר אונזערע גייסטיגע בליקען, און אונז געצוואונגען דורכצולעבען אַלערליי מדרגות פון די דאָזיגע געפיהלען.

*   *   *

און איצט קומען מיר ווידער צו דער פראגע: אין וואָס בעשטעהט די פּאָעזיע פון דער פרום־פּאַרצייטיגער וועלט?

אויך אין דעם גהעטאָ־יודענטהום האָבען מיר צו טהון מיט די צוויי פונדאַמענט־געפיהלען אין זייערע פערשיעדענע מדרגות, דאָס גהעטאָ־יודענטהום איז געקנעטען פון דעם אייגענעם טייג, ווי איטליך אַנדער פאָלק. דער חילוק איז נאָר צווישען איהם און אַנאַנדער פאָלק, דאָס די דערמאָנטע געפיהלען רופען אַרויס ביים גהעטאָ־אידען אַ נ ד ע ר ע ג י י ס ט י ג ע א י ו מ אַ ט ע ר י ע ל ע א ו מ ש ט ע נ ד ע ן. די טיעפסטע און ברייטסטע געפיהלען פון אחדות צו עפּעס אַ העכערער גרעסערער וועלט האָט דורכגעלעבט דער איד אין די קלויזען, אין די בתי־מדרשים; די טיעפסטע איינזאַמקייט האָט ער געפיהלט דעמאָלט, ווען דאָס לעבען האָט איהם געצוואונגען צו פערלאָזען די בתי־מדרשים און אַרויסצוגעהן אין די קאַלטע פרעמדע גאַס, זיך יאָגען נאָך אַן אָרעמער פרנסה. דאָס גהעטאָ־יודענטהום צייכענט זיך אויס דורך איהר הויכע רעליגיעזע און דורך איהר ניעדריגע מאַטערילע קולטור. איטליכס מאָל, ווען עס האָט געקענט זיך פערבעהאַלטען הינטער די ענגע מויערען פון די בתי־מדרשים, די צענטרען פון פרומקייט, האָט זיך דאָס יודענטהום געפיהלט הויך דערהויבען איבער אַלע איהרע טעגליכע דאגות, האָט עס דורכגעלעבט די העכסטע אחדות־געפיהלען פון לעבען. אומגעקעהרט אבער, אין קאַמפּף פאַר'ן גשמיות'דיגען לעבען האָט דאָס גהעטאָ־יודענטהום זיך געפיהלט שרעקליך פער'יתום'ט, ארומגערינגעלט פון טויזענדער סכנות, ווי אַ ווערימעל, וואָס קען פון איטליכען צוטרעטען ווערען.

ש. אַבראַמאָוויטש האָט צוערשט אַנגעוויזען אויף דעם הפך צווישען אידישען רעליגיעזען און מאַטעריעלען לעבען, צוערשט געצייגט אַלע מדרגות פון צובונד און אחדות־געפיהלען און איינזאַמקייטס־ און עצבות־געפיהלען, וואָס אַ פּאַרצייטיגער איד לעבט דורך אין די עטליכע צעהנדליג יאָהרען פון זיין לעבען.

די פּאָעזיע פון דער פרום־פּאַרצייטיגער פּשוט'ער אידישער וועלט ענטפּלעקט זיך גראָדע אומגעקעהרט, ווי ביי אַנדערע פעלקער. ווען אַן אבראַמאָוויטש רעדט פון דעם „פּינטעלע איד", מיינט ער דערמיט די כאַראַקטעריסטישע אומשטענדען פון יחיד און כלל ביים יודענטהום, וואָס וועקען אין איהם אַ רייהע פון געפיהלען אין גאָר אַן אַנדער סדר, ווי ביים כלל פון אַן אַנדער נאַציע. „דאָס פּינטעלע איד" איז מיט אַנדערע ווערטער — די אידישע פאָלקס־נשמה, וואָס וויינט, בעת אַנדערע פרעהען זיך, און פרעהט זיך בעת אַנדערע צוגעהען פון הארץ־קלעמענים, וואָס לעבט דורך די אחדות־ און אבלות־געפיהלען מיט אַלע זייערע טויזענדער מדרגות ביי גאָר אַנדערע אומשטענדען און אין גאָר אַן אַנדער סדר, ווי דער מענש און דער כלל פון אַן אַנדער אומה.

* * *

די פרום־פּאַרצייטיגע וועלט איז עפּעס אַזוינס, וואָס ווערט איטליכען טאָג אַלץ מעהר און מעהר צוברעקעלט. די לעצטע פעסטונג איהרע — די קליינע פּוילישע שטעדטלעך, וועלכע זיינען ביז גאָר ניט לאַנג נאָך ניט בעריהרט געוואָרען פון דער אַמאָליגער השכלה, הויבט שוין אויך אָן ביסלעכוויז צו צופאַלען. אויך דאָרטען איז שוין איינגעדרונגען דער הויך פון אַ נייער צייט, און הויפּענוויז פערלאָזט דער יונגער דור די שטעדטלעך און געהט קיין וואַרשאַ, צום איינציגען גרויסען אידישען צענטער, זוכען בילדונג און אַטעסטאַטען, זיך „אויסצומענשלען".

די נייע אידישע וועלט, וואָס מאַנכע הייסע קעפּ און ברייטע הערצער טהוען היינט בויען, ליעגט נאָך בעהאַלטען אין אַ געדיכטען וואָלקען. עס וועט נאָך אַוועק אַ צייט מיט יאָהרען, ביז דאָס נייע אידישע לעבען וועט אויסאַרבייטען אַלגעמיינע פאָלקסטהימליכע פאָרמען, וואָס זאָלען קענען וועקען אין אונז די ברייטע, טיעפע אחדות־געפיהלען און אַ טיעפע פער'יתום'טקייט, מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכענט די אַלטע פרומע וועלט. דאָס וואָס געהט ביי אונז היינט פאָר, צורייסט און צופליקט די פאָלקס־נשמה, און עס וועלען נאָך אַ סך וואַסערען פערגעהען, איידער די צוריסענע פאָלקס־נשמה וועט ווידער פערוועבען דאָס גוטע פון דער אַלטער מיט דעם גוטען פון דער נייער צייט... ביז דעמאָלט אָבער וועט אונזער אידישעס פאָלקס־לעבען ניט געבען קיין טיעפע ברייטע פאָלקס־פּאָעזיע, עס וועט

זיין ווי יענע טריבע וואסערען, אין וועלכע קיין זאך שפיעגעלט זיך ניט אָב קלאָר און רוהיג.

און איטליכעס מאָל, ווען מיר ווילען אַרויסרופען אין אונזער נשמה אַ בילד פון אַ גאַנצען פאָלקס־לעבען מיט אַ רייהע פון טיעפע פּאָעטישע געפיהלען, וועלכע נעהמען אַרום אַלעמען פון גרויס ביז קליין, — מוזען מיר זיך אומקעהרען צו דער אַלטער פרום־פאַרצייטיגער וועלט, וועלכע האָט געהאַט אַ ס ט י ל. אַ פ אָ ר ם און אַ טיעפען, ברייטען אינהאַלט. און ניט בכדי זי ווייטער אָבצופרישען, — דאָס אָבגעשטאָר־בענע מוז צופאַלען — נאָר אום אין אונזער נ י י ע ם לעבען מיט דעם נ י י ע ם ת ו ך (אינהאַלט) אַרויסצוברענגען די אייגענע גאַנצקייט, די אייגענע פּאָעזיע, מיט וואָס עס האָט זיך אַמאָל אויסגעצייכענט די אַ ל ט ע וועלט מיט איהר אַ ל ט ע ן תוך.

וויל מען אָבער די אַלטע פרום־פאַרצייטיגע וועלט זעהען אין איהר גאַנצער קלאָרער אָבשפּיעגלונג, מוז מען געהן צוערשט צו אבראַמאָוויטש׳ס ווערק. דערנאָך צו אַש׳ס בוך „דאָס שטעדטעל“.

בלאָטיג איז דער וועג, וואָס פיהרט אין „שטעדטעל“ אריין. עס איז אַ פּאָר פּורים־טאָג, דער שנעע אויף די פעלדער צולאָזט זיך און צוגעהט, און איבער די אויבערדעק פון די ווייסע שנעע־וועלט ווייזען זיך שוין דאָ און דאָרט שווארצע ערד־פלעקען ארויס. דער זוימען, וועלכער האָט זיך איבער דעם גאַנצען ווינטער הינטער די שנעע־דעק אין דער ערד אויפגעהאַלטען — איז ווייך געוואָרען, צושפּאָלטען, און זיינע שפּראָצענדיגע וואָרצלען הויבען אָן צו נאָגען חיונה פון דער מאַמע־ערד. און אין די שווארצע ערד־פלעקען איז עס צו דערקענען, אַז די מאַמע ערד איז „טראָגעדיג“... ווייט אויףביידע זייטען וועג, צווישען די ליפּען־בוימער, געהט אַן איינזאַמער וואַנדערער מיט'ן פּעקעל אויפ'ן פּלייצע און מיט'ן שטעקען אין דער האַנד. שווארצע קראָהען פליהען דאָרט ווייט איבער'ן וועג, פון בוים צו בוים, און שאַרען אָב מיט זייערע גרויע פיסלעך די ווייסע, לאַנגע שנעע־שנירלעך, וואָס זיינען אויף די צווייגען פון די בוימער. דעם וואַנדערער'ס וועג פיהרט אין „שטעדטעל“ אריין, קום מיט מיט איהם, און וואָס מיר וועלען זעהן און וואָס מיר וועלען הערען, וועלען מיר אין דעם בוך בעשרייבען:

---

# I.

# די שטוב

---

די טהיר פון דער „שטוב“ איז אָפען אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, און ווי אין אַ גאַסט־הויז דרעהט מען זיך דאָרט תמיד אריין און ארויס. איז'ן איז עס ר' יחזקאל גאַמבינער'ס „שטוב“, נאָר דאָך — אַ שטאָדט־שטוב, אַ רשות־הרבים, אַזוי, אַז אַ ווילד־פרעמדער קומט אריין און זעצט זיך אנידער, געהט ניט אָן די קשיא: „וואָס וועט איהר זאָגען, ר' יוד?“. דאָ זיינען אַלע אין דערהיים. פערלאָזט אַ שטאָדט־בעל־הבית זיין היים אין דער פריה אָהן אַ גלאָז וואַרימס, געהט ער זיך פּראָסט מיט טלית און תפילין אריבער צו ר' יחזקאל'ן אין

„שטוב“ אריין, און ווי א היימישער, הייסט ער איינער פון די דיענסטען, אז זי זאָל איהם א גלאָז טהיי דערלאַנגען. מעהר איז מסוגל די „שטוב“ צו א גלעזעל באָרשטש; נאָך איהם קומט מען אריין אין א ווינטערדיגען נאָכ'ן אָנבייסען, אז דער פראָסט קנאַקט, און מען וויל זיך די גליעדער אָנוואַרימען. און ווער שמועסט נאָך, אז מען קאָכט ביי מלכה'לען — ר' יחזקאל'ס ווייב — דעם קנאָבעל-באָרשטש. צו נעהמען אין „שטוב“ איז ניט קיין חרפה, דער מנהג איז שוין אזוי: א גלעזעל באָרשטש — א טרונק וואַסער. פוילט זיך נאָר א שטאָדט-בעל-הבית'טע די הרובע אונטערצוהייצען, נעהמט זי איהר טעפּעל און טראָגט עס צו מלכה'לעם קיך אריבער. און אין מלכה'לעם קיך גע-פינען זיך די גאַנצע שטאָדט טעפּלעך. טהיילמאָל פערטווישען זיך די בעלי-הבית'טעס מיט די טעפּלעך, ווערט דאָרט א לעבען. מאַכט זיך א יונג א „ברוגז“ אין דער היים, האלט ער זיך אויף אין ר' יחזקאל'ס שטאַלען. צו זאָרגען איז נישט דאָ וואָס, ברויט און זעמעל ווערען ביי ר' יחזקאל'ן נישט פערשלאָסען — אַלעס איז אין קיך פריי ווי וואַסער. פּוטער און רעטעכער איז שטענדיג דאָ אין קעלער, דער שליסעל פון קעלער הענגט אין קיך, ביי יענטען (דאָס דיענסט-מיידעל), א „וואוילע טאָכטער“, ברודער, אז נישט קריגט זי קלעפּ, ר' יחזקאל הייסט אליין.

---

די נאַכט האָט דאָס שטעדטעל אונטער איהר שוץ ארונטערגענומען, און די גאַנצע וועלט ארום און ארום האָט זי אין זיך בעהאַלטען. אין מיטען דער נאַכט האָט זיך א רעש'ענדיג קלאַפּען פון פערד און רעדער דערהערט אויף שטיינער. דאָס רעש'ען איז פערשטומט געוואָ-רען ביי דעם שטראָהל שיין, וואָס האָט פון א לאָדען ארויסגעדרינגט, און פון וואָגען איז ווער אראָב... שווערע „בעלי-בתי-שע“ טריט האָבען זיך איבער'ן קאָרידאָר געלאָזט הערען. דאָס האָבען געמוזט קומען היימישע, וואָרום זיי האָבען באַלד די קליאַמקע פון טהיר געפונען, אויפגעעפענט, און אין „שטוב“ אריין.

אין דער ברייטער, לאַנגער „שטוב“ איז קיינער ניטאָ. זי איז פול מיט שאָטענס; די גרויסע ווינטער-לאָמפּ מיט דער ברייטער שיין, ווי א באָבע אין א ברייטען פאַרטוך, ברענט זיך איינע אליין צווישען די שאָטענס אין מיטען שטוב. די אָנגעקומענע אידען זיינען אין לאַנגע, ברייטע שאָפּען-פעלצען, די ברייטע קאָלנערס זיינען ביז'ן האַל-

בען רוקען פערוואָרפען און ביים האַלז מיט אַ ברייטען, רויטען שאַל פערבונדען ; צווישען די טונקעלע פאַלדען, וואָס פערוואָרפען זיך אין די פעלצען, האַלט זיך נאָך אויף דער טונקעלער סוד פון דער נאַכט, וואָס זיי האָבען פון דרויסען מיטגעבראַכט... אויף די קעפּ האָבען זיי שאָפּענע היטלען מיט „לאַפּען“ איבער די אויערען פערבונדען, און אַן אייז־הויף איז איבער די היטלען און קאָלנער פערפרוירען. דער „אייז־הויף“ ווערט פון דער שטוב־וואַרימקייט צוגאַנגען, און טראָפּען וואַסער רינען פון די היטלען, פון די פעלצען ; און ביים דרעהען זיך איבער׳ן שטוב לאָזען זיי נאָך זיך שפּורען וואַסער איבער. זיי זיינען צו צום גרויסען אויווען, וואָס איז אין אַ ווינקעל פון שטוב געשטאַנען. דער אויווען האָט זיין היץ פּאָראויס פּאַר זיך געשיקט און נישט צוגעלאָזט צו זיך. די וואַרימקייט האָט זיי ארומגענומען. זיי האָבען זיך די פעלצען אויסגעטהאָן און זיינען געבליבען שטעהן אין די דיקע מאַנטלען, ארומגעגארטעלט מיט רויטע גארטלען. ערשט דאן האָבען זיך אָנגעהויבען די בערד צו ווייזען. טהייל ווייס טהייל שוואַרץ, טהייל קורצע טהייל לאַנגע. די יונגערע האָבען דעם אָרט ביי׳ם אויווען פּאַר די אַלטע אָבגעלאָזט און אליין זיינען זיי געפאַלען ווער אויף א באַנק, ווער אויף אַ טיש, און האָבען אָנגעהויבען צו דרעמלען. די אַלטע זיינען שטילשווייגענד ארום אויווען געזעסען, און א מאָל האָט איינער דעם אַנדערען א קשיא פון געשעפט געפרעגט, און נאָך אַ לאַנגע ווײלע האָט יענער איהם אַ תירוץ אָבגעענטפערט.

די נאַכט האָט ערשט יעצט אָנגעהויבען דורכ׳ן פענסטער אַריינצוקוקען דורך גרויע ברילען, און עס האָט זיך געדאַכט, אזוי ווי מען וואָלט אַ פּאָר טונען ליכטיגקייט אין א פינסטערען נאַכט־ים אַריינגעגאָסען. און דאָס ליכטיגקייט האָט דאָס פינסטערניש קוים מיט עטוואָס נאָר גרויער געמאַכט. פון ערגעץ־וואו האָט זיך אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער קוקירעקו פון אַן אויפגעכאַפּטען האָהן געלאָזט הערען ; רעדער קלאַפּען אויף שטיינער און זיי שלאָגען אָב איינזאם אין דער שטילער נאַכט. די נאַכט קוקט אַלץ מעהר מיט גרויע ברילען דורכ׳ן פענסטער אריין, אַפּנים מען גיסט אַלץ מעהר טונען ליכט אין דער פינסטערניש... פון אַ צווייטער שטוב הערט זיך רודערען, וואַסער גיסען, דערנאָך טריט־אויף און אראָבגעהן. באַלד דערהערט זיך פון דער צווייטער שטוב אַן אַלט קול, וואָס זאָגט מיט זעהר א ווײנענדיגען ניגון תהלים.

און דאָס קול געהט זיך פאר זיך אין א וויטען וועג. באלד מישט זיך אריין א דרייסט דין־יונג קול׳בעל, וואָס איילט זיך און ווי עפּעס מיט א פּרעטענזיע מישט עס זיך אריין אין דעם אלטען טרויעריגען ניגון: „אָמר אביי״ און וויל עס פערטומלען. דאָס אַלטע ערנסטע קול, ווי פאַר זיך, מיידט אויס דאָס יונגע קול׳בעל און וויינט אין דער וועלט אריין. די יודען ביי׳ם אויווען אין דער „שטוב״, דערהערענדיג א „קול תורה״, כאפּען זיך אויף, רייבען זיך די אויגען. איינער וואשט זיך די די הענד אָן פענסטער, מען נעהמט באלד ארויס א סדור׳ל פון קע־שענע, און מען ענטפערט אָב מיט א שארפען, האלב־ליטווישען אק־צענט: „למה רגשו גוים״ און עס דאכט זיך, אז די קולות גיבען זיך אָב איינער דעם צווייטען א „שלום עליכם״ איידער מען זעהט זיך נאָך...

און גרויער קוקט אַלץ די נאכט אריין דורכ׳ן פענסטער, אזוי, אז מען הויבט שוין אָן צו צווייפלען, אויב עס איז פאר־טאָג, אדער פאר־נאכט...

פון דער קיך הערט זיך האַלץ האקען, דערנאָך אייער קנאקען, מען גיסט עפּעס איבער פון איין כלי אין דער צווייטער. די טהיר עפענט זיך, מענשען דרעהען זיך, מען קומט אריין, מען גיסט עפּעס אָן, אדער מען לעגט עפּעס אנידער און מען געהט זיך זיין וועג... פון א ווייטער שטוב הערט זיך א קינד וויינען... און עס דאכט זיך, אז די קולות מישען זיך אלע צוזאמען: דאָס יודען׳ס טרויעריגע תהלים זאָגען, דאָס דינגע גמרא ניגונ׳דעל, דער דיענסט׳ס האַלץ־האקען, דאָס פּייער קנאקען, און די קולות גריסען און זאָגען דעם ניי־געבוירענעם טאָג, וואָס קוקט דורכ׳ן פענסטער אריין: גוט מאָרגען!

אין דער שטוב איז שוין האלב ליכטיג. אויפ׳ן טיש זיינען אָנגע־לעגט פעלצען, קאפּאָטעס און שאַלען. א הויכער יונג שלאָפט אויף דער קאנאפּע און שטארט זיינע לאַנגע פיס אין דער וועלט אריין...

טהיר און טויערען זיינען שוין אָפען, און מען דרעהט זיך אריין און ארויס. יודען קומען אָן פון פערשיעדענע עלטער, נידריגע און הויכע, מיט לאַנגע און קורצע בערד. מען גיט זיך אָב „שלום עליכם״ איינער דעם צווייטען און תוך כדי דבור איז מען שוין אין מיטען גע־שעפט. מען רעדט און מען קריעגט זיך, אויף טהייל פראגען ענטפערט מען גאָר נישט און אויף טהייל — צופיעל תירוצים. אָט האלט שוין איין יוד דעם צווייטען אונטער׳ן אָרעם און פיהרט איהם אין א ווינקעל אריין

און רוימט איהם עפּעס אין אויער אריין. אַ צווייטער שטעהט ביי'ם טישעל, קוקט אין אַ סדור אריין און ווארפט אַן אויג דאָרט אַהין, און פּלוצלונג כאַפּט ער אויך אַ יוד אונטער'ן ארעם און פיהרט איהם אויך אין אַ ווינקעל אַריין. ווי ער וואָלט יענעם די אויגען געוואָלט אויסשטעכען, ווייזט ער, אז ער האָט אויך אַ סוד. דערווייל כאַפּט זיך נאָך איינער אויף און טהוט זיך אָן טלית און תפילין און שטעלט זיך אַנידער אָב־דאַווענען, אַ צווייטער יוד געהט איהם שוין אין וועג אריין און לאָזט זיך אויך אין דאַווענען אַריין. אין דערזעלבער צייט רעכענען צוויי יו־דען מיט אַ שטיקעל קרייד אויפ'ן טיש, איינער, מיט אַ נאַסען פינגער, מעקט, וואָס דער צווייטער שרייבט, און דער שרייבט ווידער, וואָס דער צווייטער מעקט. אין צווייטען ווינקעל שטעהען צוויי יודען, און איינער, מיט אַ געל בערדעל און אַ רונדיג בייכעל, צעהלט דעם צווייטען געלד אויפ'ן טיש. ער צעהלט ערנסט ווי איינער דאַווענט פרום: 74, 75, 76, ווי ער וואָלט וועלען דערמיט דעם אַנדערען זאָגען: זעה, וואָס געלד בעטייט. אינדעם עפענט זיך די טהיר, און עס קומט אַריין מיט אַ געלויף אַ הויכער יוד, אַ בלינדער אויף אַן אויג, מיט אַ לאַנגער, רויט־ליכער באָרד, און ער הויבט אָן, אָהן שום טענות און מענות, צו שיטען דעם געלען, וואָס צעהלט דאָס געלד: „רויטער הונד, 250 רובל גיסט דו? וואָס ביסט דו משוגע געוואָרען?" דאָס געלע יודעל צעהלט ווייטער דאָס געלד — 101, 102. „וואָס האָסט דו צו מיין געלד?" טענה'ט אַלץ דער צווייטער. נאָר קוים האָט יענער די פּאָר גילדען צוגענומען, שטעהט שוין דער „רויטער" מיט'ן „געלען" און סוד'ען זיך, שלום געמאַכט. אויפ'ן טיש ליגען פּראָבען ווייץ אין רויטע שנופּ־טיכלעך, און יעדער יוד, וואָס קומט אַריין, כאַפּט אַ פּאָר קערענדלעך, בעקוקט זיי צוערשט, כאַפּט זיי אין מויל אַריין און פרעגט אין דער וועלט אַריין: „וויפיעל דער מאַרק?" ער בעקומט נישט קיין תירוץ, קנאַקט ער די ווייצלעך און קנייטשט מיט'ן שטערן, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין פון זיך טרעפען געוואָלט דעם תירוץ, וואָס ער האָט נישט געקענט אַרויסבעקומען פון דעם עולם.

די „שטוב" איז די שטאָדט־בערזע. קליינע סוחרים'לעך קויפען אויף ביי די פּויערים די תבואה און מען פערקויפט זיי „ר' יחזקאל'ס שפּייכלער". אין דער „שטוב" ווערען אָבגעמאַכט אַלע געשעפטען, נישט דוקא די, וואָס זיינען נוגע צו ר' יחזקאל'ס געשעפט, נאָר אַפילו

דאָס, וואָס איינער האָט עפּעס מיט'ן צווייטען; אָדער גלאַט אַזוי, אַז אַ יוד וויל זיך דרעהען אין אַ „געשעפט“, אָדער אַז אַ יונגערמאַן געהט דעם ערשטען טריט פון קעסט אַראָב און וויל אַריינטרעטען אין האַנדעל, דרעהט מען זיך צוערשט אין „שטוב“. דאָס איז דאָס „בית המדרש“ פון האַנדעל.

ביי דער „שטוב“ איז אָבגעזונדערט אַ שטיבעל, „דאָס קאָבינעטעל“ הייסט עס, פאַר ר' יחזקאל'ן אַליין. ביי אַ פיער־עקענדיגען שרייב־טיש זיצט ר' יחזקאל אויף זיין „פאַטער־שטוהל“. ר יחזקאל, אַ נידריג נאָר אַ דיק יודעל מיט אַ רונדיג ווייס בערדעל, האַלט זיך אָן מיט איין האַנד די ברילען ביי דער נאָז, איין גלעזעל פאַלט איהם אַלע מאָל אַרויס, און ר' יחזקאל הויבט עס אויף, רייבט עס איבער מיט'ן טיכעל, זעצט עס ווייטער אויף דער נאָז, פרעגענדיג עפּעס אָדער אָבענטפערענדיג ר' טוביה'ן, זיין „מענש“. ר' טוביה, אַ הויכער יוד, מיט אַ דאַרען געזיכט, ענטפערט אָב ר' יחזקאל'ן מיט איילעניש און מיט אַ געלעכטעריל, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען: „אַלץ איז גוט, אַלץ איז גוט“.

ר' יחזקאל, איינגעוויקעלט אין זיין לאַנגען ברייטען שלאָפראָק און אין דעם פיער־קאַנטיגען היטעל, קנעטענדיג אַ שטיקעל ברויט צווישען די פינגער האָרכט אוים זיין מענש, אַ מינוט בייזערט ער זיך, אַ מינוט ווערט ער ווייטער גוט, וועלענדיג זיך מיט זיין מענשען בעראָטהען.

ר' יחזקאל רוקט אויף אַ שופלאָדעל, נעהמט אַרויס אַ פּאַפּיער און זאָגט צו ר' טוביה'ן:

— וואָלף מוז נאָך דאַנציג שרייבען, אַז דער ערשטער טראַנספּאָרט איז עקספּעדירט.

עס עפענט זיך די טהיר און צוערשט שטעקט זיך אַ קאָפּ אַריין, זאָגענדיג: גוט מאָרגען! און דערנאָך פערשווינדעט דער קאָפּ און עס בעווייזט זיך אַ הויכער פויער מיט לאַנגע, פערבלאָטיגטע שטיוועל, וואָס לאָזען נאָך זיך אָן אָנזעהענדיגען צייכען. דאָס פּנים איז ביי איהם רויט פון היץ, טראָפּענס שוויים רינען פון די פייכטע האָר, און ניט ריידענדיג קיין וואָרט, קנעפּעלט ער אויף זיין פּאַלטאָ, דערנאָך די וועסט, און שלעפּט פון דאָרט עפּעס אַרויס און גיט איבער אַ בריוועל ר' יחזקאל'ן.

בעת ר' יחזקאל לייענט, ווענדט זיך דערווייל ר' טוביה צום פויער. ר' טוביה רעדט צו איהם, דער פויער ענטפערט איהם אָבער נישט. ער קוקט אויף ר' יחזקאל'ן, ווארטענדיג אויף עפּעס.

— דעם וואָגען שפּאַנען! איך אַליין פאָהר קיין טריסק.

— איך האָב דענסמאָל באַלד נישט געהייסען געהן מיט וואסער, צוויי וואָכען פאר די ימים טובים, ווער ווייסט וואָס ס'קען זיך מאַכען? ביי די ערשטע פרעסט, אז עס נעהמט געזונד — זאָגט ר' טוביה צו ר' יחזקאל'ן מיט א מין ווייכען געבייזער, אַליין שוין פערשטעהענדיג אין וואָס עס האַנדעלט זיך.

— פערפאַלען, דאָס האַלץ שטעלען האָב איך געמוזט, די טראַטוועס זיינען געוועען געבונדען גאַנץ גוט, די שטריק שטאַרק, די טעג שעהן, געה רעכען זיך?! וואָס קען מען מאַכען; עס איז געוועען מן השמים, געה רעכען, פאַר חנוכה וועט זיך די ווייכסעל שטעלען.

— מען דאַרף אַנטיק'ן און סאַקאַלסקען מיטנעהמען, אויפ'ן בוידעם ליגען עטליכע הונדערט שאָק פרישע „סטראָנקעס". די האַקעס, די שטריק, — גיט אַן עצה ר' טוביה.

— דאָס אייז הויבט זיך אָן ריהרען, שרייבט מען מיר, גאָט זאָל געבען, אז די קראַכעס זאָלען נישט זיין גרויס, נאָר טריסק דאַכט זיך איז א שטיל אָרט, עס איז נישט שטראָמיג און מיט גאָט'ס הילף, ווען דאָס אייז זאָל נאָר נישט מיט א מאָל ברעכען, וועט מען קענען דאָס האָלץ ראַטעווען — זאָגט צום סוף ר' יחזקאל.

— מיט גאָט'ס הילף.

— קיין גאָמבין דאַרף מען די גאָמבינער צוויי הונדערט רובל שיקען, און בצלאל צו ר' אברהם פּלאָצקער, זאָל ער אין שעמעניץ קויפען. איך האָב מורא, אז די שעמעניצער זאָלען נישט די שעפּסען אויסכאַפּען, לאָזען טאָר מען זיך נישט.

און ריידענדיג זיינען זיי ביידע אין דער צווייטער שטוב אריין.

דער עולם איז האַלבלעך געוועען אין הויף ביים שפּייכלער די תבואה אָבוועגען, אין דער „שטוב" זיינען נאָר געוועען די אורחים, וואָס זיינען געקומען ביי נאַכט מיט תבואה אין „שטוב" אריין. און נאָך צוויי שטאָדטישע מעקלערס, איינער א יוד אין א „גוי'איש" היטעל, מיט א קראַגענדיל און א קורץ רעקעל און מיט א שטעקען אין דער האַנד, — דאָס איז געוועען „קאָזעק", דער פּריצישער מעקלער,

ער איז געווען געשיקט פון דער צוקערניע פון א פריץ צו ר׳ יחזקאל׳ן. ביי יעדען ווארט, וואס ער האט געזאגט, האט ער דערמאהנט דעם פריץ מיט דער „צוקערניע“. דער צווייטער איז געווען ר׳ חסקל עפּשטיין, א יוד א חסיד, אמאל אליין א סוחר, היינט אן אבגעקומענער, א מעקלער איז ער געווארען נאר איבער׳ן נאמען „עפשטיין“: עפּעס דער נאמען פּאסט צום געשעפט. ער טראגט א בעשטענדיג בעפלעקטע און צוריסענע קאם־זיידענע קאפּאטע, וואס האט נאך נישט דעם נגידישען גלאנץ אנגעווארען.

ר׳ יחזקאל האט די יודען „שלום עליכם“ אבגעגעבען, און איידער זיי האבען נאך אנגעהויבען א ווארט אויסצוריידען, האט ער זיי צום כיור געשטופּט נאך זיך, אז זיי זאלען זיך וואשען צום עסען. דענסטמאל איז אין שטוב אריין א הויכע, דיקע יודענע אין א ברייטער שירץ. דער דיקער באנד פון איהרע שליסעלעך קלינגען און זאגען אן, אז זי קומט, און די בריליאנטענע אוירינגלעך בלאנקען אין איהרע אויערען. זי האט א ריין, ווייס טישטוך איבער׳ן אנגעשריעבענעם טיש געלעגט, און זאגענדיג צו די מאנספערשוינען מיט א ברייט בעל־הבתישען קול: ר׳ טוביה, וואשען, ר׳ נאטע שאכלינער, וואשען — האט זי צום טיש געגרייט.

די אורחים האבען זיך געלאזט שטופּען צום כיור, פון הינטען איז געגאנגען דער מעקלער עפשטיין. מלכה׳לע האט ברויט אויפ׳ן טיש אויפגעלעגט, דער עולם האט זיך ארום טיש געזעצט, פון דער קיך האט זיך געטראגען דער ריח פון געפּרעגעלטע ציבעלעס און די פּארע פון רויטען בוריקע־בארשטש, וואס האט דערמאהנט פון „פסח“ און האט געוועקט די תאוה צום עסען. עפשטיין איז געזעסען ביים טיש, ווי איינער פון די אורחים, האט געגעסען און געזאגט גלייך־ווערטלעך. דער צווייטער מעקלער קאזעק איז געזעסען אין א ווינקעל אויף די אנלעהנען פון שטוהל און זיך די וואנצעס געדרעהט. ער איז געזעסען אויף אזא ארט, אז מען וויל האט מען געקענט מיינען, אז ער זיצט יא ביים טיש, און אז מען וויל קען מען מיינען, אז ער זיצט נישט ביים טיש. ער האט געקוקט אויף עפשטיינען פון דער הויך. נאר די דיענסט, ווייזט אויס, האט זיך טועה געווען און איהם געמוזט רעכענען, אז ער זיצט אויך ביים טיש, ווארום זי האט פאר איהם אויך אנידערגעשטעלט א טעלער. ער, הייסט עס, האט זיך

אויך טועה געווען, און צוגערוקט זיך צום טיש עסענדיג אויך אויף אַזאַ אַרט, אַז מען וויל קען מען מיינען, אַז ער עסט ביים טיש, און אַז מען וויל קען מען מיינען, אַז ער פערזוכט נאָר...

---

אין הויף איז איצט גאָר אַן אַנדער לעבען. אַ פּאָר פּורים־טאָג. דער ווינטער איז נאָך אויף דער ערד, אָבער דער פריהלינג שמייכעלט שוין פון הימעל אַראָב, און פון אַלע פיער זייטען וועלט. דער לאַנג־געפרוירענער שנעע, וואָס איז דורכ'ן ווינטער אַ צווייטע ערד געוואָרען, צורינט און צוגעהט ווי שנעע אין וואַסער. דער זון'ס ליכטיגע טעכ־טער — די שטראַהלען — בלאָנדזשען אין דער בלאָטע אַרום. אין הויף איבער די קעפּ פליהען טויבען אַהין און צוריק, קומען אויף דער ערד אַראָב, כאַפּען אַ קערענדיל האָבער און מיט אַ גדולה פערשפּרייטען זיי זייערע ווייסע פליגלען און מאַכען פליטה. אין הויף זיינען קערנער האָבער פערוואָרפען, דער הויף איז אין שפּע איינגעטונקט... און היהנער דרעהען זיך, פּיקען די קערנדליך און וואַרפען זיך יעדען פּאַר די פיס. ביים שטאַל אויף אַ קייט, אונטער אַביידעל ליגט „בורעק", אַ גרויסער קודלאָוואַטער הונד. ער שטעקט זיין דיקען קאָפּ אַרויס און וואַרט אויף אַ בעפעהל. אין הויף, ווי אין ישעיהו הנביא'ס צייטען, דרעהען זיך אַרום אַ ווייסע ציג מיט געדרעהטע הערנער און אַ נידריגער שעפּס, וואָס האָבען צוזאַמען שותפות געמאַכט און ציפּען צוזאַמען פון די בינטלעך היי, וואָס ליגען אויף דער פוהר אין מיטען הויף.

אויף דער צווייטער זייט הויף ליגען איינגעפרוירענע ברעטער און קלעצער, אויף דער האַלב איינגעזונקען אין שנעע. יונגען קריכען איבער די קלעצער, דערגרייכען ביז'ן שפּייכלער. די טהירען פון שפּייכ־לער שטעהען אָפען, און פאַר די טהירען שטעהט אַ גרויסע וואָג. איינער לעגט אַרויף געוויכט אויף דער וואָג, און דער „שרייבער" (אַ יונגערמאַן אין אַ פּעלצעל און אין אַ פוטערנעם קאָלנער) האַלט אַ ביכעל אין דער האַנד און שרייבט די געוויכט אין ביכעל אַריין. דורך די אָפענע פאָרטקע קומען אַריין צופאָהרען איין פוהר נאָך דער צוויי־טער, מען נעהמט זעקלעך אַראָב, מען וועגט אָב, און מען טראָגט זיי אין שפּייכלער אַריין.

נאָטע דער יונג ביי די פערד, אַ הויכער ברייט־ביינינער, פון ר' יחזקאל'ס „גוואַרדיע", מיט אַ שוואַרץ, אָבגעברענט געזיכט, מיט

ליכטיגע צוויי גרויסע אויגען, וואָס קוקען פון דערווייטען ווי צוויי שטורקאַצען, פיהרט אַרויס פון שטאַל צוויי הויכע פערד, בולאַנעס. איינס פון די פערד האָט אויפ'ן שטערען אַ שוואַרצען רונדען פלעק, וואָס האָט פון צווישען זיין גרויען שאָקאָלאַד־קאָליער ווי אַ שוואַרץ אויג געשיינט. די האָר ביים האַלדז זיינען ביי ביידע פערד געווען צוקעמט און איינגעפלאָכטען אין פלעכטלעך. די האָבער־קינדער זיינען געווען די ליעבלינגען פון ר' יחזקאל'ן. זיי האָבען איהם פערשטאַנען, האָבען געוואוסט, ווען דער וועג איז נויטיג. די בייטש האָט מען נאָר פאַר זיי אַלס פאַראַד געהאַלטען. עס איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז זיי זאָלען איהם שבת אין וועג איבערלאָזען. זיי האָבען עפּעס ווי געפיהלט, ווען עס איז פרייטאָג און מען דאַרף זיך אויף שבת אהיים איילען. ער האָט זיך געקענט אויף זיי פערלאָזען. און ווען זיי פלעגען אַזאַ „שטיקעל" ווייזען, האָט ער זיי אַליין מיט זיין האַנד געגלעט...

געזאָגט האָט מען, אַז ר' יחזקאל'ס פערד זיינען נשמות פון אַלטע בעלי־חובות, וואָס זייערע וועקסלען ליגען נאָך ביי איהם אין שאַנק, און זיי קענען נישט קיין רוה אין קבר האָבען, ביז זיי וועלען איהם דעם חוב נישט אָבצאָהלען...

נאָכט האָט געטראָגען זיין ווינטערדיג קורץ פעלצעל מיט לאַנגע לעדערנע שטיוועל און אויפ'ן קאָפּ דאָס זעלנערישע רונדיגע פוטערן היטעל, אויף וועלכער עס האָט נאָר דאָס „בלעכיל" געפעהלט. און מיט אַ מין רחבות'קייט האָט ער זיינע חברים צוגעפיהרט צום וואָגען, זיי די באָמעטקעס מיט די מעשענע קאַנטען אויף די העלזער אָנגע־טהון, און מיט דעם נייעם געשפּאַן אויסגעציערט. דערנאָך האָט ער די בלאָהע בענדערנע לייצעס ביים דישעל פערבונדען און ער האָט זיך גענומען צום געזעס. אַנטיק האָט פון בוידעם די האָקעס מיט די שטריק אַראָבגענומען און זיי אונטער'ן געזעס פערפּאַקט. אַריינגעהענדיג אין שטאַל, האָט דערווייל נאָטע אין פענסטער פון דער קיך אַן אויג געוואָרפען, זיין אויג האָט זיין שליחות ער־פילט, און באַלד נאָך איהם האָט זיך נאָכגעלאָזט יענטע דאָס דיענסט־מיידעל. דאָס רויטע, געזונדע בלוט, וואָס האָט אין איהרע דיקע, פליישיגע הענד געדונען, האָט דורך דעם צוריסענעם קאַפטען אַרויס־געשפּראָצט. איהרע שוואַרצע לאָקען איבער'ן רויטען געזיכט, און

די שווארצע אויגען מיט די שווארצע, שארפע ברעמען אין איהר יונג־בלוטיג געזיכט האָבען „ווערטער גערעדט“, — „פייער און פלאַם“. זי איז פלינק אריין אין שטאַל נאָך נאָטען, און נישט ריידענדיג קיין וואָרט, האָט זי פון אונטער'ן קאפּטען אַ האַלבע געקאָכטע הוהן ארויס־גענומען און איהם דערלאַנגט.

נאָטע האָט עס צוגענומען, עפּעס ווי עס קומט איהם דאָס.

זי האָט נאָך געוואַרט...

ער האָט געוואוסט אויף וואָס...

און וויל זי האָט געוואָלט, וויל ער דוקא נישט. זי הויבט אויף אַ שטרוי און מאַכט זיך ארויסגעהענדיג.

איצט וויל ער. ער כאַפּט זי אָן, נעהמט זי פעסט ארום מיט ביידע הענד, און האַלטענדיג אין די אָרעמס די בייטש, „זאָטעלט“ ער איהר אָן אַ גראָבען קוש אויף דער באַק.

— נו, זאָלסטו אזוי לעבען, אויב וועסט מיט מיר חתונה האָבען,— זאָגט זי צו איהם, אַוועקנעהמענדיג איהר געזיכט.

— פלינקער, די בעל־הבית'טע געהט, כאַפּ... — מאַכט ער צו איהר און שטופּט זי ארויס.

זי דערשרעקט זיך, כאַפּט זיך אויף, אָבער באַלד איבערצייגט זי זיך, אַז ער האָט זי אָבגענאַרט, בלייבט זי שטעהן ביי דער שוועל פון שטאַל:

— צוברעכען זאָלסט דו די הענד און פיס אויפ'ן וועג! — זאָגט זי מיט אַ שעלמיש געלעכטער ארויסלויפענדיג.

— דו, סוקאַ איינע, — לאָזט ער זיך נאָך איהר.

דאָס שרייבערעל ביי דער וואָג, בעמערקענדיג ווי זי לויפט ארויס פון שטאַל, ווינקט ער צו אַנטיקען דעם הויף־וועכטער.

— פּשאַ קרעוו — לאָזט זיך אַנטיק נאָך איהר.

זי שטעקט ארויס אויף זיי די צונג און ווערט פערשוואונדען אין הויז פון דער קיך.

אַ קנאַק פון נאָטעס בייטש און אַן עזות'דיג רעש'ן פון רעדער האָבען צו וויסען געגעבען, אַז די פוהר שטעהט שוין פאַר דער טהיר געשפּאַנט.

און באַלד האָט מען אָנגעהויבען צו טראָגען פון שטוב אויפ'ן וואָגען פּעקלעך און פּעקלעך. ר' יחזקאל ריהרט זיך נישט אין וועג

אריין אהן „צדה לדרך". ר' יחזקאל האט זיך געוויזען אין גרויסען, ברייטען שאפען־פעלץ, דעם ווינטערדיגען פאלטא מיט די ברייטע ארבעל האט מען איבער'ן געזעס געלעגט (ווארום א טאג איז געווען א שעהנער, דער פראסט האט געלאזט, און די זון האט אין הימעל געלאכט), נאך איהם זיין וויב מלכה'לע — מיט א ברכה אויף די ליפען, און חברה קינדערלעך, קליינע און גרויסע, טהייל האלטענדיג אין די הענד גמרות — מיטגענומען אין חדר אריין נאכ'ן אנבייסען, קלענערע — בייגעל מיט פוטער, נאך טהייל האט דער „בעהעלפער" אונטערגעשטופט: „אין חדר אריין". די קינדער אבער, מעהרסטענ־טהייל אין פעלצלעך אנגעטהון, ווארטען ארום דער פוהר.

— זיידעשי, זאל דער זיידעשי פאהרען געזונטערהייט!

— בלייבט געזונד און לערענט מיט חשק! — האט זיי דער זיידע איטליכען בעזונדער די האנד געגעבען, פון דער הויזען־קעשענע א גרויסען בייטעל ארויסגענומען און די קינדער לעצט־געלד געטהיילט.

פון דעם פענסטער פון צווישען די צוויי געהאפטענע גארדינען האט א מיידעל'ס געזיכט ארויסגעשיינט. דאס האלבע געזיכט, אן איידעל געריטעלטע באק מיט א שווארצען זיידענעם לאק און מיט א בלאהען באנד פערבונדען, האט איידעל און אריסטאקראטיש פון דער־ווייטען צום פאטער אהין געשאקעלט:

— פאהר געזונדערהייט, טאטעשי!

ר' יחזקאל איז אויפ'ן וואגען ארויף. זיצענדיג אויפ'ן וואגען, האט ער נאך עפעס מיט ר' טוביה'ן, זיין מענש, גערעדט, געזעגענט זיך, און אהין געשאקעלט צו מלכה'לען: בלייב געזונד, בלייב געזונד! דערנאך צום מיידעל'ס ליכטיגען געזיכט: בלייב געזונד, לאה'לע! און צו די אייניקלעך פון וואגען אנגעזאגט:

— איהר זאלט בעגעהרען צו לערנען!

אין א ווינקעל איז יענטע געשטאנען. איהרע הענד האט זי אויפ'ן הארץ פערלעגט און געקוקט אויף נאטען, ווי ער זיצט זיך „שטייף" און שטארק אויף דעם „קארשעל" אין זיין קורץ פעלצעל, און דאס ממזר'ישע, וואוילעשע היטעלע ווינקט אראב צו איהר. ער האלט די לייצעס אין דער האנד, גרייט אין דער וועלט זיך צו לאזען, ווי זיינע פערד, די חברים, וואס קענען נישט איינשטעהן און האקען מיט זייערע פאדקאוועס אויף די שטיינער.

יענטע האָט געשמייכעלט.

נאָטעס א קנאַל פון דער בייטש האָט איהר א גרוס אָבגעגעבען: בלייב געזונד, יענטע!

די סאָפּענדיגע פערד האָבען זיך אין דער וועלט געלאָזט, אויס־מיידענדיג דאָס שטילע, רוהיגע, פריה־מאָרגענדיגע שטאָדט־געסעל — און נאָטע מיט'ן זעלנערישען היטעל איז ערגעץ־וואו פערשוואונדען געוואָרען...

---

אין דער „שטוב“ ביי ר' יחזקאל'ן איז איצט שטיל. דער עולם האָט די געשעפטען אָבגעמאַכט. די פרעמדע, וואָס זיינען ביינאַכט געקומען, האָבען זייערס פערקויפט, איינגעשפאַנט און אָבגעלאָזט זייער אָרט אַנדערע סוחרים, וואָס וועלען קומען ביי דער נאַכט. די גרויסע קאַנאַפּע זעהט זיך ערשט איצט אַרויס מיט איהר לעדערנעם, אַלט־מאָדישען איבערציהער און מיט אַלע איהרע „גריבער“ און „בערגער“, וואָס זיינען אין איהר. דער לאַנגער טיש אין מיטען „שטוב“ איז בעשריעבען מיט קרייד, דער שווארצער אויוועז איז בעשריעבען, די הויכע שאַנק איז בעשריעבען און אַלע שטוהלען און בענק זיינען „אָנ־געדעכענט“, און די רעכענונגען אויף טיש און בענק, אויף שראַנקען און ווענד זעהען אויס ווי כלי־זיין, וואָס די זעלנער האָבען זיי איבער־געלאָזט אויפ'ן שלאַכט־פעלד און זיינען אַנטלאָפען פון זיי. און די רעכענונגען קוקען איינע דער צווייטער אָן, און קריעגען זיך, און שטעכען איינע דער צווייטער די אויגען אויס...

באַלד זיינען אריינגעקומען צוויי נידעריגע, פעטע יונגע־מאַנטשיק־לעך: חאצקיל און בעריל, מיט נידעריגע, רונדיגע בייכלעך. די משפחה־גריבעלעך ביי זייערע ווינקעל־נעזער זאָגען אויס, אז זיי זיינען ברידער; ר' יחזקאל'ס שוועסטער־קינדער. אמאָל זיינען זיי צוויי יונגע לייטלעך אויף קעסט געווען — היינט זיינען זיי אויך נאָך קעסט־יונגע־לייטלעך — נאָר זיי דרעהען זיך שוין אין „שטוב“ ארום. משפחה מיט'ן שטוב, קומען זיי נאָכ'ן אָנבייסען צולעגען זיך אויף דער קאַנאַפּע, פאַר מיטאָג.

ביידע מיט א מאָל, ווי עס פּאַסט פאַר צוויי ברידער, האָבען זיי זיך ביינאַנד אויף דער קאַנאַפּע ארויפגעלעגט. די פּאַלטאָס אויס־געטהון, קונציג זיי פאַר קישעלעך געמאַכט און אונטער די קעפּ זיך

ארונטערגעלעגט. צוערשט האָבען זיי זיך אין דער שטיל — אזוי ווי עס וואָלט זיי א שאָד זיין אויף דעם א וואָרט אויסצוניצען — געשטופּט זיך, געשטויסען זיך. יעדער האָט פאר זיך דעם אָנלעהנער געוואָלט. נאָר אזוי ווי זיי האָבען זיך אָהן ווערטער געקריעגט, אזוי האָבען זיי אויך אָהן ווערטער צווישען זיך שלום געמאכט. איינער האָט דעם אָנלעהנער גענומען, און דער צווייטער האָט זיך צו זיינע פוסענס געלעגט.

חאַצקיל, דער עלטעסטער ברודער, האָט קונציג זיך געקראַצט מיט איין פינגער אין זיין נעל בערדעל און האָט זיך פערטראַכט אויף א רעכענונג, וואָס איז איהם געגענאיבער פאר די אויגען געשטאַנען:

— 7 מאָל 38 וויפיעל האָבען מיר, הא, בעריל?

נאָר בעריל האָט איהם מיט דער נאָז אָבגעענטפערט. האָט זיך חאַצקיל מישב געווען, זיך צו דער וואַנד אויסגעדרעהט, און עפּעס ווי וועלענדיג אָבטהון בערל'ען, האָט ער אויך דאָס זעלבע געטהון...

## II.

# אַ הייזעל ביי דער ווייכסעל

איינם אַליין און פאר זיך אַליין שטעהט זיך אַ הייזעל אין טהאָל צווישען צוויי הויכע בערג, וואָס לאָזען זיך הויך און ווייט אין דער וועלט אַריין,ביים ברעג פון טייך ווייכסעל. ווינטער איז עס. גאָט׳ס וועלט איז אין גאנצען אין שניי פערטרונקען. אונזער הייזעל, ווי אַן אַלטער בעל הבית אין תכריכים, שטעהט זיך ביי׳ם ברעג, קוקט זיך צו צום פערפרוירענעם טייך, זיין שכן, און עס שוויגט, ביז דער טייך וועט צו תחית־המתים אויפשטעהן. דערווייל איז דער טייך געשטאָרבען, געפרוירען און מיט אַ ווייסען קיטעל איינגעהילט. ראָבען פליהען אויף זיין ברייט און לענג, שטעלען זיך אויף דעם טייך׳ס רוקען און לעכערען זיין אָבגעטאָקטע דעקע. טהיילמאָל געהט אַ מענש איבער׳ן טייך, און דעם מענשען׳ס פים טוקען אין דעם ווייסען, טיעפען שניי. און פוןביידע זייטען הייזעל זעהען אוים די הויכע בערג, ווי שטיקער געפאַלענע פליעגלען פון אַן אָדלער, וואָס ליעגען איינער אויפ׳ן צווייטען, אָדער ווי שטיקער געפרוירענע וואָלקען וואָלטען געפאַלען איינם אויפ׳ם צווייטע. אויף די רוקענם בערג קריכען נידריגע שניי־בוימעלעך; איין בוימעל, בעדעקט פון קאָפּ ביז די פים אין שניי, האָט זיך אויפ׳ן שפּיץ באַרג ארויפגעכאפּט. עס שטעהט איינם אַליין אין דער הויך און עס קוקט זיך ווייט און ברייט אין דער ווייסער וועלט... ביי׳ם ברעג פון טייך, צו־פוסענם דעם באַרג און צו־קאָפּענם דעם טייך, שטעהט אַ שערענגע בוימער, איינם נאָכ׳ן אַנדערע מיט שניי בעדעקט, וועלכע זעהען אוים ווי ווייסע עדות, וואָס שטעהען און היטען דעם ריעזיגען מת, דעם טייך...

אין דעם הייזעל זיצט אַ משפחה פון יאָהרען־לאַנג. דאָרט לעבט מען מיט זיך און מיט׳ן טייך, דעם שכן. „חיים איבערפיהרער׳ס“

הייסט דאָס הייזעל היינט. אמאָל מיט א דרייסיג יאָהר צוריק האָט עס געהייסען „משה איבערפיהרער׳ס“, און אפשר אין צוואַנציג יאָהר ארום וועט עס נאָר הייסען „דוד איבערפיהרער׳ס“. נאָר עס איז נישט קיין חילוק, דער נאָמען טוישט זיך נאָר מיט די יאָהרען. אָבער דאָס הייזעל, דאָס וואסער און דער נאָמען „איבערפיהרער“ בלייבען ביז איצט. דער היינטיגער „איבערפיהרער“ הייסט חיים און איז א יוד פון א יאָהר פופציג, א הויכער און א דארער. דאָס פנים אויסגע־צויגען און די ווייסע באָרד אויסגעצויגען, און דער הויכער געקנייטש־טער שטערן איז אויסגעצויגען. א וואסער־קינד, אויפגעצויגען גע־וואָרען ביים וואסער, און ווער ווייסט, אויב זיין קבר וועט נישט זיין אין וואסער. נו, וועט עס אין וואסער גופא נישט זיין, על כל פנים וועט עס זיין ביים וואסער. און וועט א געוויסער קומען, וועט איהם דאָס וואסער פון קבר ארויסנעהמען און מיטפיהרען איהם מיט זיך קיין דאנציג, אזוי ווי עס האָט מיט זיין פאָטער און מיט זיין זיידען געטהון... און וואָס איז דער אונטערשיעד, צי מיט דער ערד, אָדער מיט׳ן וואסער אויסגעמישט צו ווערען? די ערד איז טויט, זי שווייגט תמיד און שטעהט אויף איין אָרט, דאָס וואסער לויפט, איילט זיך אין דער וועלט אריין, עס לעבט באַטש...

משפחה מיט׳ן וואסער איז ער שוין פון לאנג. דאָס וואסער דארף יעדעס יאָהר א מענש, און זיין משה׳לע איז שוין פון לאנג מיט׳ן וואסער געוואָרען אויסגעמישט, און דרעמעלט דער „איבער־פיהרער“ א מאָל שבת נאָכ׳ן מיטאָג ביים ברעג איין, און א כוואַליע קומט צולויפען און רוישט, דאכט זיך איהם, אז משה׳לע מיט זיינע חברים, די כוואַליעס, זיינען איהם געקומען וועקען...

זומער ציהט ער די פרנסה פון וואסער, א גאנצע וואָך איז ער אויף דעם שיפעל, און זיין לייוועגד שפאַלט און שיידט אָב איין הימעל פון צווייטען... שבת. דאָס וואסער פיהרט זיך יודישליך, עס האַלט מיט שבתים און ימים־טובים, שטיל איז עס, עס קושט איין כוואַליע די צווייטע, און ער מיט׳ן ווייב זיצען פאר דער טהיר. ער זאָגט פרק, דאָס ווייב לייענט אין „צאינה וראינה“ און זי דערציהלען די כוואַליעס גאָט׳ס וואונדער, און יעדע כוואַליע כאַפּט א וואָרט און מאַכט פליטה. ווינטער איז דער טייך געפרוירען, צוגעדעקט אין זיין שייד. דאָס הייזעל איז פערשנייט, פערשאָטען פון קאָפּ ביז צו די

פּיס. פון דעם בלומען־פּערקאָוועטען פענסטערל שטאַרט אַרויס דעם איבערפיהרער'ס אַן אויג און בעטראַכט דעם שותּף, דעם טייך, ווי ער איז צוגעדעקט, געפרוירען. דער „איבערפיהרער" קוקט און קרעכצט. צוויי זיינען פערפרוירען: דער טייך הינטער'ן אייז און דער „איבער־פיהרער" אין זיין הייזעל. און ווען דאָס וואַסער רייסט זיך פון הינטער זיין דעקע אַרויס און לעבט אויף, דענסטמאָל קריכט פון זיין ווינטערדיגען קבר אויך דער „איבערפיהרער" אַרויס, האָט הנאה פון זיין שותּף, וואָס איז צו תּחית־המתים אויפגעשטאַנען, און ער שמירט אויס זיין שיפעל מיט סמאָלע.

ביי נאַכט. די געגענד איז אַרום שטיל. דער הימעל קוקט מיט ליעבשאַפט אויף דער וועלט, ווי א טאַטע אויף זיין הויז־געזינד. די פעלדער זיינען מיט שניי בעדעקט, און די בערג זיינען ווי טויטע ריעזען אין זייערע תּכריכים. דענסטמאָל שימערט פון „איבערפיה־רער'ס" פּערקאָוועטען פענסטעריל א שטראַהל ליכטיגקייט אַרויס און דרינגט ערגעץ־וואו אין דער וועלט אַריין. ווייט ערגעץ בלאָנדזשעט א פוסגעהער, ער דערזעהט דעם שטראַהל, וועלכער פיהרט איהם גלייך צום פענסטער פון הייזעל די נאַכט איבערצונעכטיגען.

---

עס איז נאָך ווינטער. מיט שניי אַרום איז אַלץ נאָך בעדעקט, נאָר דאָך קוקט שוין גאָט פון דער הויך מיט קלאָהרע אויגען אַראָב. די זון איז איבער די גרויע ווינטערדיגע וואָלקען פערשפּרייט, און איהרע שטראַהלען לעכערען די ווינטערדיגע דעקע. אויף די אַרו־מיגע בערג צוגעהט דער שניי קלאָר, ריין; קיין מענשענ'ס פוס האָט נאָך נישט זייער ריינע ווייסקייט בעריהרט, און גאַנצע שטראָמען צוגאַנגענער שניי לאָזען זיך גלעטענדיג פון די בערג אַראָב און פאַלען אין דעם האַלב־געפרוירענעם טייך אַריין. דאָס אייז איבער'ן וואַסער איז ריין און דורכזיכטיג, און דאָס וואַסער קוקט דורך איהם, ווי דורך א קלאָהרע שויב אַרויס. טהיילמאָל וואַרפט זיך א פיש אַרויף, האַקט אויף די שויב מיט'ן וויידעל, וואַרפט א בליק אויף גאָט'ס פרייע וועלט און פאַר גרויס גדולה, אַז די מאַמע, דאָס וואַסער, וועט באַלד פון זיך די שויב אַראָבוואַרפען, לאָזט ער זיך טיעף־נאַרקענדיג אין וואַסער אַריין די בשורה די חברים אָנצוזאָגען. און אַלץ אַרום איז בעהאַפטען אייגנם מיט'ן צווייטען, אַלץ האָט דער שניי צוזאַמענגעגאָסען. קלאָהר,

ריין, העל, נאר איין שווארצער פלעק שטערט די ווייסע שניי־וועלט — דאס הייזעל, וואס עס שטעהט זיך איינס אליין אין טהאל.

די חיים'טע געהט מיט'ן עמער צו דעם ברונעם, וואס איז הינטער דעם הייזעל, מיט א מאל דערזעהט זי פון דערווייטענס ר' יחזקאל'ס פוהר. זי האט באלד די פערד דערקאנט, און זי האט צום מאן דורכ'ן פענסטער אריינגעקלאפט.

— חיים, דער סוחר פון די טראטוועס פאהרט.

— געמאכט ווי א חכם, אין א פאר שעה ארום וואלט פון'ם האלץ קיין לעק ניט געבליבען — האט חיים אבגעענטפערט ארויסגעהענדיג אויף דער שוועל פון דער טהיר.

און וואהר איז עס. צווישען די ווייסע פעלדער שווארצט זיך דער וועג און אויפ'ן וועג לויפען צוויי גרויע פערד, וואס קומען וואס א מאל נעהענטער.

באלד איז נאטע מיט א קנאל פון דער בייטש צום הייזעל צור געפאהרען. די פערד זיינען געוועזן צוהיצט, פערסאפעט. ר' יחזקאל אנגעטהון אין זיין דיקען שאפען־פעלץ, איז פון דער פוהר אראב פרעגענדיג:

— נו, וואס מאכען דארט מיינע העלצלעך?

— מיר האבען געטהון, וואס מיר האבען געקענט. מען האט נאך א מאל מיט שטריקאוועס געבונדען, מיט ברעטער צוזאמענגעקלאפט און מיט גראבע שטריק צום ברעג פערפעסטיגט, אבער ווער ווייסט? שפיעל דיך מיט איהר — האט חיים אויסגעלאזט מאכענדיג מיט די האנד, ווי ער וואלט דערמיט געוואלט געבען פערשטעהן די גבורות פון איהר, פון זיין ווייכסעל.

ר' חיים איז צוגעגאנגען צו ר' יחזקאל'ן און האט איהם אבגעשטעקט „שלום עליכם", און ר' יחזקאל איז מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ אין שטיבעל אריין.

אין דעם קליינעם, רוהיגען שטיבעל זיינען געשטאנען צוויי הויכע בעטען, פול אנגעלעגט ביז אין האלבען באלקען מיט דעקען, אין וועלכע עס האט זיך אויפגעהאלטען די פעדערען פון די אלע גענז און קאטשקעס, וואס די יודענע האט צייט נאך איהר חתונה יעדען פריי־טאג געשאכטען — אויף אויסשטייער פאר שוועסטער־קינדער אויף חתונה. פון דעם קליינעם שויבען־שיינקעל וואס איז געשטאנען אין א

ווינקעל שטוב — האָבען רויטע עפּעל אַרויסגעקוקט, וועלכע האָבען פערשפּרייט אַן עפּעל־געשמאַק אין דעם קליינעם דאָרפישען שטיבעל.

ר׳ יחזקאל האָט זיך ביים טיש אוועקגעזעצט. פאַר עגמת־נפש האָט ער דעם שאַפּען־פּעלץ נישט אויסגעטהון און האָט צום פענסטעריל אַרויסגעקוקט. אַרום איז נאָך שטיל, נאָר פון גאַנץ ווייט הערט זיך אַ מין גימען. דאָס זאָגט אַן שלעכטע בשורות, און פון ר׳ יחזקאל׳ס ברוסט האָט זיך אוים געוואוינהייט אַ „רבונו של עולם“ אַרויסגעריסען.

נאָטע איז אריין אין שטוב און האָט עפּעס דאָרט ביי דער טהיר געזוכט. די חיים׳טע האָט זיך מיט איהם געקריעגט, וועגען האָלץ האַקען. באַלד האָט אַ פּייעריל געקנאַקט אין קיך — אַ יאַיכעל פאַר׳ן סוחר אָבצוקאָכען. די חיים׳טע ביי דער קיך זעהט, אַז דער סוחר זיצט פערקלעהרט ביים טיש, הויבט זי איהם אָן צו טרייסטען:

— זאָרגט נישט, סוחר, וועגען די טראַטוועס, גאָט וועט העלפען און וועט אייער סחורה פון וואַסער ראַטעווען.

ר׳ יחזקאל האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן די חיים׳טע. זי, אַ יודענע, טרייסט איהם, האָט ער זיך פאַר זיך אַליין פערשעהמט, און איז אַרוים אין הויף.

— פיהרט מיך, ר׳ חיים, צום געהילץ, — האָט ער צו חיים׳ען געזאָגט, טרעפענדיג יענעם צוויי עמער וואַסער טראָגען — נאָטע, קום מיט.

חיים האָט די עמער אין שטאַל געטראָגען. אַלע דריי זיינען הינטער׳ן הייזעל צום געהילץ אַרונטער.

אז מען האָט נישט געוואוסט, האָט מען נישט געקענט בעמערקען, אַז דאָרט ליעגט האָלץ. האַלבליך איז עס אין אייז איינגעפרוירען, און פון אויבען איז עס מיט וואָס צוגעדעקט. נאָר לאַנגע ברעטער זעהען זיך וואו ניט וואו אַרוים, און לאַנגע דיקע שטריק זיינען אָני געבונדען אַן דיקע בוימער, וואָס שטעהען ביים ברעג.

— אַ שלעכטע, אַ שלעכטע געשעפט, — ברומט ר׳ יחזקאל פאַר זיך און מעסט מיט דעם שטעקען אין דער לופט לויט דעם אויג, וויפיעל אייל ווייט קען דאָס געהילץ ליגען פון ברעג.

— מען מוז קיין יאַנאַשעץ געהן פויערען שאַפען, וואָס מעהר פויערן, און אַזוי ווי דאָס אייז וועט נאָר אָנהויבען זיך ריהרען, מוז

מען דאָס געהילץ פון וואסער ארויסנעהמען. — וויפיעל עס זאָל קאָסטען — פערפאַלען.

— וואָס דען? אז דאָס איז ווענ אָנהויבען ריהרען, וועט עס דאָס געהילץ ווי א פעדעריל מיטנעהמען — שטימט ר׳ חיים מיט, מיט א מין בעהאַלטענער גאוה אויף זיין וואסער.

— עס ליעגט ניט וויט פון ברעג. אין גאַנצען אן אייל צוויי, דריי.

— מען מוז זיך צואיילען. פון אויבען קומט דאָס אייז אָן אין א לאַדע מינוט, — זאָגט ר׳ חיים שוין געהענדיג.

ר׳ יחזקאל האָט איהם א 5־רובל׳דיגען געגעבען, אז ער זאָל פון דאָרף אָקעוויט מיטברייגגען און אליין איז ער צוריק אין ר׳ חיים׳ס שטיבעל אריין.

אין שטיבעל ביי ר׳ חיים׳ען האָט זיך געטראָגען אין דער לופט א ריח פון קארטאָפּלעס מיט באָבעס (די חיים׳טע וויסט שוין פון לאַנג, אז פון איהרע „באָב“ לעקען די סוחרים די פינגער); די חיים׳טע איז אין גאַנצען אין דער קיך געווען פערטהון. נאָטע איז געזעסען אין א ווינקעל ביי דער קיך, די שטיוועל אויסגעטהון, און האָט זיך די אָניצעס געטריקענט, שמועסענדיג דערווייל מיט די חיים׳טע וועגען א כלה. — די חיים׳טע האָט איהם א שדוך אָנגעשלאָגען מיט איהר׳ס א שוועסטער־קינד פון יאַנאָשעץ, זעהר א שעהן, געזונד מיידעל מיט א פּאָר הונדערט גילדען. און וועט דער סוחר איבער שבת איבערבלייבען, וועט זי איהר שוועסטער־קינד אהער ברייגגען.

נאָטע איז געזעסען און האָט דעם שמועס ערנסט אויסגעהאָרכט און מיט׳ן קאָפּ צוגעשאָקעלט; געוואָלט האָט ער דערווייל ביי דער אַלטער א גוט מיטאָג אויסנאַרען. ער האָט זיין עסק פערשטאַנען. די אַלטע איז באַלד צו איהם משפחה׳דיג געוואָרען. ר׳ יחזקאל איז אריינגעקומען, איז דער שמועס איבערגעהאַקט געוואָרען.

ר׳ יחזקאל האָט שוין געפונען דעם טיש געדעקט מיט עפּעס א מין מאָדנע „צוועל“, וואָס זעהט אויס צו זיין א קאָלדרע אויף די בעטען, מיט א בלעכענעם אויסגעריבענעם לעפעל, מיט א קלינג פון א מעסער און א גאָפּעל, א היימיש־געבאַקען ראַזעוואַנע ברויט, און א זאַלץ־מעסטעל. ר׳ יחזקאל האָט זיך געוואַשען, א המוציא געמאַכט, און די חיים׳טע האָט איהם א טעלער דערלאַנגט, פון וועלכען די

פארע האָט די שטוב איינגענומען. ר׳ יחזקאל האָט קנאָפּ פערזוכט, אוועקגערוקט פון זיך דעם טעלער, די שירים איז פאַר נאָטען געווען...

ר׳ יחזקאל האָט פלינק אָבגעבענשט און איז צום געהילץ אַרויס. ער האָט זיך ביים ברעג אַנידערגעשטעלט און געוואַרט.

און איבער דער ווייט און איבער דער ברייט פון דער ווייסער וועלט האָט זיך זיין אויג פערוואָרפען. דאָס וואַסער לויפט פון די ברעג און עס גיסט זיך איבער׳ן אייז. פון דערוויטענס הערט זיך אַ קנאַק. אַ שטיק אייז, אַ האַלבער טייך קומט אָן און רייסט זיך ווייטער, דאָס וואַסער רוישט שטראָמענדיג אין אַ רינע פון צווישען צוויי שטיקער אייז, און מיט אַ רעש שטראָמט עס פון דער רינע אַרויס און עס לעבערט דאָס אייז, אויף וועלכען עס רינט אַרויף. אַ כוואַליע וואַסער קומט אָן צולויפען און גיט זיך אַ גאָס איבער׳ן אייז, באַלד נאָך דער כוואַליע הערט זיך אַ קנאַק; דאָס אייז שפּאַלט זיך און אַ ריעזיג שטיק פון איהם שטעלט זיך קאַפּויר און ווערט די רגע צושמעטערט אויף שטיקלעך. דאָס וואַסער לאָזט זיך אין אַ שטאַרקען שטראָם אַרויס פון זיין געפרוירענער דעקע, מיטשלעפּענדיג מיט זיך די הרוגים, די צובראָכענע שטיקער אייז, און מאַכענדיג מיט זיי אַ שפּיעלעכיל, אַ דריידעל אין קאָן, צווישען צוויי כוואַליעס, וואָס איינע וויל די צווייטע כאַפּען, און פּאַטשען זיך אין פּנים אַריין...

אָט שווימט שוין דאָס וואַסער און עס ברעכט דאָס אייז ביים ברעג, וואו דאָס האָלץ ליעגט. ר׳ יחזקאל הערט שוין דעם קנאַק. דאָס שטיק אייז איז געפּלאַצט, נאָר עס ריהרט זיך נאָך נישט. דער באָלוואַן איז צו גרויס און צו ריעזיג, אַז דאָס וואַסער זאָל איהם קענען בעוועגען. דאָס וואַסער האַלט דערמיט מלחמה, עס שיקט נאָך אַ כוואַליע און נאָך אַ כוואַליע. דער באָלוואַן ריהרט זיך נישט. קלענערע שטיקלעך אייז ווערען אין איהם צוהאַקט, צושמעטערט און געהען אונטער, נאָר ער שטעהט אָבער נאָך אַ מינוט און אונטער איהם הויבט אָן בורטשען, און דאָס אייז ווערט צוטהיילט אויף קליינע שטיקלעך. אָט ווייזט זיך דאָס געהילץ. איין טראַטווע איז אָנגע־בונדען אָן דער צווייטער, און איינע הויבט זיך, רייסט זיך פון דער צווייטער. ר׳ יחזקאל קוקט אויף זיין פערמעגען. עס שטעהט אין סכנה. די שטיקער אייז פּרובען זיך פון אָרט ריהרען. די שטריק סקריפּען ביי די בוימער. זיי רייסען זיך. די לעצטע מינוט. ר׳

יחזקאל טרעט נעהענטער צום וואסער צו, ער שטרעקט די האנד אויס, ער וויל אָנריהרען מיט די הענד, און קוקט זיך אום, אויב מען זעהט נישט די פויערים — קיינער קומט נישט. דאָס וואסער לויפט, איילט, דאָס איז פלאצט — זיין פערמעגען ראטעווען, אוי, רבונו של עולם, זיין פערמעגען ראטעווען.

קומט אָן צולויפען ר' חיים מיט פויערים א גאנצע מחנה. ר' יחזקאל דערזעהט זיי פון דערווייטען, ער ווינקט מיט די הענד. די פויערים קומען נעהענטער, טהייל האלטען העק, לאָמען, קייטען און שטריק. ר' יחזקאל קריגט מעהר מוטה, ער לויפט פאָראויס — ער קוקט נישט אויפ'ן אייז. דאָס וואסער איז הינטער זיינע פיס, ר' יחזקאל קוקט נישט, — מיט גאָט'ס הילף, די פויערים נאָך איהם, מען פרעגט נישט אויף קיין לוין — וואָס? ווען? מען דארף דאָס האָלץ ראטעווען. מען באפט העק ארויף אויף די טראטעווע, מען שניידט דורך די „שטריקאוועס", מען שניידט אָב איין טראטעווע פון דער צווייטער, דאָס אייז ברעכט זיך, מען האקט, מען ציהט ביי די שטריק, ווער קוקט אויף עפּעס? מען שפּרינגט אריבער פון איין קלאָץ אויף דעם צווייטען — פון ברעג ציהט מען, וויפיעל מען קען ראטעוועט מען ארויס אויפ'ן ברעג. די איינצעלנע טראטוועס בינדט מען מיט שטריק און מען פערפעסטיגט זיי שטארקער ביים ברעג.

און דאָס וואסער האָט זיך גענאָסען אויפ'ן אייז און מלחמה געהאלטען מיט איהם, אזוי, אז דאָס אויג האָט געצווייפעלט, וואָס איז מעהר פון אויבען אויפ'ן טייך: דאָס אייז אָדער דאָס וואסער. מיט א שטראָם האָט זיך געלאָזט און געוואָרפען איין שטיק אייז אויפ'ן צווייטען, און איין באַלוואַן איז מיט'ן קאָפּ אריין אין צוויי־טען און יענעם צושמעטערט אויף שטיקלעך; פּלוצים האָט זיך אויפ־געהויבען א שטיק אייז אין דער הויך און האָט אָבגעהאלטען זיינע חברים, וואָס לאָזען זיך נאָך איהם; און די שטיקער אייז זיינען ארויף איינס אויפ'ן צווייטען, איינס אויפ'ן צווייטען, און א בארג אייז איז אין מיטען וואסער שטעהן געבליבען, דאָס וואסער האָט מיט דרך־ארץ געמוזט פּאר זיי אָבטרעטען. נאָר באלד האָבען די כוואַליעס וואסער, ווי זיי וואָלטען זיך איין האנד געמאכט, גענומען זיך אויף א מאָל אריין אין בארג און איהם צושמעטערט, חרוב געמאכט, און דאָס וואסער האָט זיי אין דער וועלט געפיהרט, היידא...

דאָס וואַסער ברעכט אַלץ, און די פויערים פליהען פון איין שטיק אייז אויפ'ן צווייטען.

דערווייל האָט די נאַכט זיך אָנגערוקט. פון אויבען איז דער הימעל אין אַ כמאַרע געפרוירען געוואָרען, נאָר דאָס וואַסער האָט זיך ווייטער דאָס זייניגע געטהון, און די פויערים האָבען אויך דאָס זייע־ריגע געטהון — שייטלעך האָלץ אין סמאָלע איינגעטונקט און אָנגע־צונדען, און די נאַכט האָבען זיי בעלויכטען; דער עלסטער און מיט איהם די פויערים — איין באַלקע נאָך דער צווייטער אויפ'ן ברעג ארויסגעקראָגען, און דאָס וואַסער האָט גערוישט, געוואָרפען זיך און דאָס האָלץ געשלעפּט צו זיך.

דערנאָך, אַז מעהר ווי אַ העלפט האָלץ איז שוין אויפ'ן ברעג געלעגען, האָט ר' יחזקאל זיין פוהר געשיקט אין שטעדטיל אריין נאָך בראַנפען, אַליין איז ער צו ר' חיים'ען אין שטיבעל אריין.

ביים טיש האָט ער געטראָפען אַ יודען אין אַ לאַנגען פוטער מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד. ער איז געזעסען האַלב „אוועקגעלעגט" אויף אַ שטוהל און געשמועסט מיט אַ בחור'ל פון אַ יאָהר פופצעהן — מיט אַ חן'עווריג פנים'ל, וואָס זאָגט מעהר אויס פון פאָטער'ס נגידיש־קייט ווי פון פאָטער אַליין. ער איז געווען אין אַ סאַמעטען היטעלע מיט פאות'לעך און מיט אַ זיידען האַלז־טיכעל. אַ נגיד'ישער חן און רוהיגקייט איז געווען אין זיין טאַקט, אין זיין מינע. ר' יחזקאל'ן איז ער באַלד געפעלען. ער איז צוגעגאַנגען און די הענט אויסגע־שטרעקט:

— שלום עליכם, יודען.

— עליכם שלום.

— היגע? — האָט ווער פון זיי געפרעגט, אָדער ביידע אינאיינעם.

— איך בין אַ קאָנסקע־וואָליער, מען דאַרף איבער'ן וואַסער — ענטפערט דער יוד מיט דער שוואַרצער באָרד.

— איך בין אַ קאָזמערער, טראַטוועס אין דער ווייכסעל שטע־הען — ענטפערט ר' יחזקאל.

— ווער? ר' יחזקאל גאָמבינער פון קאָזמער, אפשר?

— יאָ. און איהר, ווער זיינט איהר דאָס פון קאָנסקע־וואָליע?

— אָ וואָ, ר' יחזקאל גאָמבינער, — פרעהט זיך יענער און הויבט זיך אויף פון שטוהל — איך בין מרדכי קאָנסקער.

— ר׳ מרדכי קאנסקער פון קאנסקע־וואליע — וואונדערט זיך ר׳ יחזקאל. נו, — ער געהט צו נעהנטער צו איהם און שטעקט איהם די האנד אוים — נו, נו.

— די טראטוועס זיינען נאך איינגעפרוירען אין אייז?

— יא, די טראטוועס זיינען געווען איינגעפרוירען איבער׳ן ווינטער. מען האט גאר נישט געקענט מאכען. זיי זיינען מיט שניי געווען בעדעקט. איצט, געלויבט צו גאט דערפאר, וויפיעל מען וועט קענען.

— א שעהן געשעפט! גאט זאל שומר ומציל זיין — טאטע אין הימעל!

— א העלפט איז שוין אין דרויסען — מיט גאט׳ס הילף! די גוים ארבייטען נישט שלעכט.

א מינוט זיינען זיי ביידע שטיל געבליבען, שטעהענדיג אנגעלעהנט ביים טיש און האבען געקלעהרט א רגע. אין דער שטוב איז שטיל געווען, פון דרויסען האט זיך געהערט דאס גערויש פון וואסער, ווי עס רינט אויף די שטיקער אייז מיט א שטילען ערנסטען געבייזער. פון דער ווייטען האט זיך אבגעשלאגען א לאנג אויסגעצויגען קול, וואס עס האט זיך געדאכט, אז עס געהט פון א פוסטען פאס; די ארבייטער האבען איינער דעם צווייטען עפעס צו וויסען געגעבען, און דאס קול האט זיך מיט׳ן וואסער־גערויש צוזאמענגעמישט, און ווי פון יענער זייט ווערט אבגעשלאגען.

ר׳ יחזקאל האט זיך רוהיג אנידערגעשטעלט אין א ווינקעל און האט אנגעהויבען מעריב דאווענען.

און באלד האט ר׳ מרדכי מיט׳ן בחור׳ל דאס זעלבע געטהון. זיי האבען אלע דריי אנגעהויבען ארויף און אראב איבער דער שטוב זיך צו דרעהען. ר׳ יחזקאל האט פון צייט צו צייט „רבונו של עולם“ געקרעכצט, באלד האבען זיי זיך ביי דער וואנד אנידערגעשטעלט, שטיל געשאקעלט זיך, און שטיל געדאווענט. אין שטוב איז שטיל געווארען, נאר נאטע׳ס שנארכען איז אויפגעגאנגען פון א בעהאלטענען ווינקעל און האט זיך איבער דער שטוב „אויף און אב“ געטראגען. די חיים׳טע איז געזעסען ביי דער קיך, שפענדלעך אונטערגעלעגט, די שפענדלעך האבען אין פייער געקנאקט. די חיים׳טע האט געקוקט אויף די סוחרים און האט פאר זיי דרך־ארץ געקראגען. אזעלכע

גרויסע סוחרים דאוונען אין איהר אָרים איינגעפאַלען שטיבעל, מוז גאָט אודאי זיין ביי איהר אין שטיבעל, און זי — אַ חורבן נאָך איהר! — זי לעגט גאָר העלצעליך אונטער אונטער׳ן פייער. און האָט זיך די האָר אונטער׳ן טיכעל אַרונטערגערוקט...

פלוצלונג ווען עס איז אַזוי שטיל און מען שטעהט שמונה־עשרה און אַלץ אַרום שטעהט שמונה־עשרה, דערהערט זיך פון דרויסען אַ גאָס, ווי אַ ים וואָלט אונטערגעגאַנגען אין אַ ים... דערנאָך אַ לאַנגע ווײַלע אַ שטילעניש.

„האַלטען! האַלטען!" שרייט מען.

דאָס קול האָט מיט רעש אָבגעשלאָגען, אַזוי ווי מען וואָלט מיט דער פויסט אין פענסטער אַריינגעקלאַפּט. די חיים׳טע איז שוין אין דרויסען געווען — נאָטע האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, אַ מינוט האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אויב עס ברענט נישט. באַלד האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָהנט און איז אַרויסגעלאָפען. די דריי זיינען גע־שטאַנען און געדאַוונט. דאָס יונגעל האָט זיך נישט געקענט איינ־האַלטען און איז אין שמונה־עשרה אויסגעטרעטען, ער האָט געוואָלט אַרויס פון שטוב, נאָר דערזעהענדיג, ווי די צוויי יודען שטעהען און ריהרען זיך נישט פון אָרט, האָט עס איהם זעהר באַנג געטהון. ער האָט געוואָלט ווייטער זיך שמונה־עשרה שטעלען, נאָר ער האָט זיך געשעהמט פאַר גאָט, האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו טהון. עס עפענט זיך די טהיר, עס קומט אַריין צולויפען חיים אָהן אָן אָטהעם.

— פאַניע, די דריטע טראַטווע איז אַוועקגעשוואומען.

די יודען שטעהען שמונה־עשרה.

אַ מינוט קוקט זיך דאָס בחור׳ל אָן מיט ר׳ חיים׳ן, און זיי שווייגען.

די אידען געהען אויס שמונה־עשרה.

— וואָס איז? — פרעגט ר׳ יחזקאל.

— שייגאָץ! — הערט זיך אַ קנאַל פון אַ פּאַטש, וואָס ר׳ מרדכי האָט אָנגעמאָסטען זיין זוהן: אין מיטען שמונה־עשרה אויסגע־טרעטען?!

— עס איז אָנגעקומען, אַוועקגעשוואומען.

— אַוועקגעשוואומען!

— מען האָט אָנגעהויבען צו נעהמען „שוועלען" פון דער דריטער

טראטווע, איז אָנגעקומען א גרויס שטיק אייז, ווי א חיה, און היידא, אוועק קיין דאנציג...

— א סך ארויסגעראטעוועט?

— א 40־50 שוועלען.

— געלויבט איז גאָט דערפאר! — ער דערמאָהנט זיך פלוצלונג, געהט ארויף און אראָב איבער דער שטוב, זאָגט עלינו... שפייט אויס, די האנד זוכט שוין דאָס ביכעל אין בוזעם־קעשענע.

קוים אָבגעזאָגט „עלינו", האָט ער זיך אין פעלץ אָנגעטהון און איז ארויס.

אין דרויסען איז די נאכט פינסטער אזוי, אז עס איז שווער צו גלויבען, אז אויבען איז א הימעל דאָ, און אויפ'ן הימעל זאָל נאָך א גאָט זיין...

דאָס וואסער שטראָמט. מען זעהט נישט, מען הערט נאָר די קראפט פון כעס, ווי עפּעס אונגעהייערעס וואָלט געקומען די גאנצע וועלט איינצושלינגען. ר' יחזקאל דערשרעקט זיך. ער הייסט אויפ־הערען צו ארבייטען, מען זאָל נישט די טראטוועס צונעהמען. איבער נאכט זאָל מען זיך אויף גאָט'ס חסד פערלאָזען און איבערלאָזען די טראטוועס ביים ברעג אָנגעבונדען, און ער איז בטוח, אז גאָט וועט איהם ניט פערלאָזען.

און מיט א רוהיג הארץ, מיט בטחון אויף גאָט'ס חסד געהט ער אוועק צוריק צו חיים'ען אין שטוב צו עסען וועטשערע, און מיט א מזומן צו בענטשען.

די סוחרים זיינען געזעסען שטיל ביים עסען. יעדער פערטהון אין זיינע חשבונות. פון דרויסען הערט זיך דעם ווינד'ס קלאָגען און דאָס וואסער'ס גערויש. ר' יחזקאל איז גלייכגילטיג.

— ווי האַלט עס ביי אייך מיט קאָרן? — פרעגט ער ר' מרדכי'ן, כדי די געדאנקען צו פעריאָגען.

— ביי אונז קאָרן? קיין קערענדיל אין די אויגען צו זעהן. ווער האָט?

און נאָך א ווײלע שטיל־שווייגען:

— כ'האָב אפילו א ביסעל ליגען, נאָר, פאר מיר, א ביסעל.

— ווי טהייער?

— צוויי און דרייסיג גילדען, 240 פּאָלניש.

— צוויי און דרייסיג, טהייער, אין אונזערע סביבות א סך בי־
ליגער.

און אזוי ווי זיי וואָלטען זיך שוין געהאַט אָבגערעדט, נעהמט ר׳ מרדכי א זעקעל ארויס, און בינדט עס אויף. ר׳ יחזקאל רייר־דענדיג, שטעקט די הענד אין זעקעל אריין, נעהמט ארויס א פּאָר קערענדליך, כאַפּט איינס אין מויל אריין, שפּאַלט עס, און כאַפּט עס ווייטער אויף די צוויי פינגער און קנעט עס, און לעקט עס.

— דאָס מעהל ניש׳קשה. דאָס טייגעל, ע, (ער קנייטשט מיט דער נאָז). — ווייט פון וואסער?

— א וויאָרסט דריי. א צוויי הונדערט זעקלעך באַלד ביים וואסער.

— ביז ווען?

— חצי אייר.

— צו טהייער, א פינפעריל ארונטער.

ר׳ מרדכי קנייטשט דעם שטערן, א צייכען, אז ער קען ניט.

ר׳ יחזקאל שניידט זיך אָב א שטיקעל ברויט, ניט אזוי ווי צום עסען, ווי עפּעס צו טהון.

נאָטע ביים אויווען הוסט, א פּנים מען האָט פערגעסען אָן איהם, און ער וויל דערמאָהנען.

די חיים׳טע דערלאַנגטע מים־אחרונים־וואסער.

א מינוט שווייגען זיי. דערנאָך הויבט איינער דעם צווייטען מיט די אויגען אָן צו ווינקען: „נו, ר׳ יחזקאל“, „ר׳ מרדכי, נו“. צום סוף איז איינער מסכים און ער הויבט אָן:

— רבותי, מיר ווילען בענשען.

דער עולם בענשט אָב. ר׳ יחזקאל דערהויבט זיך דער ערשטער פון טיש און פרעגט מיט א געלעכטעריל:

— נו, בחור׳ל, קענסט עפּעס לערנען?

— פאר וואָס נים? — ענטפערט דער בחור.

דער טאַטע האָט הנאה און שמייכעלט.

— ער פאָהרט פון דער ישיבה—מאכט א בעמערקונג דער פאָטער.

— וואָס פאר א שיעור לערנסטו?

— דבר וחצי דבר.

— אָ, א וואוילער שיעור. עפּעס מיט מפורשים? און ניט אויסהערענדיג דעם ענטפער פון דעם בחור׳ל, ווענדעט ער זיך צום

פאַטער אין דער שטיל:

— דער קליינער געפעלט מיר.

— אַ וואוילען קאָפּ, — ענטפערט ר' מרדכי מיט אַ וואונק.

— נו, איך וואָלט דאָך געוואָלט קויפען דעם קאָרן. איהר מיינט, אַז איך דאַרף איהם, גאָר נישט, נאָר גלאַט אַז איך בין שוין דאָ. מיט האָלץ וועל איך אַ געשעפט מאַכען? וואָס? דאַרף מען עפּעס קויפען, אַז עס טרעפט זיך צו קויפען.

— נו, אדרבה.

— דאָס פינפעריל אַבפוהר־געלד.

— אַז איך קען נישט.

ר' יחזקאל נעהמט אַרויס אַ גרויסען פּאַק פון אַ הינטער־קעשענע, עפענט איהם אויף, נעהמט אַרויס אַ פּאָר איינצעלנע הונדערטער, און איז זיי מוסר ר' מרדכי'ן.

— וואָס זאָל מען טהון אַז מען קען נישט, — קרעכצט ר' מרדכי און נעהמט דאָס געלד.

און דאָס געשעפט איז געמאַכט.

ווער ווייסט, וועמעס תבואה פון וועמעס פעלדער זיינען איצט איבערגעגאַנגען פון איין רשות אין צווייטען...

און גאָט האָט געהאָלפען. דאָס אייז האָט עפּעס ווי דורך אַ געהיימען בעפעהל די טראָטוועס געמיטען, ווי שוועמלעך קליינע, ווי שפּענדליך האָלץ האָבען זיי זיך אין דעם זודיגען וואַסער געטוקט, געוואָרפען און געטרייסעלט, און פון אָרט זיך נישט גערירט. ר' יחזקאל איז ביים ברעג געשטאַנען און צוגעזעהן גאָט'ס וואונדער, וואָס ער טהוט מיט איהם און פערלאָזט איהם נישט. צוויי טעג האָבען די פּויערים געאַרבייט און דאָס האָלץ אויפ'ן ברעג אַרויפגע־בראַכט, און ר' יחזקאל האָט בעשיינפּערליך געזעהן גאָט'ס הילף.

דאָנערשטאָג האָט זיך ר' יחזקאל מיט ר' מרדכי'ן געזעגענט. ר' מרדכי האָט נעביך געמוזט איבערבלייבען איבער שבת ביי חיים'ען, ער האָט איבער'ן וואַסער נישט געקאָנט אַריבער.

און ווען נאָטע איז מיט'ן קורצען פּעלצעל אויפ'ן וואָגען געזעסען, דאָס זעלנערישע היטעל אויפ'ן קאָפּ, וואַרטענדיג אויפ'ן בעל־הבית, איז די חיים'טע אַרויס אויף די טרעפּלעך. זי האָט געקוקט אויף נאָטען און האָט מיט איהר אַלטען גרויען קאָפּ, וואָס איז אין איהר

גרויען טיכעל געווען איינגעפאַסט, צוגעשאָקעלט. אין מח איז איהר עפּעס אַ געדאַנק קלאָר געוואָרען: אַזאַ יונג איז דאָס, דער נאָטע, אָבגעגעסען ביי איהר (זי האָט איהם מיט דעם בעסטען געפּיטערט), געמיינט, אַז ער וועט מיט איהר, מיט איהר שוועסטער־קינד משפחה ווערען, און ער זיצט זיך גאָר אויף דער פוהר, און די פערד ווילען איהם אוועקטראָגען. אַזאַ יונג איז דאָס... ער האָט זי אָבגענאַרט און קיין רעכטע פּרעטענזיע קען זי דאָך נישט האָבען צו איהם — וואָס טהוט ער דען? ער פאָהרט אוועק מיט זיין בעל־הבית, נו, וואָס דען זאָל ער טהון, ביי איהר איבערבלייבען? אָבער שאָקלען מיט'ן קאָפּ האָט זי געהאַט אויף וואָס — און זי איז אויף די טרעפּעלעך געשטאַנען, געקוקט אויף נאָטען און זי האָט מיט דער גאַמבע צוגע־שאָקעלט.

— אַזאַ יונג איז דאָס! אָ, וואָס אַזאַ יונג קען!

נאָטע האָט דעם קאָפּ אוועקגענומען און געקוקט ערגעץ אין דער וועלט אריין, אַ פּנים געמאַכט זיך נישט זעהן, און האָט געפּייפט צו די פערד.

— ווי ער זיצט זיך דאָ שטייף אויף דער פוהר, — האָט זי געזאָגט מעהר מיט'ן קאָפּ ווי מיט'ן מויל.

— וואָס? האַ? פרעגט נאָטע און שטעלט אויס פרום די אויגען.

— וואָס? וואָס? האַ — און אָנגעפרעסען האָסט דו דיך? און אָנגעזויפען האָסט דו דיך? האַ? וואָס? — האָט די אַלטע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אַ וואוילער יונג נאָטע, אַ וואוילער יונג — כ'לעבען — אָנגעגעסען זיך — אָבגענאַרט די אַלטע — כ'לעבען. אַ שדוך וויל זי? — זאָגט ר' חיים אָנקומענדיג און קלאַפּט נאָטען אויף די פּלייצעס.

— נו, וואָס דען, ר' חיים? — מאַכט נאָטע מיט די אויגען און מיט די פּלייצעס — אַז מען גיט, נעהמט מען.

— און האָסטו ניט צוגעזאָגט אַ חתן ווערען פרעסענדיג און זויפענדיג? — איז די חיים'טע געוואָרען דרייסטער.

— אַלטער נאַר, זאָלסט אַזוי לעבען! און די חיים'טע כאַפּט זיך אויף און לויפט אריין אין שטוב.

באַלד איז ר' יחזקאל אין שאָפּען־פּעלץ אַרויס און אַרויף אויפ'ן וואָגען.

— בלייבט מיר געזונד, — האט נאטע אריינגעשריען דורך דעם פענסטער, ווען די פערד האבען אנגעהויבען צו ריהרען.

— פאהר געזונדערהייד און צוברעך הענד און פיס, האט איהם די אלטע נאכגעשאלטען, פיהלענדיג עפעס אין הארץ, אז ער האט איהר אן עולה געטהון.

נאטע האט איהר מיט א קנאל פון דער בייטש אבגעענטפערט.

# III.
# דער רעכענונג

דאָס האָלץ־געשעפט פון ר׳ יחזקאל׳ן האָבען שותפות פיער שותפים, „קעפּ“ אָבער נאָר דריי: ר׳ יחזקאל אַן עיקר־שותף. דער מחותן, ר׳ חיים ראָזענקראַנץ, א צווייטער עיקר־שותף, און מאָטעלע, ר׳ יחזקאל׳ס אַן אויסגעגעבענער זוהן, טאַקע ר׳ חיים׳ס איידעם, און עוזר׳ל, ר׳ חיים׳ס אַן אויסגעגעבענער זוהן, טאַקע ר׳ יחזקאל׳ס אַן איידעם, — זיי ביידע — א „דריטער קאָפּ“.

די רעכענמייסטערס זיינען דער יונגער דור, מאָטעלע און עוזר. זיי רעכענען היינט־מאָדיש אויף פּאַפּיער מיט טינט און פעדער. יעדער רעכענט בעזונדער, לויפען זיך אַלע ווײלע צוזאַמען און לויפען זיך ווייטער, און קיינמאָל קומט דער רעכנונג נישט אויס ביי זיי גלייך, ביז די אַלטע נעהמען צו שטיקלעך קרייט און הויבען אָן צו רעכענען אויף זייער אופן נאָך — מיט גלייכע און קרומע פּאַסקעלעך און דער רעכנונג ווערט געמאַכט.

דאָס איז א פּראָסטער שבת־צו־נאַכט׳ס־רעכענונג. אַז עס קומט דער יאָהר־רעכנונג (דאָס איז סוף ווינטער און סוף זומער), — דענסטמאָל שיקט מען נאָך ר׳ וואָלף דעם שרייבער, דעם בעוואוסטען חידה־טרעפער — און אויב עס איז נאָך דאָ עפּעס שווערערעס — קומט שערעצקע דער „אַדוואָקאַט“ אַליין, דער וואָס שרייבט אַלע קאָנטראַקטען מיט די שררות.

די אַלטע אין אמת׳ן ווייסען נישט, צו וואָס מען דאַרף די גאַנצע רעכענונגען. פון א רעכענונג פערדיענט מען נישט, און צו קיין רעכענונג לעגט מען נישט צו. און וואָס איז דער אונטערשיעד צו וויסען וויפיעל — ווייסט מען נישט, קומט די ברכה אריין, און וויעדער אַרום, זיי ווייסען דעם גאַנצען רעכענונג אויפ׳ן קאָפּ, ווייסען אין וועלכען געשעפט מען האָט צוגעלעגט, און אין וועלכען פערדיענט.

זיי האָבען אָבגעלעבט זייער ביסעל יאָהרען און האָבען פון קיין רעכענונג נישט געוואוסט, איז אויפגעשטאַנען דער יונגער דור און האָט איינגעפיהרט רעכענען — רעכענט מען, כאָטש נאָך יעדען רעכענונג, ווייסט מען שוין פון פריהער, מוז ארויסקומען א מחלוקה. — „אין אמת'ן — טענה'ן די אַלטע, — וואָס איז דער חילוק: מאָטעלע איז נישט מיין קינד ווי עוזר'ל? מאַכט איינער א ברית, א בר־מצוה, איז עס נישט מיין שמחה פונקט אזוי ווי דיינע?"

דער יונגער דור זאָגט: אז מען דאַרף וויסען פון א רעכענונג, אז דאָס געשעפט „פערלאַנגט" צו וויסען פון א רעכענונג — נו, מילא רעכענט מען, קומען ארוים מחלוקות, זאָל גאָט אויסהיטען.

די יונגע קריעגען זיך, די שנור מיט די טאָכטער. צווישען איטע, מאָטעלע'ס ווייב, און גאָלדע, עוזר'ס ווייב, איז א בעשטענדיגע מחלוקה. גאָלדע, ר' יחזקאל'ס טאָכטער — וואָס איז עוזר'ס ווייב, זאָגט, אז צווישען די צוויי מויערען, וואָס איהר שווער ר' חיים האָט, שטעקט פיעל פון איהר פאָטער'ס געלד. און איטע זאָגט פערקעהרט, אז צווישען די הייזער, וואָס איהר שווער ר' יחזקאל האָט, שטעקט פיעל פון איהר פאָטער'ס געלד. די אַלטע טענה'ן, וואָס איז דער חילוק, — אָדער פון דער מאַמע, אָדער פון טאַטען, נאָכ'ן טויט וועט איהר זיך גלייך טהיילען — זיינען עס דאָך אָבער יונגע מענשען.

גאָלדע, ר' יחזקאל'ס טאָכטער, איז א הויכע יודענע מיט א שייטעל פון דריי לאָקען, וואָס פערוואַרפען זיך אויף איהר גלאַנצענדיגען שטערן, מיט א געשליפען צינגעל, פאַר וועלכען אַלע ציטערען. מען איז זי תמיד געוועהנט צו זעהן אין גאַס מיט יונגלעך פון פאָרענט און מיט יונגלעך פון הינטען, וואָס צופען זי ביי דער ברייטער שירץ: מאַמע, א צווייער! זי איז א שונא אויפ'ם לעבען און טויט דער שוועגערין איטע, — און די שוועסטער רעדט אוים אויף איהר פאַר'ן ברודער מאָטעל, איהר מאַן:

— אוי, אוי, מאָטעלע, ביסט דו אריינגעפאַלען, א רחמנות נעביך אויף דיר, ווי זעהסט דו היינט אוים. פאַר דער חתונה האָסט דו אויך אזוי אויסגעזעהן? יאָ? — הויבט זי אָן צו בעדויערען דעם ברודער, ווען דער לעצטער קומט אריין צו איהר מאַן אין א וואָכענטאָג און טרעפט איהם נישט אין דער היים.

מאָטעל איז שוין געוועהנט, אז די שוועסטער זאָל איהם בע־

דויערען, כאָטש ער ווייסט נישט פאַר וואָס און פאַר ווען. פלעגט ער איהר אַ וואָרט צוואַווארפען: „נו, שוויינ, שוויינ, איך בעט דיך“, און פערלאָזען די שטוב. טהיילמאָל אָבער, אַז זי הויבט אָן אויף זיין ווייב אויסצורײדען, שטעכט דאָס איהם: זי איז דאָך זיין ווייב, פאַלט ער אָן אויף איהר:

— וואָס איז עס דיין געשעפט? דאָס איז מיין ווייב, מיט מיר האָט זי חתונה געהאַט, נישט מיט דיר.

— זיין ווייב... גיט נאָר אַ קוק, ווי ער האַלט פון איהר שטאָהל און אייזען. ר׳ יחזקאל גאָמבינער׳ס שנור איז זי? אַ מכה! חיים „סטשערב׳ס“ טאָכטער איז זי, דיין טאַטענס פערד־יונג׳ס טאָכטער.

— און דיין טאַטענ׳ס פערד־יונג׳ס זוהן איז דיין מאַן, און ווי דו ווילסט? — רייצט זיך מיט איהר דער ברודער.

— מיין מאַן חיים „סטשערב׳ס“ זוהן! — (און פון כעס ווערט איהר גאַנץ פנים רויט) — גיט נאָר אַ קוק, צו וואָס איטעלע קען ברײנגען, זי וועט דיך נאָך ברײנגען אין דר׳ערד אַריין לעבעדיגערהייט, און זי הויבט אָן צו וויינען.

אין שטוב געפינט זיך אַ רעשטיל קינדער, און זיי, הערענדיג, אַז די מאַמע וויינט, הויבען זיי אויך אָן צו וויינען.

מאָטעל נעהמט צוזאַמען די קינדערלאַך און טהיילט זיי צו גראָ־שען, אַז זיי זאָלען אויפהערען וויינען.

גאָלדע לעגט זיך שוין אין בעט אַריין אויף אַ גאַנצען טאָג, און דערנאָך, אַז דער מאַן קומט אַהיים, פאַלט זי אָן אויף איהם:

— דו האַלסט אויך אַזוי פון דיין ווייב ווי מאָטעל? — וואָלסט געזאָלט הערען אויף דיין ווייב אָסור לדבר — וואָלסט דו דיך מיט איין וואָרט נישט אָנגערופען. מענער, מישטיינס געזאָגט.

און עוזר און מאָטעל שטעהעןביידע דערנאָך אין שפּייכלער און בעקוקען דעם ווייץ און ריידען פון געשעפט, גיט עוזר אַ וואָרף אַריין אַ וואָרט צו מאָטלען אין מיטען דערינען, אַזוי ווי פון דער זייט:

— וואָס האָסט דו היינט געוואָלט פון גאָלדען?

— גאָר נישט, נאַרישקייטען.

— אויף אַ גאַנצען טאָג האָט זי זיך אין בעט געלעגט.

— וויפיעל האָסט דו פערשריבען אויף די קראָשענוויצער? — פרעגט ער איהם, כדי איהם פון שמועס אַרויסצונעהמען.

און נישט איינמאל טרעפט זיך די מעשה פערקעהרט, מיט אי־טעלען און מיט עוזר'ן.

---

דער מנהג איז, אז יעדע שוויגער האדרעוועט אויס אינדיקעס אויף פסח און גיט דער שנור. אזוי פיהרט זיך שוין פון יאהרע־ן לאנג. ביי ר' יחזקאל'ן אויפ'ן הויף דרעהען זיך ארום די אינדיטשקעס בעשטימט פאר איטען. ביי ר' חיים ראזענקראנץ אויפ'ן הויף האדרעווען זיך ווייטער די אינדיטשקעס פאר גאלדען.

קומט גאלדע און נעהמט ארויס די אינדיטשקעס פון דער מאמעס הויף און טראגט זיי זיך אהיים. ווערט דאך א געשריי, עס קומט איטע נאך די אינדיטשקעס צו דער שוויגער, און זיי זיינען נישט דא.

— זיי קעהרען מיר אן פונקט אזוי ווי איהר, מיין מאמעס אינדיטשקעס, — טענה'ט גאלדע.

לויפט אהיים איטע צו דער מאמען מיט א געוויין: גאלדע האט איהר די אינדיטשקעס אוועקגענומען. נעהמט די מאמע דער שנור'ס אינדיטשקעס און גיט דער טאכטער אוועק. קומט דאך די שנור צולויפען: איהר חזקה — ווערט, פערשטעהט זיך, א מחלוקה.

נעהמען די שוויגערס און קויפען אין דער שטיל אנדערע אינדיטשקעס און צוטהיילען די שניר.

האבען זיי דאפעלט.

די אלטע לייט ווערען דערפון געוואהר, די קינדער קריעגען זיך, און האבען עגמת־נפש.

א גאנץ יאהר, הייסט עס, זיינען די שניר נישט ברוגז צווישען זיך — „נישט חבר און נישט ברוגז". מען טרעפט זיך אין גאס, שאקעלט מען זיך צו פון דערווייטען מיט אויפגעריסענע נעז. אבער טרעפט מען זיך ביי דער מאמע (נישט קיין חילוק ביי וועלכער מאמע), ווען מען פרעגעלט איינגעמאכטס, זאגט מען זיך „גוט מארגען", „גיט יאהר", נישט קוקענדיג איינע אויף די צווייטע, און מען צוטהיילט זיך דאס איינגעמאכטס אין דער שטיל אהן ווערטער. איינע רוקט צו צו דער צווייטער דעם גרעסערען חלק:

— לאז זי זיך נעהמען, וועלכעס זי וויל — און מען קוקט אויף די וואנד.

— וואס איז דער חילוק, דיינע קינדער וועלען ביי איהר דאס

איינגעמאַכטס מיט געזונד אויפעסען, און דיינע קינדער וועלען עס ביי איהר מיט געזונד פערצעהרען — זאָגט די שוויגער אָדער די מאַמע, געבענדיג יעדערער איהר חלק.

אַז עס קומט אָבער פאַר'ן רעכענונג — נישט פון ווען און נישט פון וואו, הערט מען אויף זיך צו געריסען, און, אַז מען טרעפט זיך ביי דער מאַמען, אָדער ביי דער שוויגער, זעצט מען זיך אַנידער איינע נעגען די צווייטע און מען שווייגט.

די קליינע קינדער אָבער ווייסען נישט פון קיין „גליקען", און גאַלדע'ס אַ קינד לויפט צו דער מאַמען:

— מאַמע, מאַמע, די מוהמע רופט.

די מאַמע שטופט עס אַוועק פון זיך מיט כעס...

---

געוועזען איז עס אין דעם שבת־צו־נאַכט פון דעם יאָהר־רעכענונג.

די שטוב האָט בעקומען גאָר אַן אַנדערען חן. זי איז יום־טוב־דיגער, ווי אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע אָנגעטהון.

איבער דעם גרויסען, לאַנגען, ברייטען טיש צוגיסט זיך דאָס ליכטיגקייט פון דער לאָמפּ. מיט מעהר דרך־ארץ און גאָר מיט אַן אַנדערען חן ברענט זי היינט. דער טיש איז בעלעגט מיט פּעק „פּאַפּיערען" און „פּאַפּיערלעך". פון אויבען אָן אין פּאַטער־שטוהל זיצט ר' יחזקאל. מיט איין האַנד האַלט ער זיך אָן פאַר די ברילען, און מיט דער צווייטער האַנד רעכענט ער פאַר זיך מיט אַ שטיקעל קרייד. אויף דער צווייטער זייט טיש, אַנטקעגען ר' יחזקאל'ן, זיצט ר' חיים ראָזענקראַנץ דער מחותן, אַ הויכער יוד, מיט אַ לאַנגער, געלער באָרד, וואָס פערשפּרייט זיך אין צוויי שפּיצען, און מיט אַ לאַנגער, מיט האָר בעוואַקסענער נאָז. גרויסע טראָפּענס שוויים טריעפען פון די קנייטשען פון זיין ברייטען, גלאַנצענדיגען שטערן און האַלטען זיך אויף צווישען די האָר אויף דער שפּיץ נאָז. דער מחותן רעדט ווייניג, און רעדט ער אַ וואָרט — איז עס אַ חסד, וואָס ער טהוט פון זיין זייט. ער קוקט זיך נאָר צו. און רעדט ווער, קוקט ער איהם אָן, און דאָס איז שוין גענוג... ביי ביידע זייטען טיש זיצען עוזר און מאָטעל. זיי רעכענען שוין הויך, מאָטעל פאַר זיך:

— צוויי און אַכציג האַנד־געלד אין שעמעניץ.

עוזר, וואָס איז, דאַכט זיך, גאָר געוועזען פערטהון אין זיין רעכע־

גונג, כאפט זיך פלוצלונג אויף, ווי עס וואלט איהם ווער אבגעבריהט, מאכט צו איין אויג און קוקט אויף מאטלען:

— וואס? ווען? וואס פאר צוויי און אכציג?

— אין שעמעניץ, לייזער רבי'ן נישט געגעבען, הא?

— א, לייזער רבי'ן. הונדערט צוואנציג אין גומבין... — רעכענט שוין עוזר פאר זיך ווייטער, ווי עס וואלט גאר נישט געווען.

— געלער הונד — זידעלט איהם מאטעל אויס. — „קופיעץ" מיינער, געוואלט מיר כאפען.

מען הויבט אן צו שיטען זיך מיט שטעב־ווערטער. די אלטע רופען זיך אן: נו, נו! און מען קלאפט אין טיש.

דער עיקר „רעכען־מייסטער" איז עוזר'ל. דאס איז אזא מין „צוויי־וועלטיג־יודעל": א „חסיד" און א „דייטש", א פראסטער און א למדן. „וואו ער קומט, האלט ער מיט", און דערפאר טאקע איז ער דער פעריל אין דער משפחה. א קיילעכיג, נידריג יודעל מיט א געל קיילעכיג בערדעל. טראגט שוין א געפרעסט ווייס קראגענדעל מיט א שווארצען שניפס, און רעדט, אזוי ווי דער פאטער, אבגעצעהלטע ווערטער. נאר רעדט ער שוין ארויס א ווארט, מאכט ער צו איין אויגעל, און קוקט מיט'ן צווייטען אויג מיט חשד אויף יענעם, וואס רעדט צו איהם. יעדען מענש, וועלכען ער זעהט דאס ערשטע מאל איז ער חושד. מיט אלעמען לעבט ער גוט. אליין איז ער, הייסט עס, א חסיד, דאוונט אין שטיבעל און האט ליעב צו טראגען אן אטלעסענע קאפאטע מיט א ווייס קראגענדעל — און, אז ער רעדט, דריקט ער שארפער אויס די „ר", אזוי ווי מען רעדט אין ווארשוי. מיט מיטקאווסקען, דעם אייניציגען ליטוואק אין שטאדט, לעבט ער א גוטען טאג. און אז דער ליטוואק רעדט אויס אויפ'ן רבי'ן, שאקעלט עוזר צו מיט'ן קאפ, א מאך מיט דער האנד אזוי, אז ווי מען וויל, קען מען עס אננעהמען: אז מען וויל, איז ער מסכים מיט'ן ליטוואק, און אז מען וויל, בעדויערט ער דעם ליטוואק, דעם אפיקורס.

עוזר איז פערטהון היינט שטארק אין רעכענען און זיצט מיט „וואלף שרייבער" ביים „ריכטיגען בוך".

ווער איז דאס „וואלף שרייבער"? און וואס איז דאס אזעלכעס דאס „ריכטיגע בוך"?

וואלף שרייבער איז א איד א רעכענמייסטער פון די רעכענ־

מייסטערס, א דארס, א קליינס, א מאָגערס, א גאָר־נישט. אין דעם גאָרנישט איז אַזוי פיעל דאָ. א טראָפּען פון א ים, און אין דעם טראָפּען א גאַנצער ים. טרוקען איז עס. א פּנים, א ברייטער, „אויסגעשטערנטער“, איינגעקנייטשטער שטערן, און אין שטערן צוויי אויגען מיט א נאָז — א נידריגס, געה נעהם שטעק דיר איהם אין קעשענע אריין. וועסט דו דארפען אַן „אַלגעבריניק“ צו פרעגען, וועט ער דיר פון קעשענע ארויסקריכען. וואָהנען וואָהנט עס — געה פרעג גאָט! נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד. צי האָט ער א מאָל יאָ געהאַט א פאמיליע, צי האָט ער נישט געהאַט — קיינער ווייסט נישט, דאָס וואָלף׳ל דרעהט זיך ארום אין שטעדטיל, ווי עפּעס א צולאָג צום שטעדטיל, א זאַך, וואָס דאָס שטעדטיל דארף עס. האָט ווער א שווערען רעכענונג צו פרעגען (נישט ווייל מען דארף איהם ווימען, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל עס איז טשיקאַווע), קומט מען צו וואָלף׳ן. פרעגט מען איהם, קנייטשט ער איין דעם שטערן, און דענסטמאָל זעהט זיין שטערן אויס, ווי אַן אַלט בלעטעל פון אַן אַלט ביכעל... און די קנייטשען פון שטערן — אַלטע, אָבגעריבענע אותיות, און עס דאַכט זיך, אַז די קנייטשען פון שטערן שטעלען זיך צוזאַמען און זאָגען איהם אויס דעם סוד פונ׳ם רעכענונג.

דעם דאָזיגען וואָלף האָט עוזר צו זיי אריינגעבראַכט, דעם יאָהר־רעכענונג צו מאַכען. וואָלף שרייבער פרעגט נישט אויף קיין לוין — ער וואַרט נאָר אויף אַזאַ רעכענונג, אַז ער זאָל דאָ זיין גבורה קענען ארויסווייזען.

אַלעס, וואָס די סוחרים „גיבען־אויס“ און „נעהמען־איין“ — אַזוי האָט עוזר איינגעפיהרט — שרייבט מען אין א ביכעל איין. אין יעדען ביכעל מוז אויף איין בלעטעל די „הוצאות“ ווערען איינגעשריעבען, אויפ׳ן צווייטען — די „הכנסה“.

מילא, עוזר פיהרט זיין ביכעל ריין — אַזוי זאָגט ער, נאָר מיט די אַלטע איז א חורבן, שטענדיג פערליערען זיי זייערע בליישטיפטען, און קומט צו עפּעס איינשרייבען, הויבען זיי אָן צו זוכען אין אַלע קעשענעס, און פערשילטען עוזר׳ן אויף די „מאָדעס“, וואָס ער האָט איינגעפיהרט, שרייבט מען דערווייל אָן אויף די שענק מיט קרייד, אָדער אויפ׳ן טיש, אָדער גלאַט אַזוי אויף א שטיקעל פּאַפּיער. דערנאָך צו דעם „יאָהר־רעכענונג“ זוכט מען אויס די שטיקלאַך פּאַפּיערען,

מיט די שענק און בענק, וואָס אויף זיי זיינען די רעכענונגען אָנגע־שריבען, און מען שרייבט זיי איבער אין דעם „ריכטיגען בוך“.

די אַלטע פערשרייבען דאָך פערצוקט, אין דעם בוך מעקען זיך די שריפטען אויס, ווערט דערנאָך א מחלוקה איבער די ציפערען. איינער זאָגט, אז עס איז א 8, דער צווייטער: א 5. אָבער מעהרסטע מאָל ווייסט מען גאָר נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. מען פרעגט די אַלטע — ענטפערען זיי: „פערדרעהט אייך אייער קאָפּ“. שיקט מען צו לייבעל זייגער־מאַכער נאָכ׳ן „שפּאַקטיוועל“, קוקט מען אין „שפּאַק־טיוועל“ — ווערט אָבער פון דאָס ניי די זעלבע מחלוקה — און דענסט־מאָל נעהמט זיך שוין „וואָלף שרייבער“ צו דער זאַך. ער מאַכט אַן „אַלגעבריניק אהין“ און אַן „אַלגעבריניק צוריק“ — און ווייזט אויס, לויט „על פי חכמת החשבון“, אַז עס מוז גאָר זיין א דריי, און טהוט איהם עפּעס!

און דאָס „ריכטיגע בוך“ איז ביי וואָלף שרייבער דאָס פידעלע, אויף וועלכען ער שפּיעלט זיין ליעדעל אויס. ער האַלט עס ווי אַן אויג אין קאָפּ און טראָגט זיך דערמיט אַרום.

געזעסען איז עוזר מיט וואָלף דעם שרייבער ביי דעם „ריכטיגען בוך“ און האָבען ביידע טיעף אין בוך אריינגעקוקט. אין שטוב איז געוועזן א שטיל־שוויינעניש, וואָס האָט געדריקט, און אין איינעם עפּעס א „דרך־ארץ“ פערשפּרייט... אויף דעם טיש, וואָס איז געוועזן פערוואָרפען מיט קליינע און גרויסע פּאַפּיערען און פּאַפּיערלעך, האָבען צוויי גרויסע זילבערנע לייכטער אַרויסגעשטאַרט און האָבען „ערנסט“ געמאַכט די „שטוב“. און די טהיר האָט געסקריפּעט, די דיענסט האָט זיך געדרעהט, זי איז אריין מיט פולע גלעזער טהיי און אַרויס מיט ליידיגע.

אין א ווינקעל שטוב אויף דער קאַנאַפּע זיינען געזעסען חאַצקיל און בעריל, ר׳ יחזקאל׳ס משפחה. זיי זיינען געזעסען „שטיל־שוויי־גענדיג“, זיך נישט א ריהר געגעבען, כדי מען זאָל זיי נישט אָנזעהן, אַז זיי זאָלען דאָ גאָר נישט אויסמאַכען — און מיט גרויס הכנעה זיינען זיי יעדע מינוט גרייט געווען צו ערפילען דעם קלענסטען פערלאַנג מיט דעם גרעסטען פּליים און איילעניש, וואָס איינער פון טיש וועט בעפעהלען. נישט איין מאָל זיינען זיי אַליין אָבער געגאַנגען טרעפּען, וואָס מען דאַרף, און האָבען זיך מיט א מאָל געגעבען א לאָז צו דער

טהיר. ביידע האָבען זיך אָנגעטראָפען און האָבען א גערודער געמאַכט. האָט זיך ווער פון טיש אומגעקוקט, האָבען זיי זיך ביידע אין דער שטיל פערשעהמטערהייט פון דער שטוב אַרויסגע׳גנב׳עט. נאָר אין א פּאָר מינוט אַרום האָט מען זיי שוין ווייטער אין שטוב געטראָפען זיצען אויף דער קאַנאַפּע, און איינער האָט דעם צווייטען אין דער שטיל די הענד, די פיס געקנייפּט, געביסען, דער צווייטער האָט איהם מיט א שטאָך פון א שפּילקע אָבגעענטפערט, אָנשטאָט א וואָרט פון מויל אויסצוזוצען.

אין מיטען דערינען דערהערט זיך פון דרויסען אַן „אָנקומעניש״. די טהיר עפענט זיך ברייט און עס בעווייזען זיך יודען, די שטאָדט־בעלי־בתים, נאָך אין שבת׳דיגע מלבושים אָנגעטהון, טהייל מיט ציגאַרען, טהייל מיט לולקעס, און לאָזען פון די בערד א געדיכטען רויך אַרויס. די שבת׳דיגע קליידער און די וואָכעדיגע לולקעס האָבען ניט אינאיינעם געשטימט, דאָך האָבען זיי צוזאַמען געוואָרפען א חול־המועד׳יגען חן, א חן פון „חסיד׳יש־נגיד׳יש״. די שטוב איז פול געוואָרען מיט רויך פון די ציגאַרען. און פון געדיכטען רויך האָבען די צוויי ליכט־פלאַמען אַרויסגעשיינט און דאָס האָט זעהר בעל־בתיש אויסגעזעהן און בע׳חנ׳ט דעם עולם. זיי האָבען געזאָגט דעם בריי־טען „גוט וואָך״ און האָבען פּערנומען, יעדער נאָך זיין שטאַנד נאָך, פּלעצער אַרום דעם טיש. די טהיר האָט איצט מעהר געסקריפּעט — און פון שטוב איז איצט מיט א מאָל אוועקגענומען געוואָרען דער פריהערדיגער דרך־ארץ׳דיגער גייסט, וואָס האָט געהאַט די שטוב אָנגעפילט, אזוי, אַז בעריל און חאַצקיל האָבען זיך מיט א מאָל מעהר היימישער געפיהלט און פריי געלאָזט די צונגען אָנשטאָט זיך צו קנייפּען. די שטוב איז צוריק „שטוב״ געוואָרען, מען האָט באַלד די רעכענונגען אַראָבגענומען, וואָלף שרייבער האָט געכאַפּט דאָס „ריכ־טיגע בוך״ און איז דערמיט ערגעץ־וואו פערשוואונדען געוואָרען.

איינער א הויכער יוד מיט א לאַנגער ברייטער באָרד, וועלכער האָט געערעדט מעהר מיט די הענד ווי מיט׳ן מויל, און יעדערען מיט אַן עזות׳קייט דאָס מויל פערקלאַפּט, איז געווען דער ראש המדברים.

— אזוי ווי די שטאָדט, זאָגט ער, האָט קיין פּרנסה נישט, און מען דאַרף נויטיג א רבי׳ן אין שטאָדט, אַז חסידים זאָלען האָבען וואוהין אַריינצוקומען אויף א יום־טוב, אויף א שבת, און אַז עס זאָל א לעבען

ווערען, גיט ער אן „עצה“, אז מען זאל דעם טריסקער רבי'ן, וואס האט זיך איצט פון ברודער „אבגעטהיילט“, אין שטאדט פערבעטען, דער טריסקער רבי וועט בעשטעהן — ער ווייסט עס אויף געוויס — נאר מיט דעם תנאי, אז מען זאל איהם דעם רב'ס בית־המדרש אבגעבען, און דער שטאדט־רב זאל איהם א קוויטעל ארויסגעבען, אז סנדיקאות געהערען צום טריסקער רבי'ן.

— און אונזער רב לעבט נישט ביז הונדערט און צוואנציג יאהר? ־דו „קהלה מענש“, מן הסתם האסטו א פוטיקע פון דיינעם בעקומען — האט געשריען אהרן ליב־שוסטער, א חברה־מאן אין די „נושאי מטה“, א בלינדער אויף איין אויג, שוין האלטענדיג דעם שטעקען אין דער האנד אנטקעגען דעם הויכען יודען.

אהרן־ליב שוסטער האט געהערט צו דער „חברה־מענער“. די חברה מענער, אדער די חוטבי עצים ושואבי מים, ווי מען האט זיי אין שטאדט גערופען, האבען געהאלטען פאר'ן רב און די טריסקער חסידים, אבער, האבען זייער רבי'ן געוואלט אין שטאדט אריינברייגגען.

— מענדעל ליב, פון ווען אן ביסט דו מיר אזא מאכער געווארען? האסט שוין קיין פרוטה נישט און ווילסט ווייטער א ביינדעל אב־לעקען? הע? — האט צום הויכען יוד געזאגט איינער א קצב, וואס האט א מאל געלערענט מיט איהם אין איין חדר.

— אומעטום זיינען זיי דא די פויערן. מען פרעגט אייך נאך נישט קיין שאלה. אז מען וועט אייך פרעגען, וועט איהר ענטפערען— האט דער הויכער יוד געזאגט, ארויפרוקענדיג זיך העכער צום טיש צו.

ר' יחזקאל, דער דאזאר, דער בעל־הבית פון שטאדט, איז זיך געזעסען און האט אויסגעהארכט די מחלוקת און האט שטיל־געשוויגען, קוקענדיג אויפ'ן מחותן: וואס וועט ער זאגען.

— צווישען אונז ריידענדיג, ווער קומט צו „איהם“ היינט אהער? וואס פאר א נאמען האט ער? און וואס איז ער אין אמת'ן — האט דער הויכער יוד פערשטעהן געגעבען ר' יחזקאל'ן אין דער שטיל.

— גוט וואך! — גיט מיט א מאל א קלונג אין שטוב, און דער „גוט וואך“ איז עפעס געוועזן גאר א בעזונדערער — ער איז נישט בטל געווארען צווישען די אנדערע גוט וואכ'ס. טהייל האבען זיך אומגעקוקט צו זעהן, ווער דאס איז — און געוועזן איז עס ר' יצחק יודעל'ס.

ר' יצחק יודעל'ס איז א יוד מיט א בעזונדערען „מיין“. איז'ן איז עס

א קליין יודעל, נאָר א ברייטס מיט א דיק בייכעל, וואָס רעדט נישט, נאָר עס קוויטשעט זינגענדיג; עס קוקט נישט, נאָר עס בעפּעהלט מיט די אויגען. אז עס וויל, איז עס גוט ווי א טייבעל, און שלעכט ווי א שלאַנג. שטענדיג די ציגאַר אין מויל, מעג זי זיין אָנגעצונדען, מעג זי זיין אויסגעלאָשען, און דאָס ריטשען זיינס מיט די פּיס, זאָגט אָן א פערטעל שעה פריהער אז ער קומט... יעדערען „דוצט" ער, מיט אַלעמען איז ער „פּאַן בראַט", ער פיהרט די ראָליע פון א גרויסען חסיד, און זאָגט אַלעמען מוסר, און אַלע האָבען מורא פאַר איהם. ער האַלט גאַנץ ווינציג פון די אַלע רבנים, וואָס יודען האַלטען פון זיי, ער מאַכט זיי אַוועק מיט דער האַנד. מיט דעם שטאָדט־רב איז ער אין א בעשטענדיגער מחלוקת. טרעפט זיך א שאלה, פּסק'נט ער אַליין. זאָגט אויפ'ן רב, אז ער איז א גראָבער יונג און אַלע האַרכען אויס, און וואונדערען זיך און האָבען מורא פאַר איהם.

עוזר, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען קאַלט און האָט זיך אויס־געהערט רוהיג, איבער וואָס מען קריעגט זיך, דערזעהענדיג ר' יצחק יודעל'ס, וועלכער פלעגט איהם אַלע מאָל אויף די פּלייצעס קלאַפּען אין שטיבעל, איז גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען, — א חסיד.

— וואָס איז, מען פרעגט אייך נאָך נישט, — האָט ער געשריען צו די בעלי־בתים.

ר' יחזקאל און ר' חיים ראָזענקראַנץ געהערען צו די בעלי־בתים; זיי דאַווענען און חבר'ן זיך מיט בעלי־בתים. זיי קענען אפילו נישט לערנען, נאָר זיי זיינען יודעי־ספר. זיי זיינען פון די בעלי־בתים, וואָס האָבען דרך־ארץ פאַר א למדן און ווערען בטל פאַר זיי. א יוד א למדן זאָגט א וואָרט, כאָטש עס איז נישט אַזוי גלייך, וואָס פון אונז איינער טאָר דאָס ניט זאָגען, דאָך מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער זאָגט— דערפאַר האָט ר' יחזקאל שטיל־געשוויגען, כאָטש ער האָט מיטגעהאַל־טען מיט די בעלי־בתים.

ר' יחזקאל'ס האָפנונג איז געווען צו האָבען א קינד א למדן, א מענשען פון „יענער וועלט", וואָס זאָל זיצען און לערנען, און ער האָט טאַקע דערפאַר ר' יצחק יודעל'ס פאַר א מלמד צו זיינע קינדער גע־האַלטען. דער עלטערער זוהן איז אָבער נאָך בחור־ווייז אין געשעפט אריין, „צוגעכאַפּט זיך", און צו ביסלעכווייז די תורה פערלאָזט. איינס נאָר איז איהם נאָך איבערגעבליבען — וואָס ער האַלט זיך פאַר א

חסיד, דאוועגט אין שטיבעל און חבר'ט זיך מיט ר' יצחק יודעל'ס. און איצט, זעהענדיג אז זיין עוזר און מאטעל האלטען מיט מיט ר' יצחק יודעל'ס, מיט די חסידים, האט עס דעם אלטען הנאה געטהון — חסידים, עס איז עפעס גאר אנדערש — פאר זייער רבי'ן... און ר' יחזקאל האט זיך גאר נישט אנגערופען.

ר' יחזקאל האט פאר זיין יונגסטע טאכטער די „בת זקונים" לאה'לע געוואלט א למדן און א בעל־יחוס פאר אן איידים זיך נעהמען, אז דער איידים זאל קעסט עסען כל ימיו און תורה לערנען, אז אויף דער עלטער, ווען ר' יחזקאל וועט אין דער היים שוין זיצען, זאל ער אין דער שטוב דעם קול התורה הערען — ער האט די זאך איבער־געגעבען ר' יצחק יודעל'ס. ר' יצחק יודעל'ס „גוט וואך", וואס האט אזוי קלינגענדיג אין שטוב אבגעקנאקט, האט דעם אלטען עפעס הנאה געטהון. אין זיין הויז — חסידים, און דער אלטער האט שוין גע־נומען פאנטאזירען וועגען דעם איידים דעם למדן. ער האט זיך אויפ־געהויבען און אריבערגעוואונקען צו דעם מחותן ר' חיים'ן, אז ער זאל מיט איהם אין א צווייטען שטוב אריין (אזוי איז שוין איינגעפיהרט ביי די אלטע, אז קיינער שטעקט ניט די האנד אין קאלטען וואסער אריין, אז דער צווייטער ווייסט נישט דערפון). ר' יצחק יודעל'ס האט נאך א לאנגען אומקוקען צו דער „חברה" א ווארט „געווארפען":

— איילט אייך נישט אזוי, און וואו זיינען מיר עפעס? — און איז מיט שארענדיגע טריט אין די צווייטע שטוב אריין צו די אלטע.

— ר' מרדכי קאנסקעוואליער שרייבט דאך מיר, אז איהר האט זיך מיט איהם געזעהן אין „טריסק", אז איהר קענט זיין בחור — נו, וואס דארף מען מעהר?

און פון דער „שטוב" האט זיך געהערט אהרן־ליב'ס קלאפען מיט'ן שטעקען אין טיש: „גע'הרג'עט קענען זיי ווערען, איידער"...

---

די ווייבער האבען זיך אין עס־שטוב ביי מלכה'לען, ר' יחזקאל'ס ווייב פערזאמעלט. עס איז א מנהג ביי מלכה'לען אין שבת־צו־נאכטס פון גרויסען רעכענונג אויף פסח דאס לעצטע שמאלץ אויסצולאזען. אין יענער שטוב זיצען די מאנספערשוינען ביים יאהר־רעכענונג, עס הערט זיך פון דארט א שטיל גערויש, וואס זאגט אוים די ערנסטקייט

פון איגעוועניג. די דיענסט דרעהט זיך, טראָגט אַריין גלעזער טהיי און נעהמט אַרויס ליידיגע גלעזער, און יעדעס מאָל, ווען די טהיר עפענט זיך, שלאָגט פון דאָרט אַרויס אַ רויך פון ציגאַרען און אַ ליאַרם, וואָס פערשטומט אויף אַ ווײלע די ווייבערשע געשמועסען, און די ווייבער קריגען דרך־ארץ פאַר „דרינען“... דאָ, אין דער שטוב, זיצען די ווייבער און מאַכען זיך „נאַריש“ אין „דריידעל“. אין דריי־דעל הייסט עס, אָבער זיי שפּיעלען גאָר אין „זעקס און זעכציג“ מיט אַ טאַליע קאָרטען, וועלכע די מאַנספּערשוינען האָבען די קינדער געגעבען צו שפּיעלען זיך. די יונגלעך שטעהען ביי די מאַמעס און ציהען „קאָן־געלד“, די מאַמעס שטופּען זיי אָב פון זיך, און די יונגלעך שטע־הען אַלץ ווייטער און טהוען דאָס זייעריגע. אין מיטען קומט גאָר צו לויפען אַ יונגעל, כאַפּט אַרויס דעם „קאָן“ פון טעצעל און אַנטלויפט וואו דער פעפער וואַקסט — און געה טהו איהם עפּעס!

דער אַלטער דור ווייבער טראָגט טיעפע הויבען מיט פערשיעדענע קאָלירטע בענדער און ברייטע שטערענטיכלעך, וועלכע זיינען אין שפּיצען אויסגעשניצט און אין יעדער שפּיץ פונקעלט זיך אַן אַנדער ציהרונג: אין איין שפּיץ — אַ רויטער קרעל, אין צווייטען שימערט אַ בריליאַנט, און דאָס וואַרפט איבער דעם אַלט־געקנייטשטען, גלענ־צענדיגען שטערן אַ „שבת־מלכה“ חן; דער יונגער דור טראָגט שוין שייטליך מיט פערשיעדענע מאָדנע לאָקען און די ציהרונג אין די שייטלען אַריינגעשטעקט. די קליידער זיינען מעהרסטענטהייל פון פערסישע טיכער־שטאָף אין פערשיעדענע קאָלירען, וואָס איז דענסט־מאָל די מאָדע געווען, און געמאַכט זיינען זיי אויך געווען נאָך דער דענסמאָלדיגער מאָדע, — פאַלדען אויף פאַלדען, איין פאַלד אַריין מיט'ן קאָפּ אין די צווייטע; דאָ מישען זיך די פאַלדען אויס און לעגען זיך צוזאַמען, דאָרט צוגעהען זיי זיך שוין אין צוויי בעזונדערע וועגען. אויף די הערצער טראָגען זיי אַלע „האַרץ־ברעטלעך“, דאָס איז אַ לאַנג פיער־קאַנטיג שטיק סאַמעט, אויף וועלכען עס זיינען אויפ־געהאַנגען ווי אויף אַ שילד די מתנות, וואָס דאָס ווייבעל האָט בעקומען ווען זי איז אַ כלה געווען. איטע די שנור, גאָלדעלע די טאָכטער זיינען געזעסען איינע אַנטקעגען די צווייטע און ביידע זיינען זיי געווען שטיל (וואָרום זיי זיינען ברוגז צווישען זיך, היינט איז דער רעכענונג...), און אַז איינע האָט זיך פון איהר אָרט אויפגעהויבען, האָט די צווייטע

עפּעס מאָדנע די ליפּען פערקרימט, די אויגען צום באַלקען פערגלייסט און ליכט אָבגעזיפצט. דאָס איז געווען אַ מין ברוגז־מינע.

זיי האָבען געשפּיעלט. און דער אָנפיהרער פון שפּיעל איז געווען אַ יודעל „אַ דייטשעל“, „אַן איינגעהער“ און אַן „אַרויסגעהער“ ביי מלכה׳לען, ווי אין אַנדערע הייזער. גערופען האָט מען איהם אויך: „דאָס ווייבערש יודעל“. שוין דענסטמאָל האָט ער געטראָגען „דייטש־מעריש“ אַ קורץ רעקעל און אַזאַ מין זיעבען קאַנטיג היטעל מיט אַ גלאַנצענדיגען דאַשעק. געטראָגען האָט ער „דייטשמעריש“ נישט אַזוי לשם דייטש, נאָר ווי איבער „גלאַט אַזוי“, ווייל עס פּאַסט פאַר אַזאַ מין ווייבערש יודעל צו טראָגען „דייטש“. געוואוסט האָט ער צו יעדער קריינק אַזאַ מין רפואה, וואָס ער פלעגט עס אָנרופען „קאָרפּוס דליקטו“. מיט די דייטשען רעדט ער פּויליש, און שרייבט „פּראָשע־ניעם“ אויך אויף פּויליש, דערפאַר פלעגט מען איהם אין שטעדטעל רופען „מאַכער“. איז׳ן איז עס אַזאַ מין יודעל, וואָס אומעטום קומט עס, אומעטום איז עס היימיש, וואָס אַלעמען זאָגט ער „דו“ און וואָס אַלע זאָגען איהם „דו“. צום מעהרסטען פלעגט עס זיך חבר׳ן מיט ווייבער, און עפּעס אַזוי ווי איהם וואָלט מען מתיר געווען, פערברענגט ער צווישען זיי פראַנק און פריי. ער ווייסט פון זייערע סודות, און עס מאַכט גאָר נישט אויס — „אַ האַלבע יודענע“, אַלעמען פלעגט ער איינגעהמען מיט זיינע גלייכע ווערטלעך. ער האָט גערעדט, האָט מען געלאַכט, כאָטש עס איז מעהר נאַרישער געווען ווי לאַכעדיגעס. ער פלעגט זיך דעם קאָלנער פון פאַלטאָ אַוועקשטעלען, דאָס היטעל זיך פערדרעהען, מאַכען זיך דרעמלען און דאָס בערדעל פלעגט זיך שאָק־לען — איז גענוג געווען, אַז עס זאָל ברייגגען צום געלעכטער.

היינט, שבת־צו־נאַכטס פון גרויסען יאָהר־רעכענונג, איז איהם אודאי געקומען, אַז ער זאָל זיך געפינען ביי ר׳ יחזקאל׳ן. פון קיך טראָגט זיך אַ ריח פון געפּרעגעלטע שמאַלץ, און געוואוסט האָט ער, אַז נאָך דעם רעכענונג וועט זיין די גרויסע „מלוה מלכה“, ווי עס איז שוין דער מנהג ביי ר׳ יחזקאל׳ן פון קדמונים אָן.

ביי אַ ווינקעלע טיש איז געזעסען לאה׳לע, דאָס כלה־מיידעל. פון די פרישע גערייטעלטע באַקען האָט דאָס יונגע בלוט אַרויסגע־קושט זיך... אַזוי ווי דאָס בלוט פון אַ רויז, וואָס רייטעלט זיך אויף דעם סאַמעט־בלעטעל, ווען די זון גליהט דאַרויף. די אויגען שטילע,

רוהיג זיינען זיי „פאר זיך“ געווען איינגעפאסט אין דעם ברייטען גרויסען אויגען־לאָך, און דאָס דיניטשקע ציטערענדיגע הייטעל האָט געהיט דאָס אויג. דער „אויבער־שומר“, די שווארצע ברעם, וואָס הענגט אויף דעם ראנד פון דעם גרויסען ווייסען שטערן, וואָס זעהט אויס ווי א מענשען־קרוין פון גאָט געשענקט, האָט זיך אין דער שטיל דעם אויג צוגעקוקט און אַלעם דעם אויג נאָכגעמאכט... די האָר אין צוויי צעפּ פערפלאָכטען, חנ׳עוודיג און מיידעל־ציטערנדיג האָבען זיי זיך איבער איהרע איידעלע ציטערנדיגע אַקסעל אַראָבגעלאָזט. זי איז געזעסען פאר זיך, און א כלה־חן האָט בון איהר געזיכט אַראָבגעלויכטען צנועה׳דיג און שטיל־שווייגענדיג. יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך געהערט דעם דייטשעל׳ס קול, האָט איהר הארץ לייכט אויפגעציטערט, און די יונגע ברוסט האָט דענסמאָל לייכט זיך בעוועגט. זי האָט מורא געהאַט, אז דאָס דייטשעל זאָל זי נישט טשעפּען, נאָר באַלד איז אויף איהר אויך די צייט געקומען.

— ווייסט, דער שדכן זיצט דערינען מיט׳ן טאַטען און שמועסען וועגען א שדוך.

זי האָט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען און איהם פון זיך מיט איהרע לייכטע ווייסע הענד אָבגעשטופּט.

— אזוי ווי עס קען אויף דער לבנה ראש־חודש רעטעבלעך וואַקסען, אזוי וועסט דו דעם חתן קריגען.

אין שטוב האָט געקלונגען א געלעכטער.

לאה׳לע האָט זיך פלינק פון טיש אויפגעכאַפּט און איז פאר חרפּה פערשוואונדען געוואָרען.

---

אויף די ווענד פון דער גרויסער, לאַנגער קיך האָט דאָס קופּער אַראָבגעפונקעלט. און איין ראָנדעל האָט אריבערגעווינקט צום צוויי־טען, וואָס איז געהאַנגען געגען איהם אויף דער צווייטער וואַנד. די דיקע בייכיגע בעקענס, די קופּערנע אויסגעצויגענע בראָטפאַנען, די הויכע קריגען מיט פערשיעדענע שנויצען האָבען בעל־הבית׳יש פון די ווענד אַראָבגעהאַנגען, פערשפּרייט ארום זיך א היימישקייט און דער־צעהלט פון גוטע געוועזענע צייטען... אין אייוזען פלאַקערט עס, און טיעפע ברייט־בייכיגע קופּערנע טעפּ שטעהען און קאָכען און קאָכען, און דער פרישער, פעטער גריוועז־גערוך לעגט זיך איבער דער קיך און

דערצעהלט עפּעס פון היימישע זאכען.... אויף דעם לאַנגען פלייִשיגען טיש, וועלכער איז מיט אַ לאַנגען קופּערנעם בלעך בעקלאַפּט, שטעהען אָנגעשטעלט טיעפע בעקען, קליינע און גרויסע, גרייט דאָס שמאַלץ אין זיך אריינצונעהמען.

ביי דער קיך אין אַ ווינקעלע זיצט רחל לאה, די איינגעהערין. אַ הויכע, אַלטע יודענע מיט ווערצעלעך אויף דער גאָמבע, און צוויי־דריי לאַנגע האָר ציהען זיך פון די ווערצעלעך ארויס. די אַלטע, גרויע קאַץ ליגט אין איהר שויס און לעקט איהר די איינגעדאַרטע ביינערדיגע הענד. ארום איהר שטעהען מלכה'לעס איניקלעך, יונגלעך מיט מייד־דעלעך, טייל אין הייזלעך, טייל אין קליידלעך, טייל אין שירצלעך, טייל אין ציצה־כנפות'לעך און האָרכען אויס וואָס די באָבע דער־צעהלט אַ מעשה מיט אַ „פייערדיגען הענטעל ביים שמאַלץ פּרעגלען."

„אַמאָל שוין לאַנג, דערצעהלט זי, האָט אַ יודענע שמאַלץ אין אַ פייערקע געפּרעגעלט, האָט זי דעם טאָפּ פון פייערקע ארויסגענומען, זעהט זי עס שטעקט פון פייער אַ פייערדיג הענטעל ארויס, און עס הערט זיך אַ שטים: „גוטע פרוי, גוטע פרוי, גיב מיר אַ פּאָר גריוועז, וועט קיין עין הרע אין שמאַלץ נישט אריינקומען". האָט זי טאַקע אַזוי געטהון. האָט זי אָנגעהויבען גיסען שמאַלץ. גיסט איין טאָפּ, גיסט צוויי, גיסט דריי, גיסט זעקס, גיסט אַכט, גיסט צעהן, ביז זי האָט שוין מעהר קיין טעפּ נישט געהאַט — האָט עס אויפגעהערט.

די קינדער האָרכען אויס און וואַרטען מיט שרעק ביז מען וועט דעם טאָפּ פון די פייערקע ארויסנעהמען, און זיי זאָלען שוין זוכה זיין צו זעהען דאָס פייערדיגע הענטעל.

דערווייל שלאָפט רחל־לאה איין, און די אַלטע הויב (אַ גלגול פון מלכה'לעס די בעל־הבית'טעס הויב) מיט די אלטע, ברייטע בענדער לאָזען זיך איבער'ן אַלטען, איינגעקנייטשטען שטערן. דערנסט־מאָל נעמט אַ יונגעל און שטעקט דאָס הענטעל אויס און גיט אַ צופּ די אַלטע באָבע ביי די האָר פון וואָרצעל.

— האָב, האָב, האָב, — מאַכען די אלטע, איינגעשרומפּענע אויס־געדאַרטע ליפּען, און פּרובען כאַפּען דעם קינד'ס פינגעריל אין דעם אָהנציינערדיגען מויל אריין.

— באָבעשי, פאַר וואָס וואַקסען אייך די האָר אויף די וואָרצע־לעך? — פרעגען די קינדערלעך.

— ווייל איך מאַך מיר אַליין הבדלה, און טרינק פון הבדלה־ווײן, — ענטפערט די אלטע מיט האַלב־פערשלאָסענע אויגען און מיט אַן אַלט פערקרימט געלעבטעריל אויף די אַלטע פערקרימטע ליפּען.

און ווען די אלטע מאכט זיך נאַריש מיט די קינדער, איז חאַצ־קעלע, דאָס עלטסטע אייניקעל, אַ יונגעל פון אַ יאָהר 10, שטאַרק פער־נומען מיט אַ דריידעל גיסען. אין דער קיך האָט ער אַן איינעבויגענע לעפעל מיט צין אריינגעשטעלט, און איצט פאַקט ער די פאָרם אין אַ הויפען זאמד איין.

און דאָרט ביים אַנדער ווינקעל קיך, ווייט פון יום־טוב׳דיגען, זיצט יענטע דאָס דיענסט־מיידעל, ביי אַ גרויסען עמער מיט וואסער און שיילט די קאַרטאָפלעס, וואָס ליגען אין איהר שויס, און וואַרפט זיי אין אַן עמער וואסער אריין, צו די גרויסע „מלוה מלכה“...

נאָטע הינטער איהר צופּט זי ביי די בלוט־שפּראָצענדיגע האַנד: יענטע, וואָס וועט זיין ?...

— זאָלסט אזוי לעבען ווי דו וועסט מיט מיר חתונה האָבען...

# IV.

# דער מתנגד'ישער רב און דער חסיד'ישער רבי

---

עס איז געקומען ל"ג בעומר.

און די גוטע מוטער־ערד, וואס האט מיט איהר חסד אויף זיך דער שטאדט'ס הייזלעך געטראגען און אלץ, וואס געפינט זיך אין זיי און אויסער זיי, האט זיך מיט גאט'ס לייטזעליגקייט ערפרישט, בעקליידט פון קאפ ביז די פיס מיט גרעזעלך, בלעטעלעך, גרינינקע קעפעלעך האבען זיך פון אונטער'ן געהילץ, פון אונטער שטיין און ביין ארויסגעריסען, געשפראצט, און מיט א ליעבער, פרומער מינע האט זיך דאס גרעזעלע געשאקעלט אהין און אהער און געגאגט זיין ביסעל בידנע חיונה פון דער מוטער־ערד. און די מוטער־ערד האט איהרע פולע בריסטען אויסגעשטעלט און אנגעזויגען און אנגעקארמעט יעדעס אפענע מיילכעל, וואס האט נאר בדעה געהאט צו זויגען. אלץ ארום, טאטע אין הימעל, האט מקיים געווען דיין שליחות, געהארכט און געטהון דאס, וואס דו האסט זיי בעפוילען פון ששת ימי בראשית אן: דאס גרעזעלע איז געוואקסען, געצויגען זיך, ווייל זיין מצוה איז צו וואקסען, די פויגעלעך האבען זיך זייער נעסט געמאכט איבער די פענסטערלעך פון דער אלטער ווייבערשער שוהל און האבען א גאנצען טאג אין דיין פרום בית־המדרש־געסעל, פון וואנען עס טהוט זיך הערען דער הייליגער קול התורה, ארומגעשפרונגען, ארומגעטאנצט פון דעכיל צו דעכיל, אויפ'ן פענסטער פון אלטען בית־המדרש אונטערגעשפרונגען, א קדושה געכאפט, א שמיה רבא, א ווארט תורה אונטערגעכאפט, און אוועקגעשפרונגען, אויף דער ערד זיך געשטעלט מיט א קוויטש — א ברכה, און געכאפט א קרישעלע בייגעל, זעמעל, פוטער־ברויט, וואס א חדר־יונגעלע האט דעריבער א ברכה געהאט געמאכט, און איז דערמיט

אוועק־געפלויגען און מיט דעם זייערע נשמות, וואָס זיינען געוואָרען פערוואָגעלט אין פויגעלעך, מתקן געווען.

און דיינע הימלען אין דער הויך האָבען זיך אויסגעצויגען, איינער אין דעם צווייטען ארייגעפלאָסען, און גאנץ ווייט און ברייט אין פרעמ־דע לענדער אריין האָבען זיי זיך פערבלאָנדזשעט און בעשיצט דיין קליין וועלטעל, אזוי ווי דו האָסט זיי אָנגעזאָגט פון אָנהויב אָן. און דאָס וואסער הינטער'ן שטעדטעל האָט זיך ווי א שטיל געבעט, — מיט וועל־כען ער וואָלט דיך דאנקען געוואָלט, טאַטע איינציגער, פאר אלץ, — געגאָסען כוואַליע אויס, כוואַליע איין, פון פרעמדע לענדער אין פרעמדע לענדער. דורכרייזענדיג, האָט עס א שטילע, לאנגע געשיכטע דער־צעהלט אויף א וואסער־שפראך. און פון וואסער זיינען אויפגעגאנגען בעהאַלטענע טוי־וואָלקען און האָבען בעהויכט דיינע פעלדער, וואָס האָ־בען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אויסגעשפרייט. די טוי־וואָלקען זיינען געלעגען איבער די פעלדער גאנצע נעכט און זיי אָנגע־טרונקען און בעפרישט. און פון די פעלדער האָבען זיך געטראָגען בע־האַלטענע ריחות אין דער לופט ארום און פערפולט מיט לעבען, ער־קוויקט און ערפרישט יעדעס דיין בעשעפעניש, וואָס זיי האָבען אויפ'ן וועג געטראָפען.

ל"ג בעומר. אין דער גאָס פאר טהיר און טהויער זיצען ווייבער, בעל־הבית'טעס מיט שטריקנאָדלען אין די הענד, שטריקען זאָקען און דערצעהלען מעשיות. און די חדר־יונגלעך, וואָס זיינען אין שטאָדט איבערגעבליבען, שטעהען ביי זיי און ציהען די מאַמעס שירצען: מאַמע, א צווייער!.... די פרומע רבי'צין, אָנגעטהון אין חול־המועד'די־גען ווייסען שאַל, זיצט פאר איהר טהיר, ארום איהר די כלי־קודש־ווייבער, — די שוחט'קע מיט דעם חזנ'ס ווייב. אויף די פּאָר איינציגע בוימער, וואָס זיינען פערוואָרפען אין געסעל (וואָס קיינער ווייסט נישט, ווער עס האָט זיי דאָ איינגעפלאַנצט), ציהען זיך חדר־יונגלעך און רייסען צווייגלעך. פון פעלד קומען צוגעהן באָרוויסע יונגלעך מיט פעק געלע פעלד־בלומען אין די הענד, און רופען אין דער גאָס:

נאָ דיר בלומען, גיב מיר קנעפּ,
נאָ דיר בלומען, גיב מיר קנעפּ!

די קינדער קומען אָן צולויפען, רינגלען זיי ארום, רייסען אָב די קנעפּלעך פון די הייזלעך, פון די קאַפּאָטקעלעך און קויפען בלומען,

קעהרען זיך אום צוריק צו זייערע מאַמעס מיט הענד בלומען און אראָב־געלאָזטע תחתונים׳לעך...

אין מיטען מארק ווערט פלוצלונג אויסגעשפרייט א לאַנגע, ברייטע פלאַכטע, און עס דערהערט זיך א קאַטערינקע שפּיעלען. קינדער קו־מען אָן צולויפען פון אלע עקען, דערנאָך עלטערע מענשען. מען שטעלט זיך ארום, מען רינגעלט ארום, און איינער אין א פערדרעהטען הוט אָהן א דאשעק, אָנגעצויגען אין עפּעס א מין געשטריקט העמדעל און אָנ־געגאַרטעלט אין א ברייטען פּאַסעק, אין שיך און זאָקען, דרעהט זיך ארום און ארום דעם רעדעל מיט א קאַנטשיק אין דער האַנד און האקט איבער די קעפּ, און ווארפט היטלעך אין די קופּקע אריין און די קאַטע־רינקע שפּיעלט צו. פּלוצים ווייזט זיך א הויכער יונג אין אַן אָבגע־קרייט פּנים, אָנגעטהון אין א פּאָר גאַנצע הויזען פון אויבען ביז אראָב, מיט א זייגער אויסגעמאָלט אויף די הויזען אויף דער סאַמע „זייט מיר מוחל“... אויפ׳ן בויך שטעלט ער זיך ארויף א הויכען דראָנג, און אויפ׳ן שפּיץ דראָנג לעבט א גאַנצע משפּחה, וועלכע מאכט נאָך קונצען דערצו. די קאַטערינקע שפּיעלט צו, און דער מענש מיט דעם קאַנטשיק אין דער האַנד קלאַפּט איבער פּנים׳ער, איבער נאַקעטע קעפּ. עס ווייזט זיך א האלב נאַקעט מיידעל אין א קורץ קליידעל ביז צו די קניע, מיט בלאָנדע, צולאָזטע האָר, פערקעמט און איינגעפלאָכטען מיט פערשיע־דענע קייטעלעך און קמעות, מיט א חנ׳עוודיג נעזעל, און א פּאָר רויטע בעקעלעך, און ברעכט זיך אין א רייף... ס׳ווייזט זיך נאָך איינער, וואָס שלינגט שווערדען איין, איינס נאָך דעם צווייטען און דערנאָך קומט א צווייטער און שלעפּט איהם גאָר פון מויל ארויס, אָנשטאָט די שווער־דען — לאַנגע טיכלעך מיט ווייבערשע קאָפּקעס. און גייה פרעג זיי קשיות!

און די קאַטערינקע שפּיעלט צו, און דער מענש מיט׳ן קאַנטשיק קלאַפּט צו איבער קעפּ, איבער פּנים׳ער.

---

געוועזען איז א מאָל א יוד א שניידער אין שטאָדט. מען האָט ניט געוואוסט, פון וואַנען עס קומט א יוד, און וואו אהין עס געהט א יוד. ער איז געוועזען איינער פון די טויזענד, וואָס זייער לעבען געהט ווי א שאָטען דורך פאר אונזערע אויגען, און וואָס קיינער מערקט נישט, נישט זייער געבאָרען ווערען און נישט זייער שטאַרבען. דאָס ברויט,

וועלכעס זיי עסען, מוז וואַקסען אויף בעהאַלטענע פעלדער, און דאָס פלייש,וואָס זיי עסען, מוז זיין פון אזעלכע בהמות, וואָס פיטערען זיך אין פערבאָרגענע לאַנקעס, — אז נישט, וואָלט מען זיך אמאָל געפרעגט, וואו איז דאָס ברויט אהינגעקומען פון די פעלדער? וואו זיינען די בהמות אוועקגעקומען פון די לאַנקעס?...

א יוד, א שניידער, מיט קיינעם נישט געהאַט קיין געשעפטען, אויסער מיט איין גאָט, זיין בעשעפער. די נאַכט דעקט נאָך דעם הי־מעל צו, ווען דער שניידער גרייט זיך אין בית־המדרש אריין. בעהאַל־טען אונטער אַן אייוועז, ביי אַ שראַנק ספרים, דאַנקט ער זיין בעשעפער דערפאַר, וואָס ער האָט איהם בעשאַפען, פאַר דעם ברויט, מיט וועלכען ער דערנעהרט זיך, און פאַר דעם חסד, וואָס ער וועט טהון מיט איהם נאָך זיין טויט און וועט איהם צונעהמען צו זיך. קיינער זעהט נישט, ווען עס געהט אַ יוד, א שניידער אין בית־המדרש אריין, ווען עס זיצט אַ שניידער ביי אַ פויער'ס אַ סערמיענגע. און זעהט מען איהם, דאַכט זיך, עפּעס שוין אזוינס, א געוועהנטליכעס, ווי דער קלאָץ, וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק. עס פרעגט שוין קיינער נישט, צו וואָס שטעהט אַ קלאָץ? צו ווען אַ קלאָץ?

זיין ווייב, חנה די שניידערין, האָט אויף זיך גענומען אַ מצוה בירושה (איבערגענומען פון דער מאַמע עליה השלום, און די מאַמע פון דער באָבע, און אזוי איין דור נאָכ'ן צווייטען): יעדען פרייטאג פאַר־נאַכט אין דער אַלטער ווייבערשער שוהל צוויי ליכטלעך אָנצוצינדען. עס האָט קיינער נישט געפרעגט, ווער צינדט אָן די צוויי נשמה־ליכט־לעך, וואָס פינקלען זיך יעדען פרייטאג־צו־נאַכט'ס פון דער אַלטער ווייבערשער שוהל אראָב, צי זיינען די אַלטע בעל־הבית'טעס פון די קברים אויפגעשטאַנען? מען וואָלט זיך מעהר געוואונדערט, אז מען וואָלט אמאָל אזוי אין א שעהנעם פרייטאג־צו־נאַכט'ס די צוויי ליכטלעך נישט געזעהן. וואָלט מען דעמאָלט בעמערקט, אז עס פעהלט עפּעס אין דער שוהל (חאָטש וואָס, וואָלט קיינער נישט געקענט טרעפען). און פאַר די צוויי ליכטלעך, וואָס די פראָסטע מאַמעס צינדען אזוי לאַנג אָן איינע נאָך דער צווייטער, האָט זיי גאָט בעלוינט און האָט זיי אָבגעגע־בען איין ליכט, ר' דוד'ל, דעם רב פון דער שטאָדט.

נאָך אַ לאַנגער צייט, ווי חנה די שניידערין האָט קיין קינדער נישט געהאַט, האָט גאָט דערהערט איהר געבעט און האָט איהר א זוהן גע־

שאנקען. זי האט איהם א נאמען געגעבען דוד'ל, און דאס איז טאקי ר' דוד'ל, דער היינטיגער רב פון שטאדט.

באלד פון קליינערהייט אן האט זיך דוד'ל ארויסגעוויזען אנדערש פון אנדערע קינדער. א סדור'ל, וואס דער טאטע האט איהם געקויפט, „א"ב" זיך אויסצולערנען, האלט ער נאך אין דער בוזעם-קעשענע ביז'ן היינטיגען טאג. אהן א פערדעקטען קאפ האט ער אין וויעגעל נישט געוואלט איינשלאפען. נאכ'ן יאהר האט ער שוין די ברכה געפלאפעלט איבער דער מוטער'ס ברוסט.

געלערענט אין חדר מיט גרויס התמדה. נישט פלינק איז דער קאפ, נאר דאס, וואס קומט אריין, געהט שוין נישט ארויס, און פרום, אבגעהיטען, ער געהט זיך זיין „אקסען-שריט". נישט אויף קיין האר פון שלחן-ערוך אבצוטרעטען.

הונדערט און איין מאל האט ער די הוראה גע'חזר'ט און געלייענט זי אויסענווייניג מיט די הערות, מיט'ן פינגער געטייטעלט, פערבונדען די אויגען, אויפ'ן טאוועל, וואו יעדער אות שטעהט.

אז ר' בעריל ז"ל, דער אלטער רב פון דער שטאדט, איז נפטר געווארען און האט נישט איבערגעלאזט קיין ממלא מקומו, נאר א דערוואקסענע יתומה, וואס מען דארף זי חתונה מאכען, האבען בעלי-בתים אנגעהויבען צו ריידען, אז דוד'ל זאל חתונה האבען מיט דער יתומה און ממלא מקום זיין.

חסידים זיינען געווען געגען דעם: לייזער שניידער'ס זוהן פאר א רב? בעלי-בתים אבער, וואס האבען געוואלט די זכיה האבען צו זעהן, אז איינער פון זיי איז עולה לגדולה, האבען זיך איינגעשפארט. עס האט זיך געמאכט א שטארקע מחלוקה. נאר איין מאל האבען זיך די בעלי-בתים צוזאמענגענומען אויפ'ן בית-עולם, געשטעלט א חופה דוד'לען מיט דעם רב'ס יתומה, און אריינגעקלאפט אין קבר אריין: „מזל טוב, אייער איידעם איז ממלא מקום!"

חסידים האבען מורא געהאט פאר בושת-המת, האבען זיי שטילגעשוויגען און האבען געווארט ביז'ן ערשטען רגל — וואו אהין וועט ער פאהרען?

ר' דוד'ל אבער האט געהאט זיין גמרא און יורה-דעה און איז זיך געזעסען אין דער היים און האט יום ולילה געלערענט. דער רב האט זיך געפיהרט בעל-הבתיש: געווען א חברה-מאן אין דער חברה תהלים,

יעדען פאַר־טאָג אויפגעשטאַנען און געזאָגט מיט די בעלי־בתים תהלים ביז צו עלות השחר; מיט׳ן ערשטען מנין געדאַוועט, כמנהג אשכנזים, און יעדען ערב ראש־חודש יום־כפור קטן אָבגעריכט אין דער קאַלטער שוהל.

חסידים האָט עס שרעקליך פערדראָסען, און, אזוי ווי זייער שטייגער איז, האָבען זיי זעהר נוהג קלות געווען אין איהם און נישט אַנדערש איהם גערופען, ווי „דוד׳ל שניידער“. אַ חסיד האָט איהם אַמאָל אויף אַ ברית־מילה בעליידיגט און האָט איהם „שניידער־יונג“ גערופען. בעלי־בתים האָבען דעם חסיד געוואָלט קורע כדג זיין, נאָר דער רב האָט זיי איינגענומען מיט גוטען, און פון דעמאָלט אָן חתמ׳עט ער זיך: „אני הקטן דוד חיט“.

חסידים, די וואָס האָבען מיט איהם אין איינעם אין בית־המדרש געלערענט, האָבען ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך, איהם צו זאָגען „רבי“, און זיינען געגאַנגען פון דערווייטענס. ער האָט זיך אויך פון זיי דערווייטערט, האָט זיך געהאַלטען מיט די „חוטבי עצים ושובאי מים“ און נאָך זיי נאָכגעפאָרשט. פאַר זיך אַליין האָט ער נישט געקענט לערנען, דאָס, וואָס ער האָט שוין געוואוסט, האָט ער געמוזט איבערגעבען דעם צווייטען. יעדען פרייטאָג־צו־נאַכט׳ס פלעגען זיך די בעלי־בתים צוזאַמענגעקומען אין בית־המדרש אריין מיט חומשים אין די הענד, און ר׳ דוד׳ל פלעגט מיט זיי די סדרה לערנען. ער פלעגט זיי געבען צו פערשטעהן און אויסטייטשען שטיקער מדרש רבא׳ס, די בעלי־בתים האָבען די פינגער געלעקט פון זיינע מתיקות׳דיגע רייד. שבת נאָכ׳ן שלאָף פלעגט ער זיך אַריינזעצען צווישען די בעלי־מלאכות אין בית־המדרש, נעהמען אַ תהלים אין דער האַנד אריין און זאָגען מיט זיי תהלים, ער אַ פסוק, זיי אַ פסוק. ער האָט געזונגען יעדעם וואָרט, און דער קול האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויסער דעם בית־המדרש, אין געסעל געשאַלט און גערופען אין בית־המדרש אריין. יונגען, שבת־לאָבוסעס, וואָס האָבען אין גאַס פאַלענט געשפּיעלט, האָבען דעם פאַלענט אוועקגעוואָרפען; בעלי־עגלות, פישערס, וואָס האָבען מיט די ווייבער אין גאַס שפּאַציערט, האָבען די ווייבער אַוועקגעוואָרפען, אין בית־המדרש געקומען. דאָס בית־המדרש׳ל איז וואָס אַמאָל פולער און פולער געוואָרען און דער רב, פערטרונקען צווישען קעפּ, שטעהט און זאָגט תהלים, און דער קהל ענטפערט איהם אָב. ער אַ פסוק, זיי אַ פסוק.

יודען האָבען געוואוסט אַז זיי האָבען זיך אויף וועמען צו פערלאָ־זען. איז איינעם שלעכט געווען, איז ער צום רב ארונטערגעגאנגען, און דער רב האָט איין רפואה געהאַט — תהלים. וואָס פאַר א יוד עס זאָל נישט זיין, האָט זיך דער רב מיט איהם אנידערגעשטעלט אין ווינקעל בית־דין־שטוב און האָט אָנגעהויבען מיט׳ן יוד תהלים צו זאָגען. און דער יוד, דערהערענדיג דעם רב׳ס קול, ווי עס קומט פון א צובראָכען הארץ, האָט ער זיך אויסגעוויינט פאר׳ן רב און איז אוועק מיט א גרינג געמיט.

אַז דוד׳ל איז רב געוואָרען, האָט ער אויף זיך א מצוה גענומען, וואָס ער זאָל זי מקיים זיין אפילו מיט׳ן גרעסטען מסירת־הנפש, און זאָל די מצוה מאכען ירש׳נען מדור לדור, אַז גאָט וועט איהם מזכה זיין צו דעם. דאָס איז די מצוה פון אברהם־אבינו־סנדיקאות, און ער האָט מיט די בעלי־בתים אָבגעמאַכט, אַז סנדיקאות געהערט צו איהם.

פאַר די נשמות פון זיין טאַטע־מאַמע האָט ער געקלערט.

---

דער רב ר׳ דוד׳ל האָט זיך אין זיין שטוב ארויף און אראָב גע־דרעהט, דעם הויכען שטערען געקנייטשט און פון צייט צו צייט ביטער אָבגעקרעכצט. הינדעלע די רבי׳צין האָט פערשטעלט דאָס געזיכט אין איהרע בלייכע, לאַנגע הענד, געזעסען אין א ווינקעל ביים אייווען און האָט ביטער געוויינט.

— דוד, א מעשה וועל איך מיר טהון. איך וועל עס נישט קענען אריבערטראָגען. דו מוזט דאָ זיין א קשה עורף.

— און איך זאָג דיר, אַז עס איז מן השמים. מן השמים לאָזט מען מיך נישט צו צו דעם. וואָס קען איך געגען דעם טהון? מן הסתם דארף עס אזוי זיין. א גאַנצע עדה יודען זאָלען איבער מיר הונגערען? די שטאָדט וועט חלילה אונטערגעהן, — זיי האָבען גע־וויינט פאר מיר, דאָס הארץ ווערט צושניטען.

— אוי, די בושה, די חרפה, רבונו של עולם, דו קענסט דאָך נישט זעהן קיין שפיכת דמים.

— אוי, אשה, אשה, מען טאָר נישט זיין קיין נוקם ונוטר, געדענק, פערזינדיג זיך, חלילה, נישט.

— טאַטע איינציגער, — האָט די יודענע געקרעכצט, פערשטעלענ־

דיג זיך דאָס געזיכט אין די הענד, און די גאָלדענע, לאַנגע אויערינגלעך האָבען איהר נאָכגעבאָמבעלט.

דער רב איז צום שראַנק ספרים צו, ארויסגענומען א ספר און האָט זיך פערטראַכט.

אין טהיר האָט זיך געוויזען יודעל מלמד, דער מוהל פון דער שטאָדט, און האָט די רבי'צין גערופען: רבי'צין, זייט נאָר מוחל.

די רבי'צין האָט זיך אויפגעכאַפּט.

דער רב האָט עס בעמערקט און האָט א ווינק געטהון צו ר' יודלען מיט'ן פינגער: נו, וואָס, זיי געהען שוין?

יודעל האָט דעם קאָפּ אראָבגעבויגען.

— ביי מיר האָבען זיי גע'פּועל'ט, מן הסתם איז עס מן השמים, איך בין נישט ראָוי צו דער מצוה.

— רבי!

— איבער מיר זאָלען יודען נישט האָבען צו עסען? מילא, וואָס איז דער חילוק, איך האָב אויף מיר גענומען מצות הכנסת־אורחים. דאַכט זיך, דאָס וועט מיר קיינער שוין נישט קענען אוועקנעהמען. און דו, יודעל, זאָגען זיי דיר אויך אָב דאָס מוהל'שאַפט?

— איך וויים נישט, מן הסתם. נאָר וואָס איז דער חילוק, אז אָהן איך, רבי.

— עס איז דיין חזקה. על פּין דין טאָרסט דו זיך נישט אָבזאָגען, בל זמן....

פון הינטערן פענסטער דערהערט זיך פּלוצלונג א גערודער. מענשען קומען אָן. עס ווערט א געלאַף, א געשריי: „דאָס קוויטעל!“ דעם בלינדען שוסטער'ס קול הערט מען אין פענסטער:

—„רבי, אונזער רבי, איהר וועט אייך א שוואַרץ יאָהר אויסריכטען!“

מען קלאַפּט אין דער טהיר, הענד רייסען אויף, אנדערע קלאַפּען די טהיר צו. שטעקענס פּאַכען אהין און אהער, א קנאַק פון ערגעץ אין א שויב. עפּעס פאַלט אַריין דורכ'ן פענסטער. די רבי'צין שרייט און ציהט דעם מאַן ביי דער קאַפּאָטע. פון דרויסען הערט מען: „די קצבים געהען.“

דער רב גיט א ריים אויף די טהיר און געהט ארויס. די גאַס איז פול מיט קעפּ — יודען, ווייבער, קינדער. עס מישען זיך אוים בונ־

טיגע שניידערשע היטעלעך מיט סאמעטענע שבת׳דיגע. עס שווארצט זיך ווי א לויה.... אלע לויפען, שרייען. יודען רייסען זיך ביי די בערד. איינער האלט איבער׳ן צוויטענס קאפ א שטעקען. דער הוי־כער יוד שטארט פון אלע ארוים און מיט די דינע הענד שארט ער קעפ פאר זיינע פים.

— רשעים! — האט דער רב געגעבען א געשריי.

— דער רב, דער רב, — איז געווארען א געשריי צווישען עולם, און עס איז שטיל געווארען. אלע האבען די קעפ אראבגעלאזט און גע־ווארט אויף עפעס. יעדער איינציגער האט זיך בעהאלטען אונטער דעם צווייטען, אז דער רב זאל איהם נישט דערזעהן.

— יודען, וואס שלאגט איהר אייך, ווי די גוים? — האט דער רב ביטער געשריען און טרעהרען האבען זיך איהם געוויזען אין די אויגען.

א טרויעריג שטיל־שווייגען האט אלעס צוגעשטיקט, נאר פון דער מאסע שטומע שווארצע קעפ האט זיך א קול געלאזט הערען:

— דאס קוויטעל פון די סנדיקאות, דאס קוויטעל!

מען האט זיך אומגעקוקט: ווער רעדט, אבער מען האט נישט געקענט דערגעהן.

— וואס ווילט איהר, א קוויטעל, נאט אייך, אבי זאל זיין שלום, אייער רבי וויל דאך אודאי אויך דאס.

קיינער האט זיך מיט קיין ווארט נישט אנגערופען.

— אונזער רבי — האט דער בלינדער שוסטער ארויסגעקייכט פון עולם אין טרעהרען — א חאלערא זאל אייך אנידערלעגען!

קיינער האט נישט געוואגט צו לאכען.

אין דעם איז א קליין, נידריג יודעל ארוים פון דער עדה און צו־צום רב, און ערנסט פערגלייזענדיג די אויגען מיט כונה, ווי ער וואלט א ברכה איבער׳ן ספר געמאכט, האט ער געזאגט:

— דער רבי ווארט הינטער דער שטאדט, מיר זיינען געקומען נאכ׳ן „קוויטעל".

דער רב איז אין שטוב אריין. דאס קליינע יודעל, ר׳ יצחק יור־דעלס, האט זיך נאכגעיאגט נאכ׳ן רב, און חסידים האבען זיך נאך איהם נאכגעשטופט, אבגעשטופט מיט די עלענבויגענס די בעלי־בתים הינ־טער זיך.

דער רב איז אין שטוב איינינע מאל געגאנגען ארויף און אראב.

צום סוף איז ער צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, האָט זיך אָנגעהויבען ערנסט צו שאָקלען און האָט געזאָגט:

„עס איז ידוע וגלוי פאַר דעם מי שאָמר והיה העולם, אז נישט פון מיין גוטען רצון גען איך אוועק פון דער מצוה, וועלכע איך האָב געגער־מען מקיים צו זיין, אפילו מיט מסירת הנפש. איך טהו עס מחמת שלום" — און איז צו צום טיש, גענומען אַ פען אין האַנד אריין, און אָנגעהויבען שרייבען.

חסידים אַרום האָבען שטיל געשוויגען. פון דער צווייטער שטוב האָט זיך געהערט דער רבי'צין'ס כליפּענדיג געוויין.

באַלד האָט זיך דער רב אויפגעהויבען, ר' יצחק יודעל'ס איז צו און די האַנד אויסגעשטעקט נאָכ'ן קוויטעל.

— ניין, זאָגט דער רב, און הכנסת־אורחים וואו איז? הינדעל, די קאַפּאָטע, — האָט ער אריינגערופען אין דער צווייטער שטוב.

הינדעל איז אריין מיט אויסגעוויינטע אויגען, צו צו דער קליי־דער־שראַנק.

— אשה, איך פּרעה מיך, און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיר איין מצוה צוגענומען און די צווייטע געגעבען, און דו זיצט און טרויערסט.

די רבי'צין האָט זיך די טרעהרען פון געזיכט מיט'ן פאַרטוך אויס־געווישט.

— קומט, לאָז מען מקיים זיין מצות הכנסת־אורחים — האָט דער רב אויסגערופען צום עולם, אַרויסקומענדיג אויפ'ן גאַס, און האָט מיט־געשלעפּט יודעל מלמד ביים אַרבעל.

— אנטקעגען דעם רבי'ן — האָט זיך נאָכ'ן רב געהערט ר' יצחק יודעל'ס קול.

און דער גאַנצער עולם האָט זיך הינטער דער שטאָדט אַרויס־געלאָזט.

---

אַלע, דאָס גאַנצע שטעדטעל, האָט זיך נאָכ'ן רב אויף דעם וועג געלאָזט דעם רבי'ן אַנטקעגען.

פון יעדער טהיר האָבען זיך מאַנספּערזאָנען אַרויסגעלאָזט, גע־כאַפּט די שבת'דיגע קאַפּאָטעס, די סאַמעטענע היטלען, געוועלבער האָ־בען זיך פערמאַכט אין מיטען העלען טאָג, טהירען האָבען זיך פער־קלאַפּט, און אַלע זיינען אוועק נאָכ'ן עולם אויפ'ן וועג.בעלי־בתים, דער־

זעהענדיג, אז דער רב געהט אנטקעגען, האָבען פערגעסען זייער שנאה קעגען די חסידים, אין הארצען האָבען זיי זיך געפרעהט: א רבי קומט אין שטאָדט אריין, חסידים וועלען קומען אויף שבת, די שטאָדט וועט ווערען אויפגעריכט. זיי האָבען זיך אויך אָנגעטהון די שבת'דיגע קאַפּאָטעס און זיך געלאָזט נאָך דער מחנה. וואָס א מאָל איז אלץ די מחנה גרעסער געוואָרען, בעלי־מלאכות האָבען אוועקגעוואָרפען די מלאָכה, קרעמער — די קראָמען, און אלע האָבען זיך געלאָזט אויפ'ן קאָנסקער וועג דעם רבי'ן אנטקעגען. גוים להבדיל, אוים נייגעריג־קייט, האָבען זיך אויך אויסגעמישט מיט דער מחנה. פון ר' יחזקאל'ס הויף איז נאָטע ארוים מיט א בריטשקע און וואָגען, די פערד זיינען געװען געשפאַנט אין נייעם געשפאַן מיט'ן מעשענעם בעקלאַפּעכטס. ר' יחזקאל מיט די זיהן און אייניקלעך זיינען געזעסען אין איין וואָגען. ר' חיים, דער צווייטער שותף, מיט די זיהן, איידעמס און אייניקלעך אין צווייטען וואָגען. נאָר אז אָנקומענדיג צו דער עדה, האָבען זיי דערזעהען, אז די גאַנצע עדה געהט צו פוס, זיינען זיי אויך פון די וועגען אראָב און אין עולם אריין.

די פעלדער ארום און ארום, ווי וויסענדיג, אז זיי געהערען צו איין נאָט, האָבען זיך אלע אויסגעמישט. און א ים פון גרינעם גראָז לאָזט זיך ווייט אוועק. א ווינטעל בלאָזט און בעוועגט דאָס גראָז, איין כוואַליע פון א גרינעם ים איבער'ן צווייטען. אין דעם גרינעם ים פערבלאָנדזשען זיך שמאָלע, אויסגעטרעטענע שטעגעלעך. דאָרט אין מיטען די פעלדער, פערבלאָנדזשעט אין גראָז, שטעהען הויכע יתומים'דיגע בוימער, און מיט דער בושה, אז גאָט האָט זיי צו נארען ארויסגעשטעלט, וואָס זיי זיינען העכער געוואַקסען פון אלץ ארום און ארום, שאָקלען זיי זיך איינזאַם און דאַווענען ביחוד אין פעלד. צווישען די פעלדער ציהט זיך לאַנג אוועק דער שטומער וועג, פערשטעלט פון ביידע זייטען מיט אלטען ליפּען־בוימער. די לאַנגע צווייגען, וואָס אָט ערשט האָבען זיי פון זיך זייערע קנעפּ שפּראָצעכטס ארויסגעצויגען — פלעכטען זיך איין צווייג אין דעם צווייטען אריין.

און גאָט'ס עדה אויפ'ן וועג. אויף די פעלדער טרעפט מען רבי'ס מיט חדר־יונגלעך שפּאַצירען ל"ג בעומר אין פעלד, די יונגע גבורים מיט די פיילענבויגענס אין די הענד זיינען באַלד אריין צווישען דער מחנה, אויסגעמישט זיך, און אויך אַקעגען דעם רבי'ן געגאַנגען.

חסידים האָבען זיך באַלד צוזאַמען בעהאַפּטען, איינער צום צווייטען. איינער האָט ארויפגעלעגט די האַנד אויפ'ן צווייטענס אַקסעל, ביי די הענד זיך גענומען, בעהאַפּטען זיך און זיינען געוואָרען אַן עדה אין דער עדה. זיי האָבען קיין חלוק נישט געמאַכט צי „משלנו“ אָדער ניט „משלנו“. ווער ס'האָט געוואָלט, האָט זיך ביי דעם גאַרטעל אָנגענומען, ביי די הענד זיך פערבונדען, און האָט זיך צוזאַמענגעהאַפּטען. קינדער זיינען זיך געקומען צולויפען, פערפּלאָנטעוועט זיך צווישען די פיס, ביי די פאָטערס גאַרטלען זיך געכאַפּט, ביי די פאָטערס קאַפּאָטעס און נאָכגעשלעפּט זיך. און די עדה איז געוואָרען וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער, פון אַלע עקען האָבען זיך יודען צוזאַמענגענומען, בעהאַפּטען זיך און אָנגעהויבען צו זינגען, הויך מיט'ן קול:

„ברוב עם הדרת מלך“.

און די קולות האָבען זיך אין איינעם אויסגעמישט, אַזוי ווי די נשמות האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען, און עס איז געוואָרען איין קול פון טויזענד הערצער, און דער קול האָט געקלונגען איבער פעלדער און וועלדער און האָט ערגעץ גאַנץ ווייט אָבגעשאַלט:

„ברב עם הדרת מלך“.

אויבען אויפ'ן הימעל האָט זיך איין שטיק העל־שיינענדיגער הימעל אין אַנדערען אריינגעגאָסען. פון אַלע עקען וואָלט זיינען אָנגעקומען צו שווימען העל־זילבערנע, נגידיש־חסידישע וואָלקענדלעך, און איינס האָט דורכגעשוועבט איבער'ן צווייטען. אין עק וועלט האָט זיך געכמאַרעט, נאָר דער שוואַרצער וואָלקען איז צורונען, און פון זיינע שפּאַלטען האָט די זון ארויסגעגאָסען מיט ליכט, און די ליכטיגקייט האָט אָבגעגלאַנצט און בעהעלט אַ גרינע בייט אונטען אויף דר'ערד. און די גרינע, ליכטיגע בייט האָט געשפּיעלט צווישען די אַנדערע מאַטע בייטען.

און אַזוי ווי אונטען אויף דר'ערד, אַזוי האָבען זיך מיט אַמאָל אויך אויבען די הימלען צוזאַמענגעגאָסען, איין ליכטיגער וואָלקען האָט זיך געגאָסען אין צווייטען, אויסגעמישט זיך, און זיינען איינס געוואָרען, נאָכגעצויגען זיך נאָך דער עדה דעם רבי'ן מקבל פּנים זיין, און אונטען איבער די לאַנקעס האָט אַ ווינדטעל געבלאָזט און געבויגט די גרעזער, און די גרעזער האָבען זיך נאָכגעשאָקעלט, נאָכגעבויגט נאָך דער עדה... און די איינזאַמע ביימער אין די פעלדער האָבען מיט זייערע

צווייגען געשאָקעלט, געבעטען עפּעס, געגריסט פון דערווייטען, און ארום האָט דעם עולם'ס קול הויך, ווייט און ברייט אָבגעקלונגען:
„ברב עם הדרת מלך".

דער רב מיט די פּאָר בעלי־הבתים זיינען געגאַנגען אין א זייט־וועג. זיי האָבען געזעהן, ווי דאָרט יודען העפטען זיך איינער אין צווייטען, זיינען איינס מיט'ן הימעל און דער ערד געוואָרען, און זיי, די בעלי־בתים, חברה־מענשען, ארויסגעשטופּט, ארויסגעוואָרפען, האָבען זיי עפּעס דרך־ארץ געקראָגען פאר דעם גרויסען אחדות, וואָס זינגט.... און פון די בעלי־הבתים האָט מען זיך יעדעס מאָל אָבגעריסען און צו די חסידים אריבערגע'גנב'עט זיך.

באלד איז אָנגעקומען פון וועג אָן א גרויסער וואָלקען, וואָס האָט אויפגעשטייגט פון דער ערד אין הימעל אריין. דער וואָלקען שטויב לויפט פאָראויס, קומט וואָס אמאָל נעהענטער און זאָגט עפּעס אָן:

— דער רבי פאָהרט! דער רבי פאָהרט!

און יודען ווי גרויס און ווי קליין האָבען זיך געגעבען א לאָז הענ־דום־פענדום אין וואָלקען שטויב אריין, און איהם צוריסען, פערבלאָזען, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען א גרויסער וואָגען. אין וואָגען איז דער רבי אין א ווייסען, אטלעסענעם כאלאט געווען פערטונקט צווישען שווארצע סאמעטענע קעפּ און פּאות, אַן אלט גרויער יוד, פערוואָרפען די הענד איבער'ן הארץ, פערגלייסט די אויגען אין הימעל אריין, און דער הויכער איידעלער אריסטאָקראטישער שטערען קנייטשט זיך פון צייט צו צייט.

— שלום עליכם!

און עס האָבען זיך געגעבען א ציה הענד דאָרע, לאַנגע, בלייכע, פעטע, דיקע, רויט־האָריגע און איידעל־גלאַטע, — א ים הענד, איינע איז פערטרונקען געוואָרען אין דער צווייטער; איינע ארויף, די אנדערע אראָב, און דער רבי האָט יעדען בעזונדער שלום־עליכם אָבגעענטפערט.

צום סוף האָט זיך דער רב צוגערוקט צום רבי'ן, האָט צו איהם די האַנד אויסגעשטעקט: שלום־עליכם!

— עליכם שלום, ווער איז עס? — האָט דער רבי געפרעגט.

— דער רב פון שטאָדט.

— דער רב פון שטאָדט? אזוי.

— איך האָב אייך דאָס קוויטעל געבראַכט, — זאָגט דער רב, דאָס קוויטעל איבערגעבענדיג.

דער רבי האָט די בלייכע האַנד אויסגעשטעקט נאָכ'ן קוויטעל.

— דריי מאָל ש"ס וועל איך אייך אָוועקגעבען, עס איז מיין מצוה,

— האָט דער רב געשטאַמעלט, נאָך אַ קליינע ווילע מחשבה.

צווישען עולם איז אַ געמורמעל געוואָרען.

— צו וועמען פאַהרסט דו? — האָט דער רבי מיט אַ שמייכעל געפרעגט, דאָס קוויטעל אין בוזעם־קעשענע אַריינלעגענדיג.

— צו קיינעם נישט.

— צו קיינעם נישט. נו, וועסט דו ביי מיר ביים טיש זיצען, האָט דער רבי געשמייכעלט.

דער רב איז נאָך געשטאַנען.

באַלד האָבען זיך צוגערוקט חסידים, האָבען דעם רב אָוועקגעשטופט אין אַ זייט און דער עולם האָט זיך ווייטער גערוקט מיט די הענד איבער די קעפּ, געדריקט זיך נעהענטער צום רבי'ן.

— יודען, מיר וועלען מנחה דאַווגען — האָט דער רבי אויסגערופען און איז אַראָב פון וואָגען.

באַלד ביים וועג איז אַ קליינער געדיכטער וואַלד געשטאַנען. ביימער ווי זיי וואָלטען אין איין גאַרטעל געוועזן פערפלאָכטען. דער רבי פאָראויס, דער עולם נאָכ'ן רבי'ן אין די ביימער אַריין.

עס איז שוין פאַרנאַכט געוואָרען. די זון האָט נאָך אין וואַלד אַריינגעקוקט צווישען די ביימער. וואו נישט וואו און ווען נישט ווען האָט זי דאָס גרינס צווישען איין בוים און דעם צווייטען בעגולדעט. דער קליינער וואַלד איז שטיל געווען. ווי אַ שטילער סוד וואָלט אין איהם פערשטומט געוואָרען פון צייטען, צייטען לאַנג.... די הימלען איבער'ן וואַלד אין רויט־בלויען פייער האָבען צנועה'דיג זיך ווייט אַראָבגעלאָזט. טיעף אין וואַלד האָט אַן איינזאַמער פויגעל גערופען; גערופען נישט וויסענדיג וואָס. דאָרט טיעף אין וואַלד האָט ווער אַ בוים אונטערגעהאַקט און דער בוים האָט זיין ודוי הויך צווישען די ביימער אויסגערופען...

און אַרום וואַלד האָט די גאַנצע וועלט געוואַרט...

נאָך ניט פאַרטיג איז דאָס גרינס געוועזן, נאָר עס האָט ערשט אָנגעהויבען צו בליהען. די ערד האָט ערשט די בריסטען אויסגעשטעקט,

און דאָס גרינס האָט ערשט צו זויגען אָנגעהויבען, צו נאָגען און ציהען חיונה. אַלץ ארום האָט ערשט אָנגעהויבען צו לעבען און האָט געוואַרט איף אַ דערלעזונג, אויף אַ ברכה, אויף אַ תקון.

און דער עולם איז פערוואָרפען אין וואַלד. אַ יוד הינטער אַ בוים, אַ יוד הינטער אַ בוים. יונגע קינדער הינטער יונגע צווייגעלעך, קוסטעס, אַלע האָבען זיך טיעף און ערנסט געשאָקעלט. דעם רבינ׳ס ברכה האָט געקלונגען אין וואַלד, און מיט דער האַנד האָט ער צוגעשאָקעלט און געוויזען:

„ברך עלי—נו ה׳ אל—הי—נו את הש—נה ה—זאת ואת כל מי—ני תבו—א—תה לטו—בה, ו—ת—ן בר—כה על פני הא—ד—מה. ושבע—נו מטו—בה וב—רך שנ—תנו כש—נים הטו—בות, ברוך א—תה ה׳ מב—רך הש—נים.“

און ביי יעדען בוים אַ נשמה, און יעדע נשמה, וואָס איז הינטער איהר בוים געשטאַנען, האָט פאַר איהר בוים געבעטען, און מיט דער ברכה האָט מען דעם תקון אויף דאָס גרינס געזעהן. און די בוימער האָבען זיך מיטגעשאָקעלט, ווי געוואָלט עפּעס בעטען, זאָגען, נאָר בוימער זיינען שטום, און די נשמה, וואָס שטעהט הינטער דעם בוים איז דעם בוימ׳ס שליח צבור, און דער בוים שאָקעלט זיך מיט: אמן! אמן!

אַלץ ארום האָט געדאַווענט, געבעטען און געדאַנקט גאָט, און דער הימעל האָט זיך גענעהענטערט צו דער ערד, די ערד — צום הימעל. אַן ערדה יודען, אַן ערדה בוימער. די בוימער האָבען זיך מיטגעשאָקעלט, אַ צווייג אָן אַ צווייג געקלאַפּט, די גרעזער אהין און אהער זיך בעוואָויגען, די פויגעל פון צווייג צו צווייג געשריען, געקווייטשעט. און דער ווידער־קול האָט טיעף אין וואַלד געריפען צווישען די בוימער, און דעם העקער׳ס קול דאָרט טיעף האָט אָבגעקלאַפּט, און די קולות האָבען זיך אויסגעמישט, עס איז געוואָרען איינס. אַלץ האָט זיך בעהאָפטען. און עס איז געוואָרען איין תפלה, איין האַרץ, איין נשמה. און דאָרט טיעף אין וואַלד איז די שכינה צווישען די בוימער אויסגעצויגען און דאַוועגט מיט...

די גאַנצע וועלט איז גאָט, גאָט אין דער גאַנצער וועלט דאַווענט.

באַלד איז אַלץ שטום געוואָרען. די בוימער האָבען זיך אויפגעהערט צו שאָקלען, דאָס גראָז צו בעוועגען. דאָרט טיעף אין וואַלד איז דער פויגעל פערשטומט געוואָרען און דער ווידער־קול פון העקער. די

וועלט, ווי זי וואָלט זיך אַ מינוט איינגעהאָרכט. דאָרט טיעף אין וואַלד איז גאָט און הערט זיך אויך איין צו דעם אַלט־בעקאַנטען נגון פון אַמאָל, און דעם רבינ׳ס קול וויינט אין וואַלד:

תק—ע בשו—פר ג—דול לחרו—תנו ושא נס לק—בץ גליו—ת—נו...

אַלץ אַרום איז שטיל געוועז. אַ טונקעלער, טרויעריגער נעבעל האָט דאָרט טיעף, וואו די שכינה רוהט, זיך אויסגעשפּרייט, און פון דאָרט טיעף האָט אַ טרויעריגער פערגעסענער זום־זום־זום געברומט און האָט געשפּיעלט איבער וועלדער און פעלדער און דער ווידער־קול האָט זיך ווייט צוגאָסען און פערטרויט בעהאַלטענע סודות.

גאָט׳ס אַ גרוס איז עס געוועזן צו זיין כנסת ישראל פון לאַנגע, לאַנגע צייטען...

באַלד האָט דער רבי זיין תפלה געענדיגט. יתומים אונטער בוי־מער האָבען קדיש געזאָגט, און אפשר האָבען אויך בוימעלעך קדיש געזאָגט איבער זייערע טאַטעס און מאַמעס, אָדער זיינען די קינדער זייערע חזנים געוועזן...

דער רבי איז צוריק אַרויף אויפ׳ן וואָגען. מען האָט די פערד אויסגעשפּאַנט, יודען גאַנצע מחנות, גאַנצע עדות האָבען אין דעם וואָ־גען זיך איינגעשפּאַנט. קעפּ זיינען געקראָכען איבער קעפּ, איינער איבער׳ן צווייטען, איבער די רעדער און אויף די רעדער און דער ווייַ־סער כאַלאַט, פערטרונקען אין ימים קעפּ און הענד, האָט זיך געטראָגען אין דער הויך, און פאַר איהם און נאָך איהם כוואַליעס קעפּ, כוואַליעס קעפּ מיט איין קול, מיט איין שיר:

„ברוב עם הדרת מלך“.

און נאָך דער עדה האָט אַ טונקעלער, טרויעריג ליעבער טוי־וואָלקען איבער וועלדער און פעלדער גערוהט און געזויגען, און גע־טרונקען יעדעם מיילעכיל, וואָס האָט זיך געעפענט.

דעם רבי׳נס ברכה...

---

און וואָס נעהענטער די כוואַליעס קעפּ זיינען צום שטעדטיל צו־געקומען, האָבען זיך אַלץ מעהרער מענשען, ווייבער, אַלטע לייט, קינ־דער פון שטאָדט זיך געלאָזט, די אָנגעקומענע זיינען אין די מאַסען קעפּ פערשוואונדען געוואָרען, און מיט איין קול און מיט איין שיר: ברב עם הדרת מלך! — זיינען זיי אין שטאָדט אריין.

א ליעבער פערגעסענער טוי־וואָלקען, וואָס האָט פון די וואסערען אויפגעשטייגט, האָט זיך צערטליך און מיט א מוטערליכער ליעבע איבער'ן שטעדטיל געלעגט, צו בעשיצען, צו בעוואָרענען, און דער וואָלקען האָט עס געהילט און געטוליעט. און דאָס שטעדטיל איז ליעבליך איינגעשלאָפען.

ווייט אין געסעל האָט זיך געהערט א קינד וויינען...

---

פון ר' יחזקאל'ס צוויי גרויסע פענסטער, וואָס געהען אין שוהל־געסעל אריין, האָבען אין טונקעלען טוי־נעבעל צוויי גרויסע ליכט־פלאַמען ארויסגעדרענגט, און א שטיל פערטרונקענער ליעבער נגון איז פון דאָרט אין געסעל אריינגעשוואומען.

דער רבי איז דאָרט איינגעשטאַנען.

פון די וואָכעדיגע בית־המדרש־פענסטער, וואָס זיינען געווען גע־גען איבער ר' יחזקאל'ס פענסטער, האָבען אויך זעקס קליינע ליכטלעך אין דעם טוי־וואָלקען אריינגעדרענגט, און א קאַלטער, וואָכעדיגער „והוא רחום" פון אַן אַלטער שניידערישער ברוסט האָט פון דאָרט זיך ארויסגעריסען:

„יכפר עון ולא ישחית."

און טיעף אין געסעל, פערהילט אין נאַכט־נעבעל הערט זיך א יונגעל'ס לאַבוסדיגע שטימע:

נאַ דיר בלומען, גיב מיר קנעפּ.
נאַ דיר בלומען, גיב מיר קנעפּ!

---

## V.
# די זומערדיגע פאַר־נאַכטען

ווי די דריי וואָכען האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינצו׳גנב׳ענען אין שטעדטיל, איז דאָס זומער־לעבען ווי אין מיטען אָבגעהאַקט געוואָרען. די וועלט אַרום און אַרום האָט אויסגעזעהן ווי אַ פּרינצעסין, וואָס זיצט אין איהרע יום־טוב׳דיגע קליידער און טרויערט נאָך איהר גע־ליעבטען, וועלכער האָט זי פערלאָזט... אַ ווינדטעל בלאָזט און וועהט איבער די גרעזער, שאָקעלט זיי אַהין, שאָקעלט זיי צוריק. דאָס בלע־טעל אויפ׳ן צווייגעל, דאָס גרעזיל אין דער ערד וויינען אין זיך פאַר דער גאַנצער וועלט.

ליעבע, זומערדיגע פאַר־נאַכטען! פון בעהאַלטענע וועלטען קומען זיך צוציהען איבער׳ן הימעל שטיקער ליכטיגע, שטיקער טונקעלע וואָל־קען, מישען זיך צוזאַמען טיעף אין ברייטען האָריזאָנט פון הימעל. די הערליכע ליכטיגקייטען מיט די דונקעלע וואָלקען ווערען בעהאַלטען הינטער בלאָהע, פאָכערדיגע פאָרהאַנגען. ליכט פערוויקעלט אין ליכט העננט ברייט און ווייט איבער׳ן וואַסער און שפּיגעלט זיך אָב אין זיינע ליכטיגע, געשליפענע כוואַליעס. און די כוואַליעס געהען, אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע, ווי זיי וואָלטען דאָס האַרץ אויסגערעדט איינע פאַר דער אַנדערער. ווייט, ווייט נויגט זיך דער הימעל אַראָב אין וואַסער אַריין, און דאָס וואַסער געהט אין הימעל אויף. דער הימעל מיט דעם וואַסער גיבען זיך דעם ערשטען, ליעבען אונשולדיגען קוש און געהען זיך שלאָפען לעגען אין געדיכטען וואַלד, אין שוואַרצען וואַלד, אין עק וועלט...

ליעבע זומערדיגע פאַרנאַכטען אין שוהל־געסעל! טונקעל־טרויע־ריגע נעבלען טוליען דאָס שטילע געסעל, און וויקלען עס, ווי זיי וואָלטען עס וועלען פערהוילען פון מענשען׳ס אויגען. אין עק וועלט פון גע־דיכטען וואַלד שימערט נאָך אַרוים דאָס לעצטע ביסעל רויטליכקייט,

פערזונקען און פערטונקען צווישען בלאָהע ימים ווי אָבגעריסענע, פער־געסענע אינזלען. — פון די פענסטער פון דעם אלטען בית־המדרש ווינקט ארויס א ליכטעל, און דעם פרוש'ם קול וויינט אין געסעל, און קלאָגט זיך פאר דער מאמע־נאכט... און די מאמע־נאכט נעהמט מיט זיין געוויין און פערטרינקט עס אין בעהאלטענע וועלטען, און מישט עס אויס, און עס ווערט איין טאָן פון דעם נאכט־כאָר; די זשאבעס אין וואסער האלטען איהם מיט צום טאקט. פון שווארצען וואלד קומט צוציהען א פערגעסענעס זשומען. און די נאכט נעהמט די קולות אלע אין זיך אריין, און ווערט פערטרונקען מיט זיי אויף דעם שווארצען וועג צום בית־עולם צו... פון רבי'נס פענסטער דרינגען ארויס צוויי גרויסע ליכט. דער רבי אין ווייסען כאלאט דרעהט זיך איינער אליין ארויף און אראָב איבער דער שטוב, און יעדעס מאהל, ווען דער וויי־סער כאלאט געהט פערביי די צוויי פענסטער, לויפט ווער דורך איבער'ן ווייסען פּליט, וואס איז אנטקעגען די פענסטער. פאר טהיר און טהויערען זיצען האלב נאקעטע יודען, בעלי־בתים, בעל־הבית'טעס, בעלי־מלאכות, אָנגעהאָרעוועטע פון א גאנצען טאָג, אויסגעבעט אויף בעט־געוואנד און כאפּען א ביסעל „פרישע לופט“, קליינע מיידלעך שפּאצירען צוזאמען פאר דער טהיר, אָננעהמענדיג זיך ביי די הענד, און זינגען הויך אויפ'ן קול:

> נעהט דער גראף אין וואלד אריין,
> טרעפט ער א מיידעל ביים בוים שטעהן.
> — מיידעלע, מיידעלשי, וואס טהוסט דו
> אין וואלד אליין?
> — איך בין געגאנגען אין וואלד אריין
> און ווייס נישט וואו א היים צו געהן.

אויפ'ן פּלויט פון חנה־שרה'לעס גאָרטען, פון וועלכען די צווייגען מיט בארנעס שטייגען אין מארק אריין, קלעטערען די חדר־יונגלעך. זיי כאפּען אָן די צווייגען און רייסען פון זיי אונצייטיגע אויבס. דער סעדער לויפט ארויס, די קינדער אנטלויפען, נאָר איינס נעביך איז הענגען געבליבען אויפ'ן פּלויט. דער סעדער כאפט איהם אראָב דאָס היטעל, און דאָס יונגעל שטעהט און קראצט זיך און וויינט. ער האָט מורא אהיים צו געהן צו דער מאמען. קיה געהען אהיים פון דער פּאשע, דער שעפער שפּיעלט אויף דער פישטאלקע, בעלי־בתים דער־

הויבען זיך פון די ערטער און פיהרען דאָס זייעריגע אין די שטאַלען. פון ערגיץ פאַר אַ הויז הערט זיך אַ האַרמאָניע שפּיעלען. דאָרט זיצט סטעפּאַן, דער איינציגער גוי אין געסעל, מיט זיין מיידעל און שפּיעלען ליעבעס־ליעדער, און דאָס קול פון דער האַרמאָניע מישט זיך אויס אין איינעם מיט'ן פּרוש'ס וויינענדיגען נגון. און עס ווערט איין טרויעריגער, האַרץ־רייסענדיגער נגון, וואָס ווערט פערטרונקען ווייט אין געסעל...

ליעבע זומערדיגע פאַר־נאַכטען אין שול־געסעל! דאָרט ווייט צום שוואַרצען וועג צו, צום „בית־עולם", שפּאַצירען אַרום בית־המדרש בחורים אין די זומערדיגע לייכטע שניט־רעק. עס שפּאַצירען בעל־הבתישע מיידלעך אין די זומערדיגע קאַרטאָנע קליידלעך. די בחורים אויף איין זייט, די מיידלעך אויף דער צווייטער זייט, שיקט אַ בחור אַריבער אַ פּערשעהמטען בליק אויף דער צווייטער זייט, וויל גע־פינען די כלה, וואָס איהר גאָלדענעם זייגער טראָגט ער אויף זיין וועסט; ער פערשעהמט זיך, און דאָס האַרץ קלאַפּט אין איהם... וויל אַ מיידעל וואַרפען אַן אויג צו די בחורים, כדי צו געפינען איהר חתן, פאַר וועלכען זי העפט איצט אויס אַ תפילין־בייטעלע, שעהמט זי זיך פאַר די חבר'טאָרינס. איהר האַרץ קלאַפּט אין דער שטיל, און דאָס לייכטע קאַפּטענדיל בעוועגט זיך...

ליעבע זומערדיגע פאַר־נאַכטען אין שוהל־געסעל! היינט זיינען אָבער די „דריי וואָכען", היינט טאָר מען קיין ליעבעס ניט שפּיעלען, האָט מען עס אָבגעלעגט אויף שבת־נחמו... נאָר די נעבלען, וואָס הילען דאָס שטעדטיל איין אין ליעבע, טרויעריגע סודות, וועקען אין דער שטיל דאָס האַרץ, דאָס געסעל טוליעט זיך צום נעבעל, דער נעבעל צום געסעל, און זיי שפּיעלען אין דער שטיל אַ געהיימע ליעבע... און די ריחות טראָגען זיך פון יענער זייט פעלדער און דערפרישען דאָס האַרץ... די ברוסט ווערט פול, און עס ווערט עפּעס אַזוי לייכט, אַזוי ליעב, אַזוי זיס, און עס ווילט זיך אַזוי זיין געטוליעט, געליעבט! אוי, טאַטע אין הימעל!

ליעבע זומערדיגע פאַר־נאַכטען אין שוהל־געסעל! ווער עס האָט אייך געהאַט, ווער עס האָט אייך פערלאָרען...

---

אויף דעם שוואַרצען וועג, צום בית עולם צו, ווייטער אַראָב אין

שוהל־געסעל האט זיך די וועלט דאס געזיכט איינגעטוליעט אין הארץ פון דער נאכט, און די נאכט אין הארץ פון דער וועלט, און ביידע האבען זיך בעהעפט, און דארט ווייט, טיעף אין וואלד זיך פערבלאנדזשעט און זיך שלאפען געלעגט אין געדיכטען וואלד.

אויף דעם שווארצען וועג, צום בית־עולם צו, שטעהען אלטע, אבגעלעבטע טאפאלען, ווי ווילדע לצים, מיט אבגעהאקטע פיס און הענד. זיי שטעהען ווי גלגולים פון רוחות, ווי אנגעקומענע פון פאר ששת ימי בראשית, ווי שטומע עדות פון אנהויב וועלט ביז'ן סוף וועלט... נאכט, צוועלף א זייגער, קומען צוגעהן „הויכע דייטשען מיט לאנגע בייטשען", און שטעלען זיך הינטער די טאפאלען און ציהען פון זייערע צווייגען די ליעבסטע, הארץ־נאגענדע נגונים, ציהען, ציהען ביים הארץ, און פערנארען מענשען מיט זייערע געזאנגען אין ווישטע זומפען...

אין פעלד, אין גראז ליעגען קופקעליך חסידים, הינטער'ן שטאדט, און זינגען דעם יאוש'דיגען:

שוכני בתי חומר,
למה תשאו עין ?
ויתרון אדם מן הבהמה — אין !

מיט'ן נגון פון דעם חזן, וואס מען האט איהם לעבעדיגערהייד אין קבר בעגראבען. און דאס קול קלינגט איבער די קברים, וואס שטעהען אויפ'ן בערגעל און די קברים אויסגעמישט מיט גאט'ס ערד, פערטרונקען אין ימים גרינס, לעבען דא זייער שטיל, שווייגענדיג לעבען. עס שווייגען די טויטע ביינער אין די פיער איילען פון קבר, וואס האט איבער זיך נאר א פיצעל הימעל. דאס ווינדטעל בלאזט איבער זיי, אויסגעמישט מיט דער ערד, גיבען זיי פון זיך דאס לעבעדיגע גרינס ארויס. אט זיינען די ביינער צוגעקומען צום אמת'ען תכלית, צום לעצטען סוף פון לעבען, פון פאר'ן אייביג און פון נאכ'ן אייביג... און די גאנצע וועלט האט זיך געאייניגט, דאס לעבעדיגע מיט'ן טויטען, דער הימעל מיט דער ערד, יעדעם גרעזיל, יעדעם בוימעל, און עס איז איין לעבען, איין וועלט, איין גאט'ס געווארען...

פון דער צווייטער זייט וועג שפיגעלט זיך אב דאס וואסער אין דער נאכט, ווי א צווייטע וועלט זעהט עס אוים פון דערווייטען. קליינע ליכטלעך פון די בערלינקעס, וואס רוהען אין וואסער איבער

נאכט, דרינגען טיעף אין וואסער אריין, און זיי זעהען אוים פון דער־ווייטען, ווי גרויע, טונקעלע חיות זיינען מיט די לאפּעס אין דער שווארצער נאכט איינגעזונקען געווארען, און קענען נישט מעהר ארויס, די ליכטלעך, — די אויגען אין זייערע שטערנס, דרינגען אהער פון דער־ווייטען און בעטען הילף...

און אויף דעם שווארצען וועג, טיעף דארט אין דער נאכט, האט גאט זיך דאס פּנים איןביידע הענד פערשטעלט... און זיינע צוויי גרויסע טרעהרען — וואס ער וויינט אויפ'ן חורבן בית־המקדש — האבען אויף דער ערד זיך אראבגעגאסען און אלץ פערטונקט און פערטרונקען...

---

אויפ'ן שווארצען וועג צום בית־עולם צו אין דער טונקעלער נאכט שפּאצירען א יונגעל מיט א מיידעל: גבריאל, דעם רבי'ס זוהן, דער ממלא מקומו, און לאה'לע, ר' יחזקאל'ס יונגסטע טאכטער.

זי האט איהם געזעהען דורך א שפּאלט פון דער טהיר דענס־מאל, ווען זיין פאטער איז ביי זיי איינגעשטאנען. פאר־טאג'ס, ווען זי איז נאך אין איהר בעט געלעגען, האט זי דערהערט פון אן אפענעם פענסטער זיין קול. ער לערנט און זיין קול איז ארוים דורכ'ן פענסטער און אויסגעמישט זיך מיט דעם ריח פון די יונגע גרעזער, וואס האבען זיך פון דעם נאכט־טהוי געוועקט; ער איז אריין מיט דעם בלומען־געשמאק, און איז פאר איהר געזיכט פערבייגעפלויגען און געווינקט איבער איהר, און איהר ברוסט האט זיך אונוויסענד געהויבען און געוועקט זיך... און פון דענסמאל אן האט זי געבענקט נאך זיין איידעל, מלאכים'דיג געזיכט, וואס האט ווי א ליכטיגע לבנה פון זיין טיעפען שטריימעל ארויסגעשיינט, נאר זי האט נישט געוואוסט דערפון. זי האט פון גאר נישט געוואלט וויסען, נאר יעדען פאר־נאכט האט זי זיך אין שוהל־געסעל שפּאצירט... עס האט זי עפּעס געצויגען אהין, צו די „הויכע דייטשען מיט די לאנגע בייטשען", די וואס שפּיעלען און ציהען די נגונים פון די טאפּאלען־צווייגען, און האבען זי געצויגען טיעפער אריין, טיעפער אין שווארצען וועג אריין, טיעפער און טיע־פער... איהם אבער האבען זיי אויך געמוזט ציהען, און ער האט זיך אויך געמוזט לאזען פערפיהרען...

און זיי האבען נישט געזעהן, ווי זיי פערקריכען זיך. די נאכט

איז געפאלען איבער זייערע קעפ און האט זיי אין זיך ארייננענומען, בעוועבט זיי מיט פינסטערנישׁ הינטער זיך און פערשטעלט זיי פון מענשענ׳ס אויגען. די טויטע מצבות אויפ׳ן בערגעל זיינען עדות גע־ווען, אז די קינדער האבען צווישען זיך קיין ווארט נישט גערעדט, נישט ביי דער האנד זיך אנגענומען, נאר ער פון איין זייט וועג, און זי פון דער צווייטער זייט וועג האבען זיך געלאזט נאכציהען נאך די שטומע, הארץ־נאגענדיגע נגונים, וואס די „הויבע דייטשען מיט די לאנגע בייטשען" האבען מיט זייערע דינע, לאנגע פינגער פון די אלטע טאפאלען־בוימער ארויסגעצויגען. אט די נגונים האבען זיך אין זייערע הערצער אבגעקלונגען, ווי אויף סטרונעס, און האבען די קינדער אליין געצויגען צו זיך, געצויגען שטום, און געשפיעלט שטומע, סודות׳דיגע טענער אויף די הארץ־סטרונעס אין דער שטיל... אין דער שטיל...

און די נאכט איז געפאלען איבער זיי, און די טהוי־וואלקען האַ־בען געשוועבט פאר זיי, און הינטער זיי.

און אלץ ארום איז פול מיט ליעבע. דער הימעל און די ערד ליעגען אינאיינעם געארעמט פערוואָרפען אין וואלד, די נאכט אין דער וועלט, די וועלט אין דער נאכט, און שמעקענדיגע ריחות קומען זיך צו טראגען פון די ארומיגע פעלדער, וועהען איבער׳ן פנים, און דערצעהלען שטומע סודות, וואס מען טראגט ביי זיך אין הארץ ארום און וואס מען זאגט זיי קיינמאל ניט ארויס...

און די ברוסט בעוועגט זיך שטיל, פאמעליך, און בענקט נאך עפעס, און א בענקעניש ליעגט אויף אלעם אויסגעגאסען, די גאנצע וועלט בענקט, נישט ווימענדיג אליין נאך וואס, נאך ווען...

אין געדיכטען וואלד ליעגט גאט אין שווארצען מאנטעל געהילט, און בענקט נאך זיך אליין און נאך די וועלט... אין עק וועלט, וואו דאס לעצטע רויטע אויג זינקט אין די בלאהע, שווארצע ימים, קושט זיך דער טאג מיט דער נאכט און בענקען נאך זיך און נאך דער וועלט...

אין מיטען האריזאנט בלאנדזעט א ליכטיגע לבנה, ים אוים, ים איין, און בענקט... — דער קליינער בית־עולם בעהאלט זיך אין זיך און בענקט...

און דאס יונגעל און דאס מיידעל לאזען זיך נאכציהען נאך די פערגעסענע נגונים...

אַ ביסעל ווייטער איז דאָס וואַסער, און די נאַכט־לאַמטערנדלעך דרינגען זיך אין דער טיעפעניש פון וואַסער, און דערצעהלען זיי מעשיות פון אַנדערע וועלטען.

דאָס יונגעל מיט'ן מיידעל געהען נאָך, און לאָזען זיך פערפיהרען נאָך די פאַקעלדיגע לאַמטערנדלעך.

זיי זיינען צום וואַסער אָנגעקומען, ביים ברעג זיך געזעצט.

---

עס האָט זיך פּלוצלונג קלינגען געהערט.

און דאָס קלינגען האָט מיט אימה פון גאַנץ ווייט אָבגעקלונגען, ווי אַ מאַמע וואָלט זיך אין דער פינסטערער נאַכט געקלאָגט: געוואַלד, מען האָט מיר שלעכטס געטהון! געוואַלד, מען האָט מיר שלעכטס געטהון!

דער הימעל צום שטעדטיל איז מיט אַ מאָל ליכטיג געוואָרען, ווי אַ רויט־ברענענדיגע, ליכטיגע כמארע פון אַ ליכטיגען ים איז געקומען צו ציהען פון אַ פרעמדער וועלט און האָט זיך פערבלאָנדזעט אינ'ם פינסטערען נאַכט־ים אריין, און האָט אַ האַלבען הימעל בעלויכטען. צי האָט נישט אַ מעכטיגע האַנד אַ שטיק נאַכט פון דער הויך אַראָבגע־וואָרפען, און דער וועלט דעם אָפענעם הימעל געוויזען? צי האָט זיך אפשר דאָך די זון איין מאָל אין לעבען טועה געווען, און אָנשטאָט אין אַ פרעמד לאַנד צו געהן, איז זי פאַר דער צייט צוריק געקומען? און אונטען אויף דר'ערד פלאַקערט זיך, איין וואָלקען פייער קוילערט זיך אין צווייטען אריין און זיי פלאַמען זיך אין איינעם און שטייגען אין הימעל אריין, און צינדען אַ שטיק הימעל אונטער. ערד, לופט און הימעל קושען זיך צוזאַמען אין איין פלאַם פייער. עס האָט פון דער וועלט דעם נאַכט־שלייער אַראָבגעריסען און צוריק טאָג געמאַכט... פון דער־ווייטען הערען זיך וויינענדיגע קולות, און דער שטאָדט־גלאָק קלינגט און קלינגט מיט אַ געוואַלד, ווי אַ מאַמע וואָלט זיך געקלאָגט: געוואַלד, איהר האָט מיר שלעכטס געטהאָן! געוואַלד, איהר האָט מיר שלעכטס געטהון!

דאָס יונגעל מיט דעם מיידעל זיצען ביים ברעג וואַסער. ליכ־טיגע שטראַהלען פאַלען אריין און בעלויכטען דאָס וואַסער פון יענער זייט. און פון דאָרט, פון וואַנען דאָס וואַסער ברענט זיך, קומען צו־שווימען ליכטיגע כוואַליעס און סוד'ען איין אין דער שטיל די איבריגע

כוואַליעס דאָס, וואָס דאַרט טהוט זיך אָב. דאָ ליעגט די נאַכט אויס־געצויגען איבער'ן וואַסער. עפּעס וואָס פּליאַסקעט זיך שטיל אין איהם... מתים געהען אויף פון דעם בית־עולם, קריכען אריבער דעם פּלויט און זיי זיינען טובל זייערע נשמות אין וואַסער, איידער זיי שטייגען אויף אין הימעל אריין צום בית־דין של מעלה.

און דאָס וואַסער גיסט זיך אין דער שטיל, וואַשט די נשמות, וואַשט זיי אָב פון זינד, און די מתים שווימען מיט די כוואַליעס וואַסער אין שוואַרצען וואַלד אריין, אין הימעל אויפצושטייגען...

און פון יענער זייט פּלאַקערט די וועלט. זיילען פייער אין זיילען פייער שטייגען איינער נאָכ'ן צווייטען אין הימעל אריין, און צינדען אָן די לופט, דעם הימעל, און זייער פייערדיגער גלאַנץ שפּיעלט אויף די כוואַליעס....

---

דורך בעהאַלטענע וועגען זיינען די קינדער אין שטאָדט צוריק געקומען.

האַלב־נאַקעטע ווייבער, נאַקעטע קינדער, כאַפּענדיג דאָס ביסעל אָרימקייט, פּעק בעטגעוואַנד, ווער אַ קישען, ווער אַן עמער מיט שטוב־זאַכען, מיט אימה'דיגע געוואַלדען, מיט פונאַנדערגעלאָזענע האָהר, לויפען זיי פון פייער, גאַס אויס, גאַס איין. קליינע קינדער, האַלטענדיג זיך אָן די מאַמעס שירצען, גרעסערע, העלפענדיג דער מאַמען די פּעקלעך טראָגען, לויפען אין דער שוואַרצער וועלט אריין, מיט געוואַלדען, מיט געוויין. און דאָס פייער לויפט זיי נאָך, ארויס־שטעקענדיג נאָך זיי זיינע צונגען. מאַמעס טראָגען זויגענדיגע קינ־דער אין די קישענס, ברידער — קליינע שוועסטערלעך, שוועסטער — קליינע ברידערלעך. מען לויפט מיט זיי אין פרעמדע שטיבער, זיי אוועקצולעגען אין פרעמדע בעטען, צו פרעמדע קינדער. דאָס פייער יאָגט די מענשען פון די הייזער, טרייבט זיי ארום ווי ווילדע רוחות און טראָגט זיך פון דאַך צו דאַך. דאָס פייער איז ווי אַן אונגעהויערע ווילדע חיה מיט ברייטע, ווייטע ברענענדיגע לאַפּעס, איז געקומען צולויפען פון וויסטע מדבריות און האָט זיך איבער'ן שטעדטעל גע־לעגט, צו פערניכטען אַלץ, אַלץ... יודען, גוים שלעפּען עמערלעך וואַ־סער, געהען מיט אַ געוואַלד און גיסען דעם וואַסער אין פייער אריין: דאָס פייער טרינקט עס אויס מיט אַ לעבערדיגען קנאַק און טהוט זיך

ווייטער דאָס זייניגע. טהייל מענשען, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון, כאַפּען פענסטער, טהירען און לויפען דערמיט אין דער וועלט אריין. ווילדע מאַמעס לויפען אין פייער מיט צואוואָרפענע האָהר, פערוואָר־פענע קליידער. זיי לויפען און שרייען: מיינע קינדער! ווילדע, פער־לאָזטע, נאַקעטע קינדער לויפען איבער דער גאַס, שלעפּענדיג פעקלעך, און שרייען: מאַמע! מאַמע! און די אַלע קולות ווערען פערטרונקען אין איינעם אינ׳ם קנאַק פונ׳ם פייער, און דאָס פייער שיקט זיינע צונגען פון דאַך צו דאַך און לאָזט איבער נאָך זיך איין חורבה נאָך דער אַנדערער. אין די חורבות בלייבען שטעהן הויכע, שוואַרצע קוימענס, עדות אויף דעם אונגליק, וואָס דאָס פייער האָט אָנגעמאַכט. טהייל בעלי־בתים, כאַפּענדיג וועך אַ האַק, ווער אַ לאָפּעטע, האַקען די ווענד, רייסען די דעכער פון זייערע אייגענע הייזער. זיי האַקען אָהן רחמנות, ווי עס וואָלט אין זיי אריינגעקומען אַ ווילדער גייסט צו מאַכען אַ תל פון אַלץ, אַלץ חרוב צו מאַכען.

איינער ברעכט מיט בלויזע הענד די שויבען און לויפט דער־נאָך מיט צובלוטיגטע הענד איבער דער גאַס. דאָס פייער אָבער ווערט ניט שטילער. די בייזע, פייערדיגע לאַפּעס ציהט עס פון דאַך צו דאַך, און מיט אַ בייזען קנאַק, ווי ס׳וואָלט געוואָלט פערשטומען דאָס געוויין פון די קינדער, פון די מאַמעס, פונ׳ם עולם, ברעכט עס איין שטוב נאָך דער אַנדערער. די אַלע קולות נעהמען זיך צונויף צוזאַמען און הויבען זיך אויף ביז׳ן הימעל אריין... און דער שטאָדט־גלאָק האָט אַלץ נאָכאַנאַנד געקלונגען און געקלונגען, ווי ער וואָלט געוואָלט ביים פייער רחמנות ערוועקען, וואַרפען זיך צו זיינע פיס אָדער קלאָגען זיך פאַר די געהיימע קראַפט אויף דעם חורבן, וואָס דאָס פייער האָט אָנגעמאַכט...

באַלד איז געוואָרען אַ געשריי: די שוהל ברענט, די שוהל!

און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געלויף פון אַלע זייטען. טאַטעס האָבען די הויז־געזינדען אוועקגעוואָרפען, מאַמעס — די זויגעדיגע קינדער, אַלע האָבען זיך אַרום דער קליינער שוהל אַרומגעשטעלט. איהרע הויכע פענסטער, וואָס זיינען געווען געגענאיבער דעם פייער, האָבען ווי ליכטיגע לאַמטערנעס געלויכטען. יודען האָבען געקרעכצט, די האָהר פון קאָפּ זיך געריסען; ווייבער האָבען זיך אַרום איהרע בריהענדיגע ווענד אַרומגעשטעלט, ווי זיי וואָלטען זיי וועלען מיט

זייערע שירצען פערשטעלען. א פּאָר יודען זיינען געשטאַנען און געגאָסען עמערלעך וואסער אויף די הייס אָנגעזונגטע ווענד — דאָס פייער האט עס מיט א קנאַק אויסגעטרונקען, און גענומען זיך דאָס זייניגע טהון.

גוים זיינען אָנגעקומען צו לויפען מיט באָסאַקעס און העק, זיינען ארויף אויף דעם שוהל־דאַך און גענומען איהם רייסען פון די ווענד. יודען האָבען זיי ביי די פּאָלעס אָנגעכאַפּט, געבעטען רחמנות. די באָסאַקעס האָבען דאָס דעכעל צופליקט, געריסען, און יעדעס שטיק בלעך, וואָס מען האט פון דאַך אראָבגעשליידערט, האט פאַסען גע־ריסען פון די יודישע הערצער.

אין דעם איז דער רב אָנגעקומען צולויפען און מיט גרויס געוויין איז ער צוגעלאָפען צו די שוהל־טויערען. ער האט פערהאַקט די טהירען, די לאָדען און האט זיינע דארע, בלייכע הענד אויסגעשטעקט, אוועקשטופענדיג דעם משחית. דאָס פייער איז דורך דעם דאַך גע־קראָכען, און באַלד איז געוואָרען א גרויס געוויין און געשריי: דער דאַך! און יודען האָבען די טהירען אויפגעפראַלט, די פענסטער אויפ־געהאַקט און אין שוהל אריין. דאָ האט שוין דער דאַך ארום און ארום געפּלאַקערט. אין פייער האט זיך געהערט, ווי באַלקענס פאַלען איינער אויף דעם צווייטען. דאָס ברענענדיגע פייער האט זיך מיט א מאָהל מיט'ן קאָפּ קאַפּויער געשטעלט און האט פון אונטען־אויס זיינע צונגען געשיקט, געשאָסען מיט ברענענדיגע פונקען, מיט שטיקער פייער אין דער וועלט אריין. פון אן אויפגעהאַקט פענסטער האָבען זיך א רייס געטהאָן רוחות שווארצער רויך, איין רוח איז אין צווייטען מיט'ן קאָפּ אריין, און האָבען זיך געריסען דורכ'ן אויסגעהאַקטען פענסטער אין פייער אריין. אויף א מינוט האָבען זיי פערשווארצט דאָס העלע ברענענדיגע ליכט, באַלד אָבער האט דער רויך זיך דורכגעבראָכען א וועג און איז מיט א קנאַקעריי ארויס פון פייער אין הימעל אריין. און אין דעם געדיכטען שווארצען רויך פון אויפגעהאַקטען פענסטער זיינען געפלויגען ברענענדיגע פונקען, האָבען זיך געטראָגען שטיקער פייער. און דורכ'ן אויפגעהאַקטען פענסטער האָבען זיך אָנגעהויבען ארויס־כאַפּען יודען, אין דעם שווארצען רויך און אין די שיסענד'ע פונקען, ארויסראַטעווענדיג ווער א האלב־נאַקעט ספר־תורה, ווער אן אַלטען טליהענדען טלית, ווער א שטיק לייכטער און ווער א ברעט פון ארון־

קודש, און זיינען דערמיט אין דער שווארצער נאכט אנטרונען געוואָרען.

די שוהל האָט געפלאַקערט. איין וואַנד איז ארויף אויף דער צווייטער. פון אינוועניג האָט זיך יעדעס מאָהל געהערט, ווי דאָס פייער ווארפט פון דער הויך מיט אַ נצחון באַלקעס, קלעצער, ברעטער איינס אויף דאָס צווייטע און עסט זיי מיט זיינע פייער־צונגען. און ארום איז אַ ביטערליך געוויין פון די ארומיגע ווייבער, קינדער און מענער. מען קרעכצט, מען שרייט, מען ברעכט די הענד, און דער שטאָדט־גלאָק האָט אַלץ געקלונגען און געקלונגען, ווי ער וואָלט גע־וואָלט ביים פייער רחמנות ערוועקען, ווארפען זיך פאַר זיינע פיס, אָדער קלאָגען זיך פאַר דער געהיימער קראַפט. דאָס פייער אָבער האָט די אַלע קולות אין זיך אריינגענומען און אין איינעם אָבגעקנאַקט. דאָס איז געווען אַ נצחון־געשריי פונ׳ם משחית, וואָס איז געקומען די גאַנצע וועלט צו פערניכטען...

גרוי און ערנסט איז דער טאָג ארוים אויפ׳ן הימעל. ווייט אויפ׳ן האָריזאָנט האָט דער מאָרגען־שטערען בלוטיג געפלאַקערט אין איין העלישען שפיגעל, און זיין רויטער גלאַנץ האָט זיך אָבגעגלענצט אין די גרויע, וואסערדיגע כוואַליעס פונ׳ם הימעל. עס האָט אויסגעזעהן, ווי גרויע כוואַליעס וואסער זיינען געקומען צושווימען פון פרעמדע ימים, פון ליכטיגע וועלטען, און האָבען זיך איינע נאָך דער צווייטער אין הימעל פערבלאָנדזעט. און דער מאָרגען וואשט דעם ניי־געבוי־רענעם זוהן, דעם יונגען טאָג, וואָס שטייגט ארוים פון די גרויע כוואַ־ליעס וואסער, וואשט איהם כוואַליע אויס, כוואַליע איין, אז ער זאָל שיינען, בעלייכטען הימעל און ערד.

און די גאַנצע וועלט האָט זיך געוועקט פון דעם ליעבען שלאָף. די גרעזלעך, נאָך פערטרונקען אין נאַכט־טהוי, האָבען זיך אָנגעהויבען צו ציהען געגען דער זון; בלומען האָבען אויפגעעפענט זייערע אויגע־לעך, זייערע מיילכעלעך, און האָבען פון זיך ארויסגעהויכט דעם בלומען־ריח, מיט וועלכען זיי האָבען זיך אַ גאַנצע נאַכט אָנגעטרונקען. אַלץ, אַלץ האָט זיך געוועקט, די וועלט האָט פון זיך אראָבגעוואָרפען דעם נאַכט־שלייער, די נאַכט־קליידער, וואָס זי האָט אין זיי מיט דעם וואָלקען־טהוי געשלאָפען, און מיט דעם שמייכעל פון אַ כלה, וואָס וועקט זיך אויף די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה, האָט עס אַלץ גע־שמייכעלט, אָנגעטרונקען מיט ליעבע און לעבען...

דאָס פייער איז שוין געווען פערלאָשען. דאָ און דאָרט האָט עס נאָך זיין לעצט ביסעל צאָרן אויסגעלאָזט צו אַן איבערגעבליבענער וואַנד, צו אַ פּליטעל, אַ באַלקע און עס האָט געטליהעט און געטליהעט. דאָס שטעדטעל איז אַ חורבן געוואָרען... טליהענדע קופּעס קוילען, פערברענטע דעכער, ליגענדיג איבער פערברענטע ווענטלעך, האָבען זיך גערויכערט און גערויכערט. דאָ און דאָרט האָט זיך געוויזען אַ האַלב אָבגעמאָלט ווענדטעל פון אַ צולעגטער שטוב, וואָס האָט נאָך אין זיך געהאַט אַן אָנגעקלאַפּטע פּאָליצע. אין דער גאַס זיינען אַרומגעפלויגען פון דעכעל צו דעכעל פּעדערען, אונטער די פיס האָבען זיך געוואַלגערט צובראָכענע כלים, שטיקער מעש פון לייכטערלעך און שבת'ניקעס, און אין מיטען דערינען אַ שטיק זיידען שבת־קלייד, אַ טליהענדע שמאַכטע מיט אַן אָנגערויכערט שייטעל. פון די גליהענדע חורבות האָבען די הויכע, שוואַרצע קוימענס אַרויסגעשיינט און האָבען עדות געזאָגט אויף דעם חורבן, וואָס דאָ איז געווען. דאָ און דאָרט זיינען יודען געשטאַנען און מיט שטיקער אייזען אין די הענד האָבען זיי פון די גליהענדע קויהלען אויסגעשאַרט שטיקער צובראָכענע כלים, האַלב־אָנגעטליהעטע קאָלדרעס, פיס פון צובראָכענע טישען, בענק, און יעדער האָט זיך זיין ביסעל בעל־הבת'ישקייט צוזאַמענגעראַבעלט, מאַמעס זיינען אַרומגעלאָפען אין די הייזער מיט געבראָכענע הענד און האָבען צוזאַמענגעקליבען די פּיצעלדיגע קינדערלעך, וועלכע זיי האָבען ביי־נאַכט אין פרעמדע הייזער, אין פרעמדע בעטען געלעגט. מיידלעך זיינען אַרומגעלאָפען און פון פרעמדע הויפען דאָס ביסעל בעל־הבת'ישקייט, וואָס זיי האָבען עס ביי־נאַכט צואוואָרפען, צוזאַמענגעקליבען, געלעגט אַ פּעקעל צו אַ פּעקעל און אויף זיי די פּיצעלדיגע קינדערלעך אַרויפגעזעצט. קליינע יונגלעך האָבען פון פייער אויסגעגראַבעלט די האַלב־פערברענטע ספרים, אויסגעזוכט צוטרעטענע שמות, געקושט עס, צוזאַמענגענומען און אין דעם איבערגעבליבענעם בית־המדרש'ל געטראָגען.

און דער ליכטיגער טאָג און די ליכטיגע זון, וואָס האָט זיך הערליך ווייט און ברייט איבער'ן הימעל אויסגעגאָסען, האָט געשאָטען אויפ'ן שטעדטעל מיט ליכט און העלקייט, נאָר די ליכטיגקייט האָט גליהענדע חורבות, איבערגעבליבענע קוימענס און וואַלגערנדיגע קליינע קינדערלעך בעלויכטען און בעהעלט.

און דאָ און דאָרט איז ביי זיין טליהענדער חורבה אַ יוד, אַ בעל־הבית געשטאַנען און געצויגען פון פייער נאָך נישט קיין גאַנץ־פערברענטע באַלקעס, ברעטער, און דאָס גליהענדע מיט וואַסער גע־לאָשען און האָט זיך געלעגט אַ באַלקע צו אַ באַלקע, אַ ברעט צו אַ ברעט און געמאַכט שוין פּלענער אין מח, ווי זיין צופיהרטע נחלה אויף די פיס צו שטעלען...

אַרום איבער די פעלדער זיינען האַלב־נאַקעטע ווייבער געלעגען, האַלטענדיג אין די שירצען זייערע זויגענדע קינדער. אַרום זיך האָ־בען זיי געהאַט די צונויפגעלעגטע פעקלעך און קינדער, און די זון האָט דאָס אַלעס בעגאָסען מיט ליכט.

---

צווישען די בעלי־הבתים אין שטעדטעל האָט מען אין דער שטיל געדערט, אַז נאָט האָט זיך אָן דעם רב'ס קריוודע אָנגענומען, און זיין צאָרן אויף די שטיינער און העלצער אויסגעגאָסען...

## VI.

# אין מיטען וועג

דאס „שטעדטעל" הויבט אן איינציגווייז קומען צו זיך. אלטע בעלי־בתים ווערען נישט פערפאלען, און שטאדט ווערט צוריק שטאדט. פון די גראבען אש האט מען די האלב־פערברענטע ברעטער ארויסגע־שארט, און ווי איינער האט געקענט האט ער זיין נחלה מיט ברעטלעך צוזאמענגעקלאפט. און „שטאדט" ווערט צוריק „שטאדט". ביי ר' יחזקאל'ן האט מען זיך דערוויל אנגעהויבען צו צוקלויבען אויף תנאים. לאה'לע די כלה האט פון גאר נישט געוואוסט. זי איז געזעסען ביים פענסטער יעדען פריה־מארגען און האט זיך צום רבי'נס בחור'ל, צו אברהמ'לם לערנען איינגעהארכט, וואס האט זיך אין גארטען אין איי־נעם מיט דעם בלומען געשמאק אויסגעמישט, אין איהר פריש, ריין חדר געדרינגט, איבער איהר געזיכט געפאכערט, און אויף איהרע נא־קעטע, יונגע בריסט געבלאזען. דעם תנאים גרייטען האט מען אין דער קיך אנגעזעהן.

פון הינטער דער ערד האבען זיך מומעס, באבעס געיאוועט און מען האט זיך גענומען צום אנגרייטען. פון ר' יחזקאל'ס שטוב צו די בעקערינ'ס קעלער האט א סטענגע מעהל זיך געווייסט אויף די שטיינער...

דארט, וואו ר' יחזקאל וואהנט איז פארהאן א ליק. אין דער ליק ציהט זיך א שערענגע געבויטע הייזער, אדער איין הויז מיט פיעל־קאנטיגע דעכער, איינער איבער'ן צווייטען. קיין הויף צו די הייזער איז נישט דא, און איין גאט ווייסט אויף וואס פאר א גרונד זיי שטעהען. דאכט זיך גאר נישט אויף גאט'ס ערד... די הייזער גע־הערען צו פיעל בעלי־בתים, און צו קיינעם נישט. עס הייסט, אז אזוי שטעהען די שטיבער ליידיג אהן איינוואהנער, מיט אויסגעהאקטע שויי־בען, נאר קוים וויל א „יורש" זיך אריינציהען קומען זיך צו יאווען צעהנדליגע אנדערע יורשים מיט פאפירען און מעטרעקעס און וויי־

זען אויף, אז די שטיבער געהערען צו זיי. דער גורל איז געפאלען אויף איינעם א ליבוש פוטערמילך, וואס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען קומט צו איהם זשענזשע סטראזשניק און רייסט ביי איהם פיער מיט א האלבען רובעל „פאדאטקעס" יעהרליך. דער לייבוש פוטערמילך איז נישט קיין גואל, נישט קיין קרוב, נאר געה טענה מיט זשענזשען, אז זשענזשע ברענגט די פאפיערען, און נעהמט די שבת־לייכטערלעך אוועק. און דער בידנע לייבוש מוז יעדען טאג נעבעך קומען מיט'ן בעזעם אוועקקעהרען פאר א פרעמדער טהיר. יעצט דולט מען איהם א קאפ מיט א פייער־וואנד, און ער שלעפט זיך אב פון טאג צו טאג. דאס גאנצע שטעדטיל בעט, אז עס זאל קומען א פייער און די הייזליך, איינמאל פאר אלע מאל, אבברענען, וואלט שוין איינמאל א סוף געווארען צו די מחלוקת. יונגלעך אין חדר ווינשען זיך: אוי, הלואי פלאקערט אוים א פייער אין מיטען העלען טאג, און מען אנטלויפט פון ח[illegible]. נאר ווייל די שטאדט בעט, וויל דאס פייער דוקא נישט קומען.

דארט הינטער די לופט־הענגענדיגע הייזלעך אין פאראן א קעלער, וואס אריינקומענדיג אין איהם, דאכט זיך, אז ער פיהרט אין בעהאלטענע וועלטען ארונטער. דארט אין דעם קעלער איז פאראן א בעקער־אויווען פון תרח'ס צייטען. יודען גלויבען, אז אין דעם אויווען זיינען איינגעמויערט פיעל קופערנע טעפ מיט גאלדענע רענדלעך, נאר מען האט מורא דעם אויווען צו ריהרען, אז דאס גאנצע הויז, וועלכעס איז אנגעלעהנט אויפ'ן אויווען זאל נישט איינפאלען און מענשען הרג'ענען. פון אויווען גרילט עס שטענדיג ארוים סיי בייטאג סיי ביי נאכט. מענשען זאגען, אז דעם בעקער'ס נשמה וויינט דארט שטענדיג און האט קיין רוה נישט... אין קעלער דארט וואהנט א יודענע אן אלמנה, שרה די בעקערין מיט זעקס טעכטער „יתומות". איין גאט ווייסט, ווי ארום איז די יודענע אריינגעקומען אין קעלער, נאר אז זי וואהנט — וואהנט זי שוין. אויף דער צווייטער זייט קעלער וואהנט א יוד א וואטען־מאכער, וואס פערפעדערט די גאנצע גאס, און וואס די חדר־יונגלאך רופען איהם דזוואן! דזוואן! און דער יוד יאגט זיי מיט א שטעקעל, און וואס דער יוד האט אזא טבע יעדען שבת־צו־נאכט'ס, אין די זומער שבתים, אויפ'ס טויט אוועקצופאלען, און שרעקען די שטאדט: די כאלערע... און מען לויפט נאך חיים'ל קונצען־

מאכער, אז ער זאָל קומען מיט'ן שמעק־פלעשעלע.

אָך, די זומערדיגע דאָנערשטאָגס ביי נאכט דאָרט אין ליקעל! ווען צו די 6 „יתומות“, וואָס איינע איז גרעסער פאַר דער צווייטער, קומען אָנצולויפען די שטאָדט־יונגען, שניידער, שוסטער־געזעלען. זומער־נאכט נאָך דער ארבייט, די נאכט איז פינסטער, די לאָדען זיינען פערמאכט, און די געזעלען דרעהען זיך ארום מיט די חול־המועד־שטעקעלעך אהין און צוריק. יעדעס מאָל קומט זיך צו ווייזען א יתומה פון קעלער, ווארפט א בליק, דערכאפּט זי א קוש, א לעק, א טאָפּ פון א יונג און ווערט צוריק פערשוואונדען אין קעלער אריין...

דאָרט איז היימליך געווען אין די שבועות־נעכט, ווען דאָס שטעד־טיל יודען פלעגען אין שוהל זיין ביים תקון, און דאָס שטעדטיל ווייבער, מיידען ביי די בעקערין, פוטער־קוכענס באקען. און יונגען האָבען זיך געדרעהט, און די לבנה האָט מיט א האלב אויג צוגעשיינט... און אלעם האָט זיך אין דער האלב־פערטרונקענער נאכט געטונקען....

אין דעם קעלער האָט מען זיך צוזאַמענגענומען דאָס געבעקס צו באקען צו דער תנאָים. עס זיינען אָנגעקומען מוהמעס, באָבעס. רחל־לאה מיט די וואָרצעלעך אויף דער גאָמבע — זי איז איבער אלע. זי האָט מיטגעבראַנגט פון דער היים דעם גרויסען מערזשעל מיט'ן שטויסעל און האָט דריי טעג כסדר געריבען, געשטויסען און געמאָלען. עס זיינען אָנגעקומען צו לויפען אייניקלעך פון דער גאנצער וועלט און האָבען געכאפּט אויס דעם מערזשעל און זיינען אנטרונען גע־וואָרען... פון א הויבען בוידעם האָט מען אראָבגענומען פערשיעדענע בראָט־פאַנען מיט צעהנערליי פאָרמעלעך צו קיכלען: „מגן־דוד'ליך“, פייגעלעך, קאטשקעלעך און גלאטע „האמבורגער“ קיכעלעך מיט זיע־בען שפּיטצלעך. רחל־לאה האָט פון איהר קאָפּ אויסגעקלעהרט פער־שיעדענע אזעלכע שמאָכטעס מיט שפּיצלעך און קאנטען. פאַר יעדער כלה, וואָס זי האָט פאַר איהר דאָס געבעקס געבאקען, האָט זי א בעזונדער חנ'דעל אויסגעקלעהרט, דירעקט פאַר דער כלה'ס־וועגען, לויט איהר מזל נאָך.

דאָס געבעקס האָט מען איינגעפּאקט מיטצונעהמען „אין וועג אריין“ צו דער תנאָים. ר' יצחק יודעל'ס איז דורך דער צייט אין ר' יחזקאל'ס שטוב א גאנצער בעל־הבית געוואָרען, ער האָט זיך מיט ווייב און קינד אריינגעצויגען. און חיים'ל קונצענמאכער, דאָס ווייב־

רישע יודעל, שלאָפט אפילו שוין ביי נאַכט דאָרט. און די ווייבער לויפען, שרייען, אַלע זיינען פערטהון, ווי מען וואָלט יעדער פון זיי אַ פעקעל אויף דער האַנד געלעגט, און זי ווייס נישט וואו זיך דערמיט אהינצוטהון.

צום שפּעטסטען זיינען געקומען יטה'לע און הינדה'לע, די שנור מיט די טאָכטער. זיי האָבען אַ טבע זיך לאַנג צו לאָזען בעטען, און זיינען אריינגעקומען, ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען. עס הייסט: זיי הויבען גאָר נישט אָן צו וויסען פון קיין פותר פון קיין חלום, און פרעגען זיך תם'עוואטע: וואָס מאַכט מען דאָ? הויבט די מאַמע אָן צו דערצעהלען, ציהען זיי „פּשעטשע" די אַקסלען אויף, זעצען זיך צום סוף אַנידער יעדע אין איהר ווינקעל אריין, פערקרימען די שנעבלעך, און ווילען זיך נישט „מישען".

— וואָס זיינט איהר ברוגז? — בעט זיך די מאַמע און די שוויגער.

— איך בין ברוגז? — מאַכט אַ חן'עוודיג שנעבעלע יטה'לע און גיט אַ דרעה אַוועק מיט'ן קאָפּ.

— איך בין ברוגז? — גיט הינדעלע אַ חן'עוודיג שמייכעלע, און אַ לאַק גיט זיך איהר אַ וואָרף איבער'ן שטערן.

און מען זיצט ווי אַנגעזאָטעלט און מען קוקט פון דערווייטען זיך צו, וואָס די מאַמע מיט די יודענעס טהוען, און מען רופט זיך, הייסט עס, קיין וואָרט נישט אָן.

די מאַמע דרעהט זיך, לויפט אהין און אהער און קוקט די שנור מיט די טאָכטער אין די אויגען אריין, ווי זי וואָלט מורא האָבען: ווייס איך? גוט אַזוי?

— וואָס זאָל מען די כלה אָנטהון? פרעגט די מאַמע.

— ווייס איך? זאָל זי זאָגען, וואַרפט הינדעלע מיט אַן אויג צו יטה'לען.

— זאָג איהר, אַז זי זאָל זיך פערדרעהען איהר קאָפּ — בעפעהלט יטה'לע די מאַמע.

די מאַמע הויבט זיך אויף פון די קאַסטענס אין וועלכע זי פּאַקט די קליידער איין און פערלעגט די הענד ביי די באַקעס:

— אהא, איך מאַך דאָך שוין פּיעטשע אַ שטיקעל שמחה!

---

אין א שעהנעם פריהמאָרגען האָט מען די פוהר געשפּאַנט, אין דאָרף געפאָהרען, אין וועלכען עס האָבען געזאָלט זיין די תנאים אין מיטען וועג.

נאָטע האָט אויגעציערט די פערד, איינגעבונדען זיי בלויע און רויטע סטענגעלעך אין די געפלאָכטענע האָר אויף די רוקענס, ארונטער־געבונדען די וויידלען. הינטער די שטאָדט האָט ער א האַלבען בוים אָבגעבראָכען און אַרום די פוהר מיט בלעטער בעפוצט, אז עס זאָל שעהן אויסקוקען.

אויף דעם ערשטען וואָגען זיינען געזעסען די מאַנספּערשוינען. דער רב מיט ר׳ יחזקאל׳ן, עוזר און לייביל, ר׳ יצחק יודעל׳ס מיט ר׳ שמעיה׳ן, אַן אַלטער שמש פון רבי׳ן, וואָס טראָגט דעם רבי׳נס איבערגעגאַנגענע קליידער, נאָהענטע און וויטע קרובים, אין סאַמעט־היט, געוויכערט, ווי חול־המועד, סאַמע ציגאַרען. אויף די אַנדערע וועגען זיינען געזעסען די ווייבער מיט׳ן געבעקס און „אָנגרייטעכטס“. ביי דער כלה פוןביידע זייטען הינדה׳לע און יטה׳לע; ביידע עפּעס אָנגעטהון אין אַזעלכע מיני רונדיגע, קליינע קאַפּעלושלעך, געפלאָכ־טען פון שווארצע שטרוי און בעפוצט מיט שווארצע קאַראַנקעס, „ארויפגעזעצט“ אויף די שפּיץ קעפּ און אַזעלכע מיני פעדערען, עפּעס גלגולים פון אַמאָליגע פאַרצייטישע מאָדעס... הינדה׳לע האָט די לאָקען פון שייטעל אויסגעפּרעסט און אויסגעלאָקט „פּאַ וואַרשאַווסקו“, פער־וואָרפען אין דריי שפּיצען אויפ׳ן הויבען, גלאַנצענדיגען שטערן. מיט די גאָלדענע אויררינגען, און היינטמאָדישע קייטלעך מיט די קאַליעס אויף די העלזער — מתנות פון זייער כלה־צייט, ווען מען האָט זיי געהאַט געפיהרט „אין מיטען וועג“, האָבען זיי זיך דערמאָהנט אין זייער צייט — און האָבען מיט די קעפּ צוגעשאָקעלט... די מחותנת׳טע מלכה׳לע איז געזעסען צווישען די מוהמעס, וועלכע אין די בלויע, שבת׳דיגע, זיידענע הויבען מיט די בענדער אין די טערקישע שאַלען זיינען געזעסען שטיל; די דאַרע פערלייגטע ליפּען אריבערגעצויגען איבער די נישט צייהניגע זשיאַסלעס און האָבען פאַר גרויס גדולה א וואָרט מורא געהאַט אויסצורעדען. און די מחותנת׳טע מיט א פולער שירע לעקעך האָט זיי יעדעס מאָל פערשטופּט מיט עפּעס אַנדערש די מיילער. און די כלה, די כלה אַליין, איז זיך געזעסען צווישען יטה׳לען און הינדה׳לען, שוין אין א היינט־מאָדישען קאַפּילוש און די

צעפּ שוין אין אַ קוילעטש פערלעגט, רויט־טויט און האָט נעבעך נישט געוואוסט וואו די אויגען אַהינצוטהון. הינדה׳לע האָט איהר אָנגעזאָגט, און אָנגעזאָגט, ווי זי זאָל זיך פיהרען „אַנשטענדיג", ווי זי זאָל דאַנקען, אַז מען וועט איהר חתימה־געלד געבען, און ווי זי זאָל ענטפערען די מחותנת׳טע, אַז מען וועט זי עפּעס פרעגען, און „רעה" יטה׳לע האָט אַלע מאָל שטעכענדיג צו הינדה׳לען די אויגען אַהינגעוואָרפען.

צו ווייזען זיך פאַר די מחותנים האָט מען מיטגענומען די לאָווי־טשער רבי׳צען, אַן אַלטע מוהמע, אַ יודענע מיט אַן אָבגעגאָלטען קאָפּ ווי אַ שעפּס, אין אַ קאָפּקע, און אַ ברייט קלייד מיט אַ שפּאַר קישעלע פון הינטען... אוי וועה! די יודענע האָט געטהון אַהן דין. קודם־כל האָט זי אָנגענומען דאָס ווייבערישע יודעל, וואָס האָט זיך אויך מיט־געכאַפּט מיט די פוהר ווייבער, צווישען די אַלטע מוהמעס, דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפּען — און אַראָבגעוואָרפען איהם פון וואָגען (פאַר איהר איז ער נאָך געווען מאַנספּערשוין). דערנאָך האָט זי די גאַנצע צייט די כלה אין אויער עפּעס איינגערוימט און אָנגעזאָגט איהר, אַז דאָס מיידעל נעבעך איז ווי אַ פלאַם פייער רויט געוואָרען פאַר בושה — — דאָס ווייבערישע יודעל איז אַ שפּאַר שטיקעל וועג נאָך דער פוהר נאָכגעלאָפען, דערנאָך, אַז די לאָוויטשער רבי׳צען האָט אַזוי לאַנג געשאָקעלט מיט איהר אָבגעגאָלטע גאָמבע ביז זי איז אַנדרימעלט גע־וואָרען, האָט ער זיך פון הינטען־אויס אויפגעכאַפּט, אַריינגעשטעקט אין וואָגען אַריין דאָס פיער־קאַנטיגע, געקנייטשטע שבת׳דיגע צילינ־דעריל און אַזוי אָנהאַלטענדיג זיך אין די לייסטען פון וואָגען, איז ער איינגעדרימעלט געוואָרען, און דאָס צילינדעריל האָט די לאָוויטשער רבי׳צען אויף אַלעם צוגעשאָקעלט...

אַזוי זיינען די פוהרען אָנגעקומען צופאָהרען צו דער קרעטשמע.

---

די יודישע קרעטשמע איז געשטאַנען צווישען צוויי וועגען, וואָס שיידען זיך און געהען אָב אין פערשיעדענע צוויי שטעדט פון צוויי גובערניעס, וואָס אין יעדער פון זיי געפינט זיך אַ רבי. חסידים מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס, מיט די שטעקלעך אין די הענד טהויי־לען זיך אָב, און געהען צווישען די גרינע גרעזער אין די צוויי ווע־גען, און שיסען זיך אריבער שטיינער פון איין וועג צום צווייטען. אורחים, די וואָס געהען אין די מדינות, קומען אָן פוןביידע זייטען

וועג פון פערשיעדענע שטעדט און שטייגען אָב אין קרעטשמע אויף נאכט־לעגער. אין דעם „טראקט" איז דאָ א בעזונדער שטיבעל פאר זיי, וואס אין דעם שטיבעל געפינען זיך וואנצען און אנדערע קליינע ווערימלעך... פון פערשיעדענע מדינות. דאָרט טרעפט מען זיך פון רייסען און זאמאָש און די אורחים דערצעהלען מעשיות, וואס האט זיך מיט זיי געטראָפען אין זייער וואנדלערען. די בעלי־עגלות מיט די לאנגע, געדיכטע, קאָלטענעוואטע בערד, וואס זיינען בעוואקסען און פערהילען אין זיך דאס גאנצע פנים, מיט די פיפקעלעך אין מויל, די — וואס זיינען איינגעהילט אין די דיקע באַנדעס, אין די גרויסע שאַפּען־פעלצען מיט די גרויסע קעלנער, און פיהרען די גרויסע וועגען מיט קאלך און נאפט, סמאָלע און זשעגעכץ; די וועגען מיט די גרויסע שטאלקאטשען, וואס פלאַקערען זיך פאהרענדיג ביי נאכט און זאָגען אַן פון דער־ווייטען — שטעלען זיך דאָרט אָב אין דער קרעטשמע אונטערפאַשען. דאָרט טרעפען זיך יודען פון פערשיעדענע געגענדען, פון פערשיעדענע מדינות, און דערצעהלען וואס ס'טהוט זיך ביי זיי אין לאנד, וואס עס הערט זיך מיט יודען, און ווי ס'געהט דאָרט אחינו בני ישראל.

עס איז פאַרנאַכט. דער הימעל איז צוהאַקט אויף טויזענדער שטיקלעך. ווייסע פליסטערענדיגע וואָלקענדלעך מיט בלויע, העלע אינזלען שווימען אַרום אין העלען גליהענדען ים. און דער ים, וואס געהט אונטער אין א רויט נעשטאַלט, פליסט אָב אין מערב זייט. פאַר דער קרעטשמע שטעהען פוהרען, הויכע וועגען מיטביידלעך, אָנגעלאָדען מיט פעק סחורה אזש די אקסען ברעכען זיך אונטער די רעדער. יודלעך פיהרען איבער סחורה פון איין מדינה אין דער צווייטער אריין. די פערדלעך זיינען אויסגעשפאנט, פאשען זיך און קלעהרען גוט אריין אין דער גרויסער קאָרעטע, וועלכע שטעהט פאַר זיי, ווי זיי וואָלטען געקלעהרט, פון וואנען כחות צו נעהמען די סחורות איבערצופיהרען. יודען זיינען איין פאָלק פון איין גאָט, און אלע וואַר־טען אויף איין משיח'ן, נאָר יעדעס שטעדטיל האט איהר טעם, איהר מיין, בעסער געזאָגט, איהר חנ'דיל, וועלכעס זי גיסט עס אוים אויף איהרע איינוואָהנער. אָט ליגען דאָ גלייכע יודען אויסגעצויגען און שלאָפען און וואָרימען זיך אין די זונ'ם לעצטע שטראַהלען, און דער קאָרזש, וואס געהט אויף פון וועג בעדעקט זיי גלייך צו, און אויף די

פּערדלעך, אויף דעם געשפּאַנעכטס, אויף די וועגען, ליגט אויסגעגאָסען בעזונדערע חנדליך, שמאָכטעלעך פון די פערשיעדענע שטעדט... אויף דער שוועל פון דער קרעטשמע זיצט אַ ליטוואַק, עפּעס אַ מאָדנער יוד, מיט אַזאַ העמדעל, אין אַ קורצען ראָק, וואָס זעהט דאָך אוים ווי אַ לאַנגע קאַפּאָטע אין אַ הוט מיט אַ הויכע דענגע. עס איז אַ זומערדיגע היץ — און דאָך טראָגט ער אַ פּאָר טיעפּע קאַלאָשען, — אָנגעקומען פון גאַנץ ווייט, דאָ אָבגעשטייגט אויסצורוהען זיך און איבערצונעכטיגען און ער „דערצעהלט“ די יודען, וואָס טהוט זיך ערגעץ־וואו גאַנץ ווייט, העט, העט אין דער ליטע מיט אַחינו בני ישראל. ווי אַחינו בני ישראל לעבען אָב אין דחקות און נויט. און אַזאַ למדן איז ער, דער „ליטוואַק“! רעדט לשון־קודש ווי אַ וואַסער, נאָר ער רעדט אַזוי ליטוויש: „וואָס?“ „וואו“. יודען האָבען דרך־ארץ פאַר איהם, קרעכצען: „וואָס דען, מיר קענען?“... נאָר אין האַרץ גלויבען זיי איהם עפּעס נישט, אַ „ליטוואק“, באַלד, באַלד וועט ער זיי אָבגענאַרען. און ער רעדט דאָך מיט זיי אַזוי ווייך, און אזוי פרום איז ער, אַזוי לאַנג געשטאַנען שמונה־עשרה ביי מנחה, נאָר געשאָקעלט האָט ער זיך נישט... און ווער ווייס וואָס ער טראָגט הינטער'ן האַרץ....

עס בעווייזט זיך פּלוצלונג אַ וואָלקען קאָרזש אויפגעהענדיג פוןביידע זייטען וועג און לעגט זיך געדיכט איבער די פעלדער. דער וואָלקען קאָרזש קומט נעהענטער אָן, לויפט פאָראויס, באַלד צורייסט ער זיך אויף שטיקלעך. עס הערט זיך אַ קנאַלען פון בייטשען. באַלד פערפאָהרט מען פאַר דער קרעטשמע: פוהרען אָנגעשטאָפּט מיט מחותנים מיט סאַמעט בראַנוויין היט, מחותנת'טעס אין ברייטע קליידער, מיט בראַנפען און לעקעך. מען איז אַראָב פון די וועגען. דאָרט אויף חתן'ס צד, עפּעס מאָדנע יודען, פון אַן אַנדער מדינה, מיט לאַנגע און קורצע בערד. דאָרט אויף זייער צד איז אויך דאָ אַ הויכער, הויכער יוד, אַ מין ר' יצחק יודעל'ס, מיט אַ שמאָלע, לאַנגע באָרד, און שמאָלע, לאַנגע הענד, וואָס שטופּען אַלע אָב, און ער איבערשרייט אַלע. מען האָט זיך שלום־עליכם אָבגעגעבען, די מחותנת'טעס דאָס ערשטע מאָל זיך געזעהן און דאָס ערשטע מאָל זיך געקושט. די לאָוויטשער רבי'צען האָט אַלעמען געדוצט, און באַלד אַלעמען אויפ'ן אָרט מוסר געזאָגט.

די פוהרמאַנעס האָבען די פערד אויסגעשפּאַנט, די פערד אָבראָק

איינגעשיט, די הענד צולעגט אויף די באַקעס, און האָבען זיך מיט גאוה פון איין צד צום צווייטען אריבערגעקוקט, און „גוטע ווערטלעך“ און „גלייכע ווערטלעך“ זיך אריבערגעשיקט, גאַר נישט, גלאַט אזוי „שלום־עליכם“ אָבגעגעבען זיך.

די מחותנים זיינען אין דער שטוב אריין.

אין שטוב מיט זעהר א ניעדריגען באַלקען, מיט קליינע פענס־טערלעך הויך ביים באַלקען זיינען געווען די מאַנספערשוינען. איבער דער שטוב האָט זיך ארויף און אראָב געדרעהט ר׳ מרדכי קאָנסקע־וואָליער׳ס בחור׳ל אברהמ׳ל. ער איז דורך דער צייט העכער געוואַק־סען, מיט א פאָר שפּראָצענדיג שווארצע באַקען־בערד, אין אַן אָט־לעסען קאַפּאָטעלע מיט א זיידען גאַרטעלע, א שוואַרץ־חן׳עווודיגער, עס שניידט זיך אוים א צווייטער טאַטע. צוויי לאַנגע שווארצע גע־קרייזטע פּאות׳לעך. מען האָט איהם שלום־עליכם אָבגעגעבען. ר׳ יצחק יודעל׳ס איז צו צו איהם און האָט מיט׳ן גערעדט שוין ווי מיט א דערוואָקסענעם יונגען־מאַן. דער בעל־הקרעטשמע, וואָס האָט זיך לכבוד די מחותנים די הויכע, גרויסע, פעררוּאָסטע שטיוועל אָנגע־טהון, וואָס ליגען א גאַנצען זומער פערוואָרפען אין קאַלטען קעלער — האָט צוויי גרויסע ליכט אויפ׳ן געדעקטען טיש אַנידערגעשטעלט און איז אַרוים. מחותנים האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעקענען. ביי די מאַנספערשוינען געהט עס איינס, צוויי, מען גיט זיך די הענד, שלום־עליכם, און אַן עלטערער זאָגט דעם יונגערען „דו“. און ווידער אַרום, זיי זיינען דאָך „משלנו“, ר׳ מרדכי קאָנסקער רבי׳נס א חסיד (האָט דאָך דער רבי ר׳ שמעיה׳ן געשיקט). דער למדנישער עולם איז באַלד אַרוים אין אַ שאַרפען שמועס פון לערנען. ר׳ יצחק יודעל׳ס האָט זיך מיט יענעם הויכען יוד, דעם חתן׳ס מלמד שוין ביי די בערד געהאַלטען און איינער דעם אַנדערען געגעבען עפּעס צו פערשטעהן. מען האָט זיך געזידעלט און מיט ציגאַרען איינער דעם אַנדערען מכבד געווען. דער רב האָט אויך זיך אריינגעמישט, נאָר ער האָט זיי נישט געקענט נאָכאיילען. חסידים האָבען איהם דורכגעלאָזט, אוועקגעמאַכט מיט דער האַנד. דערוויילע איז אָנגעקומען עוזר׳ל און האָט אויך אַן אויער אונטערגעשטעקט און מיט דעם שטערן געקנייטשט און יעדעס מאָהל מסכים געווען, די אויגען פערמאַכט: יאָ, יאָ, עס איז דאָך אזוי....

מען האָט זיך גענומען דעם חתן צו פערהערען. דער חתן האָט

געזאָגט אַ מפולפל'דיג פּשט'על מיט בקיאות, אויסגעמישט איין גמרא מיט דער צווייטער, און איינס־וועגס פערענטפערט אַ הארבען רמב"ם. דאָ און דאָרט אָנגעטשעפּעט אַ פּני־יהושע, מיט אַ מאָל האָט ער זיי ביידע אוועקגעוואָרפען און געפרעגט אַ קשיא: „חלב מנין דשרי"? און אויסגעמישט שחיטת־חוץ מיט אבר מן החי. ר' יצחק יודעל'ס האָט איהם אַלץ געוואָלט כאַפּען אויף דער „וועגטקע". ער האָט זיך אַרויסגעדרעהט, זיך נישט געלאָזט, געוואָרפען, געפאַלען און שטענדיג געבליבען שטעהן אויף די פיס.

מיט אַ מאָל גיט זיך דער רב אַ מיש אַריין מיט אַ גמרא און הייסט דעם חתן זאָגען אַ שטיקעל „אויפ'ן אָרט", בלויזע גמרא מיט רש"י. אברהמ'ל, דאָס בחור'ל, הויבט אָן צו זאָגען, נאָר אין דעם גיט אַ לויף צו ר' אָשר ישכר'ס, דער הויכער, הויכער יוד, דעם יונגעל'ס מלמד, און גיט איהם אַ נעהם אוועק פון דער גמרא: „קיין פרעמדע דאַרפען מיר נישט", גיט ער אַ געשריי צום רב. ר' יצחק יודעל'ס קוועלט, עוזר'ל האַלט מיט מיט זייער צד. ר' יחזקאל וויל זיך אַריינמישען, נאָר ער האָט דרך־ארץ פאַר יודען למדנים. דער רב בלייבט שטעהן, עס ווערט אַ גערודער, מען קריעגט זיך, און אַלע ווערען פערהוילט אין קלאָמבען רויך פון ציגאַרען, פון ליולקעס טאַבאַק, וואָס האָבען אָנגעפילט דאָס שטיבעל, און די קלאָמבען רויך האָבען אָנגעפילט דעם אָפענעם פענסטער, אין גאָט'ס שמעקעדיגען שטח אַריין...

אין אַ ווינקעל שטוב זיינען געזעסען די צוויי אַלטע בעלי־בתים, ר' יחזקאל און „דער מחותן" ר' חיים ראָזענקראַנץ. די צוויי אַלטע גרויע קעפּ, די צוויי אַלטע גרויע בערד האָבען געהערט ווי יודען חסידים קריעגען זיך איבער גאָט'ס תורה. חסידים האַלטען פאַר ס'זייערע, איינער פאַר'ן צווייטען. געהערען צו איין דאַך, יודען האָבען עפּעס שותפות — אָט זייערע קינדער, זייער עוזר'ל, ווי ער מישט זיך. און דאָס בחור'ל, דער חתן, ווי עס שיט זיך איהם פּערל פון מויל, דברי־תורה; ער מישט זיך מיט זיי, שפּאַרט זיך מיט יודען מיט גרויע בערד, און קומט זיי ביי. ביי דעם אַלטען ר' יחזקאל'ן אין די אויגען ווייזען זיך טרעהרען. דאָס אַלטע פערטריקענטע האַרץ ווערט עפּעס אָנגעפילט מיט ליעבע, נייע געפיהלען, ער נעהמט זיך צום מחותן:

— נו, מחותן, אז גאָט האָט אונז מזכה געווען... מיר קענען נישט, — קענען דערפאַר אונזערע קינדער. און צוויי אַלטע בערד צוקושען זיך אין א טונקעל ווינקעל...

און דאָ ווערט וואָס א מאָל מעהר די שטוב פערטרונקען אין רויך, וואָס שטייגט אויף פון געדיכטע בערד, פון געדיכטע וואָנצעס, און נעהמט דאָס שטיבעל איין. סאמעט־היט, שטריימלען וואַרפען זיך אין רויך אהין און צוריק. די צוויי פלאַמען פון דער ליכט וואַרפען עפּעס א נגידיש־חסידישען גלאַנץ און מען הערט ווי יודען שפּאַרען זיך, און דעם חתן'ס קול קלינגט ווי א גלעקעל און שיט מיט תורה, שפּאַרט אַלע איבער. ר' יחזקאל האָט נחת: זיין איידעם וועט עס זיין, הינטער זיין דאַך וועט זיך הערען דאָס קול התורה. געהט ער צו ר' מרדכי קאָנסקע וואַליער, נעהמט איהם האַלב ארום, און האַלב האַלט ער זיך צוריק מיט דרך־ארץ:

— מחותן ר' מרדכי, איך וויל פון אייך אָבקויפען אייער בחור'ל, וויפיעל איהר וועט פון מיר וועלען, און דער אַלטער יוד וויינט מיט הייסע טרעהרען פאַר גדולה.

די מחותנים זיינען ארוים אין גערטעל אריין אָבשמועסען מכח נדן.

---

אין דער צווייטער שטוב, דאָרט וואו דער קאַרטשמער מיט דער קאַרטשמערין שלאָפען, האָבען זיך די ווייבער צוזאַמענגענומען. די ווענד זיינען געווען בעהאַנגען מיט בילדער, אַלטע סאָלדאַטען און גע־נעראַלען און נאַפּאָלעאָן איז אויך דאָ געווען אין איינעם מיט א יוד עפּעס מיט א פרעמד היטעל — א פעטער פון א פרעמד לאַנד, און איבער די פענסטער האָבען גאַרדינקעלעך געהאַנגען מיט גרינס אריינ־געשטעקט נאָך פון שבועות.

די כלה נאָכ'ן אָבוואַשען און פערקעמען די האָהר און נאָכדעם, ווי מען האָט איהר דאָס נייע קלייד אָנגעטהון מיט די „פראַנצענלעך“, האָט מען זי אויבען־אָן אנידערגעזעצט: זיץ און שוויינ! ארום איהר איז דער עולם ווייבער געזעסען שטיל אויף די שטוהלען, קיינע האָט זיך נישט געוואגט קיין וואָרט אַנצורופען, איינע האָט געוואָרט אויף דער צווייטער, און אז איינע האָט אָבגעהוסט און איהר קול האָט אָבגעהילכט, איז זי רויט געוואָרען. נאָר די לאָוויטשער רבי'צען האָט זיך איבער דער שטוב געדרעהט, די הענד פערלעגט, און איהר שפּאָר

קישעלע פון הינטען האָט איהר נאָכגעשריען: „בין איך מיר די לאַ־וויטשער רבי'צין!“ נאָר אַזוי שטיל איז געווען צווישען די ווייבער, אַלע פערמאַכט די פּיסקער, ווי זיי וואָלטען געוואָרט, אַז ס'זאָל ווער קומען פון דרויסען און זאָל פּלוצים אַ שויב אויסהאַקען... נאָר, מען ווייסט נישט ווי אַרום ס'איז געוואָרען, האָט מען אָנגעהויבען צו שמועסען אָבגעהאַקטע ווערטער, פון צייט צו צייט האָט יעדע פון זיי אַ „דייטש“ וואָרט אַריינגעוואָרפען, צו ווייזען זיך... און פון דער צווייטער שטוב האָט זיך געהערט „זיין קול“, אין מיטען איבערגעהאַקט פון ר' יצחק יודעל'ס, די כלה איז רויט געוואָרען און דאָס האַרץ האָט איהר אַזוי געקלאַפּט... און הינדעלע מיט די לאָקען האָט זיך געזעצט געגענאיבער איהר און האָט זיך, אויף בעל־הבתישען אַרט, אָבגע־עטהעמט, געבלאָזען פון זיך און געבאַמבעלט מיט די גאָלדענע קייט אויפ'ן האַלז.

דאָרט אין זייער צד איז אויך געווען — איך זאָל אַזוי לעבען! — אויך אַ „הינדעלע“ מיט אַ „איטעלען“ — צוויי שניר. זייער הינדעלע איז אַ הויכע, מיט אַ שוואַרצליך־אָבגעברענט געזיכט, טראָגט אַ טשע־פּעק, און ביז'ן רוקען אַריין געגאָלטע האָהר, און אַ לאַנגע שערענגע פּערל אויפ'ן טשעפּעק. אַ יודענע — אַ קאַזאַק! לאָזט זיך נישט פון קיינעם, חנפ'עט זיך צו צו דער שוויגער און רעדט: „יאַך“, „ביי אונז אין וואַרכשע“. און זייער „איטעלע“ איז אַ דיניטשקע, אַן איידעלע, מיט אַ שמאָל, דין, קורץ נעזעל, וואָס גלאַנצט און ציהט זיך ברוגז'דיג, אויפ'ן האַלדז אַ לאַנגע קאַראַנקאַווע פּריזקע, און אַ דין, לייכט שייטעל מיט אַ שרונד און אַ ווייס אַטלעסען שאַלעבעל איבער'ן רוקען, מיט אַ ווייס וועסטעלע פון פראַנט און „שפּרעכט“: „איכע“, „ביי פאַטער, מוטער צו הויזע האָט מען געשפּייזט פּיטער־קובען מיט קאַפע“, און יעדעס מאָל, ווען די צווייטע האָט איהר „אויפ'ן פּוס אָנגעטרעטען“, איז זי צו דער שוויגער־מוטער צו און האָט אָנגעהויבען צו וויינען: „איכע וועל נאָך הויזע!“ די מוטער'ס מילך נאָך אויף די ליפּען, אַ יונג קעלבעלע, ערשט פון דער מאַמעס ברוסט אָוועקגענומען.

האָט די „הינדעלע“ אַריבערגעקוקט מיט שטאָלץ צו יענער „הינדעלע“ אַזוי אַ ביסעל פון דער הויך, „איין אינדיק צום צוויי־טען“, און האָט איהר מיט'ן בליק געגעבען אָנצוגעהערען ווער זי

איז: „ר' יחזקאל גאמבינער'ס טאכטער", — אויסגעקוקט נאר ביז יענע ווען איהר אבגעטפערען, וואלט דא ארויסגעקומען א חתונה, זאל איין גאט אויסהיטען! ! האט זיך אבער יענע „הינדעלע" צוגע־רוקט צו דער שוויגער (כדי די שווענריין די גאל אבצודריקען) און אנגעהויבען צו רעדען מיט די ליעב־חן'עוודיגע ריידעלעך און די שוויגער, די מחותנת'טע, האט נאר געפרעגעלט זיך אין פוטער פאר נחת.... האט זיך די „איבע" צוגעשארט צו דער כלה, און האט גערעדט מיט דער כלה אין דער שטיל ווי א ליעבע שוועסטער, און האט זיך געקושט מיט איהר, און פערצעהלט איהר ווי זיי וועלען זיך ליעבען, ווען זיי וועלען שוועגערינס זיין — האט עס ווייטער יענע שנור, די „ווארכשווער'ן" פערדראסען, וואס די „איבע" האט די גאנצע כלה צוגענומען, האט זי זיך גענעבען א שאר צו צו דער כלה, און גערעדט צו איהר מיט א ליעבליך שמייכעלע, ווי זיי וועלען זיך ליעבען, אז זיי וועלען שוועגערינס ווערען — — — אז די „איבע" זאל דערוויל די גאל פלאצען.

און אונזער „הינדעלע" און אונזער „יטה'לע" זיינען זיך געזעסען שטיל אויף זייערע שטוהלען און האבען גערעדט מיט די מיילכלעך, די ליפעלעך בעלעקט, — און נישט געוואלט זיך „מישען"...

איז אריינגעקומען עוזר'ל, דעם סאמעט־הוט ארויפגערוקט ביז'ן האלבען קאפ, א ביסעל אויפגערוימט, די הענד אין די קעשענעס:

— וואס זיצט איהר אזוי ווי די אנגעלאדענע, נו, מחותנת'טע, האט איהר פערהערט די כלה?

איז צוגעגאנגען „יענס הינדעלע" (די שווארצליכע), מיט א פערקניפטען קנויל פאדעם און זי האט געגעבען די כלה אויפצור־פלאנטערן, „לאמיר זעהן, וואס די כלה קען?", האט זי זיך אנגע־רופען און האט די כלה געפרעגט פערשיעדענע פראגעס. די כלה האט אבגעענטפערט, און די הינדעלע האט דעם „טשעפּיק" אין דער הויך געווארפען, נאכקלעהרענדיג, וואס האט די כלה געזאגט. און די כלה איז געבעך רויט געווארען און דאס הארץ האט איהר געקלאפט...

האט עס אונזער „הינדעלען" און אונזער „יטה'לען" נישט גע־פעלען: מען געהט זי פערהערען. עפּעס פון די שווארצע יאהר גע־קומען און מען פערהערט די כלה! האט זיך איןביידע דאס משפחה־בלוט ערוועקט און עפעס, ווי אומגערען, האט מען צווישען זיך שלום

געמאַכט, און „אונזער" הינדעלע האָט זיך געשליפען דאָס מיילכעל אויף יענער מיט אזא לשון:

— כ'ווייס נישט, כ'לעבען, געקומען פון דער שווארצער יאָהר און געהען די כלה פערהערען, ווי מען וואָלט די כלה אויפ'ן מארק געפיהרט — און זי האָט אַ נאַנדליכען דרעה מיט'ן נעזעל צוגעגעבען.

— ביי טאטע, מאמעלע אין „ווארכשע" — האָט יעדע געדריקט מיט איהר צונג, — פיהרט מען זיך אזוי.

האָט זיך די „איבע" געמוזט דערמאָהנען אין איהר כלה־צייט און איז פאַר דער כלה ארויס מיט אַ געוויין (אזא טבע האָט זי שוין, באַלד וויינט זי), און איז אויף די כלה'ס האלז ארויפגעפאַלען און זי אָנגעהויבען צו קושען, צו האַלזען.

איז אריינגעקומען דער „מחותן" ר' יחזקאל:

— נו, ווייבער, קריעגט אייך נישט, זאָל מען צוזאמענפיהרען חתן־כלה אויב זיי געפעלען זיך. האָט זיך אפילו די לאָוויטשער רבי'צען אריינגעמישט און נישט צוגעלאָזט, האָט זיך אָבער עוזר'ל איינגעשפּאַרט און געזאָגט, אז „די היינטיגע וועלט פערלאַנגט עס דורכאויס", און ווענדענדיג זיך צו די „איבע", האָט ער צו איהר האַלב־דייטשמעריש „געשפּראָכען":

— זי מוזען עס ויסען געניי, וואָס דען די בהמות! — האָט ער געוויזען אויף די מחותנים...

זיינען אַלע ווייבער ארויס פון שטוב, און מען האָט די כלה אַליין געלאָזט זיצענדיג אין אַ ווינקעלע רויט־טויט און האָט פאַר חרפה און בושה די אויגען פון דר'ערד נישט געקענט דערהייבען. נאָר די „איבע" האָט זי געקושט, געהאַלזט און געוויינט, ווי מען וואָלט זי חלילה צו דער שחיטה געפיהרט: אז זי איינע ווייסט און פיהלט, וואָס די כלה שפירט יעצט אין האַרץ... אפשר האָט זי זיך דערמאָהנט פון איהר „זעהענעס" און בעוויינט די צייט...

האָט די מחותנת'טע דעם חתן אריינגעפיהרט, און דער בחור בלאַס ווי די וואַנד, די פאות האָבען זיך בעוועגט איבער די בלייכע באַקען און האָט זיך אָנגעהאַלטען אין די מאַמעס הענד. די מאַמע האָט איהם צום מיידעל צוגעפיהרט: „דאָס וועט זיין דיין כלה, זעה אויב זי געפעהלט דיר?", און איז פלינק פון שטוב ארויס, זיי אַליין איבערלאָזענדיג.

די קינדער זיינען געשטאַנען, אזוי ווי מען וואָלט זיי ביידע

אַבגעשמיסען, מורא האָבענדיג זיך פון אָרט אַוועקצוריהרען. דער בחור איז געווען צומישט און נישט געוואוסט וואו ער זאָל די הענד אַהינטהון. זי איז געשטאַנען ביים פענסטער, נאָהענט נעבען איהם, האָט געהערט ווי זיין הארץ קלאַפּט, און האָט אויף איהם עפּעס זעהר גרויס רחמנות געקריגען... זי האָט פּאַמעליך די אויגען אויפגעהויבען און האָט איהם אָנגעקוקט, און האָט זיי שוין נישט געקענט אַוועק־נעהמען. האָט זי עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר זי האָט פערגעסען וואָס...

נאָר געוואָלט האָבען זיי ביידע, אַז זיי זאָלען שטעהן אַזוי, נישט רעדענדיג, גאָר נישט, נישט קוקענדיג — און עס זאָל קיינער, קיינער נישט זיין... נישט קוקען...

זיינען אַריינגעקומען די מאַמעס, און מען האָט די קינדער גע־פרעגט: „געפעלען זיך?“ און מען האָט אין די הענד געפּאַטשט: „געפעלען, געפעלען!“

זיינען געוואָרען די ווייבער גאַנץ גרויסע מחותנת'טעס צווישען זיך און האָבען זיך אָנגעהויבען הערצליך צו קושען און איבערצובעטען זיך, און די „יאַף“ האָט פאַר דער כלה דעם חתן אָנגעהויבען אָבצור־לויבען, און די „איכע“ האָט זיך אין די כלה בעהאָפטען: „מיר ווערדען שוועסטערן ווערען, אויף אימער און אייביג אמן“.

האָט דער רב מיט ר' יצחק יודעל'ס אַריינגעבראַכט אַ גרויס פּאַפּיער, און מען האָט די כלה געגעבען אונטערצושרייבען. די כלה האָט איהר נאָמען מיט מזל אונטערגעשריעבען. האָט איהר דער מחותן, ר' מרדכי קאַנסקע וואָליער, געגעבען אַ גאָלדענע, לאַנגע קייט מיט אַ „קאָליע“ „חתימה־געלד“ — האָט די כלה צוגענומען און גע־זאָגט „אַ שעהנעם דאַנק“ און דעם מחותן געגעבען אַ קוש אין האַנד.

האָט די לאָוויטשער רבי'צען געכאַפּט אַ גאַנצען סטויג טעלער און אויף דר'ערד געגעבען אַ טראַסק: „מזל־טוב! מזל־טוב!

און די „הינדעלעך“ און די „יטה'לעך“ זיינען צו איינע צו דער צווייטע און האָבען די שנעבעלעך אויסגעשטעקט, די שנעבעלעך, וואָס טהוען אַ גאַנץ יאָהר פון זיך שוועבעל און פּעך שיטען, און האָבען זיך הערצליך צוקושט: מזל־טוב! מזל־טוב!

ר' יחזקאל האָט זיך צואווינט ווי אַ קליין קינד, און ווען ער וואָלט זיך נישט פאַר חסידים געשעהמט, וואָלט ער זיך מיט זיין אַלטע צוקושט, האָט ער געכאַפּט ר' חיים דעם מחותן ביי די קאַ־

פּאַטע און געצופּט איהם. די מחותנת'טעס זיינען ערגעץ וואו פער־פאַלען געוואָרען און מען האָט זיי באין אופן נישט געקענט געפינען. און דאָ האָט מען געשריגען: לעקעך! בראַנפּען! און זיי האַלטען זיך אין איין קושען — קושען און האַלזען. עוזר'ל האָט זיך אריינגע־כאַפּט צווישען די נשים און שטאַרק זיך גע'חבר'ט מיט דער „איכע", און האָט מיט איהר דייטשעריש „געשפּראָכען" „פון דער היינטיגער וועלט"... און דאָס ווייבערישע יודעל, אָך, דאָס געקנייטשטע צילענ־דעריל האָט גאָר אין גאַנצען אויפגעלעבט, ווי פון דער ערד איז ער אַרויסגעשוואומען, ער האָט שלום געמאַכט מיט לאָוויטשער רבי'צען און חבר'ט זיך מיט יענע מחותנת'טעס, זאָגט גלייך־ווערטלעך, נאָר פאַר „יענע הינדעלע" מיט'ן פעדעריל אויפ'ן טשעפּיק האָט ער מורא, ווי פאַר פייער, און האַלט זיך פון איהר פון דער־ווייטען... און פון דער קיך טאַנצט אריין די אַלטע רחל־לאה אקעגען די כלה מיט א טעלער טאָרט און געבעקס:

„נישט קיין געבעטענע,<br>
אַליין געקומען,<br>
כאַטש אַן אָרימע, —<br>
פאָרט א מוהמע...

---

די נאַכט איז נאָך געלעגען איבער דאָרף און פעלד, און איבער די גאַנצע וועלט איז איין לבנה אויף־געוועז און געשפּיעלט זיך צווישען די וואָלקען. פאַר די קרעטשמע זיינען נאָך די פוהרען געשטאַנען מיט די שטאָלקאַטשען, וואָס האָבען געפלאַקערט אין דער נאַכט אויף די פוהרען פון די מחותנים, מען האָט נאָך אַריבערגערעדט פון איין פוהר אין דער צווייטער, יודען פערענטפערען נאָך די לעצטע רמב"ם'ס, ווייבער האָבען אַריבערגעשיקט גריסען אַלטע באָבעס, אַלטע מוהמעס, און די גאַנצע משפחה. די קנאַלען פון די בייטשען האָבען אין דער שטילער נאַכט זיך געהערט און זייער עכאָ האָט ווייט און ברייט אָבגעקנאַלט. און די פוהרען זיינען זיך צופאָהרען, טהייל אויפ'ן ליג־קען וועג, טהייל אויפ'ן רעכטען וועג.

ביי די פוהרען, וואָס זיינען אָב אויפ'ן וועג לינקס, איז אַן אָרט געוועזען ניט בעזעסען. עס האָט דאָרט ווער געפעהלט — עס איז געוועזן

דער חתן, וואָס איז מיטגעפּהרען מיט די מחותנים צו גאַסט אויף שבת נחמו.

אויף דעם לעצטען וואָגען צווישען די ווייבער איז די אַלטע מוהמע רחל־לאה געזעסען, זי האָט אַ ביסעל צופיעל געטרונקען, די הייטלעך האָבען זיך איהר שוועך איבער די אויגען געצויגען, און די דינע, אַלטע ליפּען האָבען נאָך האַלב פון שלאָף געברומט:

„נישט קיין געבעטנע,
אַליין געקומען,
כאָטש אַן אָרימע, —
פאָרט אַ מוהמע...

# VII.
# פרייטאָג אין שטעדטעל

זומערדיגע פרייטאָגס־נאָכמיטאָג!

חדר־יונגלעך זאָגען אָב די הפטורה, זיינען מעביר די סדרה און געהען אַהיים מיט די סדורים'לעך, חומשים און מיט די גמרות, אויף מאָרגען צום פערהער. געקומען אַהיים, שלעפּט מען ארויס יאגדעס. די מאַמע גיט דעם יאַגדע־סטאָניק און מען שמירט זיך דאָס גאַנצע פּנים איין. מען גנב'עט ארויס פון קעלער א פּאָר מעהרען. די מאַמע נעהמט צו די שטיוועל מיט די רעקלעך און שליסט זיי איין אין קאַסטען, אויף מאָרגען צום דאַווגען. נאָר באָרוועס און האַלב־נאַקעט האָלאַ אין גאַס אַריין, הינטער דעם שוהל־פּלאַץ, — דאָרט וואַרט שוין חברה. מיט פּעק שטיינער לויפט מען אויפ'ן מאַרק און מען צוטרייבט דעם בעקער'ס טויבען, וואָס פליהען איבער'ן מאַרק אַרום, און דער בעקער לויפט אַרויס יאָגען, כאַפּט מען די פיס און מען מאַכט פּליטה...

דאָס שטעדטיל, וואָס איז אָבגעברענט געוואָרען, איז האַלב'ס צוגעלאַטעוועט. דאָ און דאָרט זעהט מען חורבות, ארומגעקלאַפּט מיט האַלב־אָבגעברענטע ברעטער. יעדענס רשות איז בעזונדער אין א צוים איינגעצוימט. דאָ און דאָרט זיינען אָבגעלעגטע קלעצער און ברעטער. גוים שטעהען און ארבייטען, יונגלעך קריכען ארוים און שפּרינגען, און הוידען זיך אויף די ברעטער. ביי דער געביי זיצען יודען, ליידיג־גע־הערם, אָהן־פּרנסה'דיגע, קוקען ווי די גוים ארבייטען און גיבען עצות, ווי מען דארף מאַכען די פענסטערליך, די טהירען. יוהען שפּאַרען זיך איבער די געביידעם און די גוים מאַכען פון זיי חוזק. אויפ'ן מאַרק זיינען שוין דאָ גרינע עפּעליך, שעהנע באַרנעליך — א פּאָר א צווייער. א יונגעל בלאָזט אין אַ גאָרגעל פון אַ גע'שחט'ענע קאַטשקע, און חברה נאָך איהם הרר... הרר... עס לויפט פאַרביי א מיידעל אין בית־

המדרש אריין צו פרעגען א שאלה אויף אן עוף, און דאָ ווייזט זיך א יודענע מיט א טרפה'ר קאטשקע אויף א טעלער, טראָגענדיג זי צום גוי'שען בעקער. טאטעס מיט יונגלעך געהען צוריק פון שערער מיט אָבגעגאָלטע קעפּליך, ווי די שעפּסען, לכבוד שבת־נחמו. פון וועג אָן קומען אָנצוגעהן יודען אורחים מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, אין שטאָדט אריין אויף שבת. פוהרען קומען צופאָהרען אין מיטען מארק אריין, אָנגעפּאקט מיט חסידים, אַלטע יודען און בחורים, און יונגלעך, וואָס קומען אויף שבת־נחמו צום רבי'ן. די שטאָדט ווערט פול מיט פּנים חדשות. יודען געהען ארום, ווי אין ירושלים, פראנק און פריי, מיט שטריימלעך, שיך און זאָקען, מיט פּאות און ליולקעס... עס ווערט לעבעדיג, פרייטאָג'דיג אין שטעדטיל. מען לויפט, מען איילט זיך, מען דערקענט, אז עס איז ערב־שבת, ערב א גרויסען טאָג. די זון ציהט זיך איבער'ן שטעדטיל אויך עפּעס אזוי פרייטאג'דיג, גיסט מיט ליכט, און איז נישט מקפּיד, וואו איהרע גין־גאָלדענע שטראהלען פּאַלען אריין, און וועמען זיי בעלויכטען. פון דער שענק פאָהרען אהיים שכור'ע פּויערים און שכור'ע פּויערטעס אין רויטע טיכער און ווייסע כאַלאַטען. זיי קושען זיך, וויינען און לאכען, נעהמען זיך ארום און טאַנצען. די פערד זייערע, די פולע, רונדיגע פערד, זיינען אויסגעפּוצט מיט בענדער, ווי מען פאָהרט אויף א חתונה. זיי פאָהרען מיט רעש ארויס פון שטעדטיל, קלאַפּען איבער די שטיינער, און די חזירים'־לעך אויף די פוהרען קוויטשען מיט, און חדר־יונגלעך מיט די ארויסגעשלעפּטע העמדער פון די הויזען־שפּאַלטען לויפען זיי נאָך, און מאַכען גרויסע גוואַלדען: בע! הורא! עס קומט צופאָהרען לייב'ל דער וואַסער־פיהרער מיט זיין פעסעל וואַסער פון טייך, בעפאַלען איהם די קינדער און צופּען פון פערדיל די האָהר אויף סטרונעס צו פידעלעך. לייב'ל שילט, קנאַלט מיט'ן בייטש, נאָר ווער קוקט אויף איהם, מען צופּט ווייטער דאָס פערדיל און מען פּאַשעט עס מיט יאַגדעס, מיט בולקע־פּוטער, און דאָס פערדיל פערדייהעט אַלעס...

עס ווייזט זיך דער רב פון שטאָדט. ער געהט מיט א חברה אורחים ארום אין די הייזער און שטעלט וואו יעדערען אָב אן אורח אויף שבת.

אין געסעל קומט צופאָהרען פון וועג דער גביר ר' יחזקאל מיט זיין מענש נאָטע. אויף שבת אהיים געאיילט זיך. נאָטע שפּאַנט די

פערד אוים און רייט מיט זיי איבער׳ן געסעל צום וואסער אראב, און ר׳ יחזקאל זעצט זיך פאר דער טהיר, און בעט אין הארצען, אז גאט זאל איהם צושיקען א יוד אויף שבת.

אלעס אין דער גאס איז פרייטאג׳דיג. די הימלען ציהען זיך אזוי לאנג און ברייט אוועק; ציהען זיך, אום ערגעץ וואו אויף שבת אהיים צו קומען. וואס ווייטער, ווייזען זיך אלץ מעהר יודען אין אטלעסענע קאפאטעס, אין שיך און זאקען. יונגלעך אין אטלעס און אין זייד־דענם, געהען מיט פעקליך צום וואסער באדען זיך. דאס זיינען חסידים׳לעך, יונגע חסידים׳לעך, וואס זיינען געקומען צום רבי׳ן אויף שבת־נחמו.

און היימליך ווערט אין שטעדטיל, היימליך. בעלי־מלאכות טראגען אב די לעצטע ארבייט, יונגען כאפען ביער־געלד, לויפען אין די קראמען נאך קראגענדליך מיט שניפסליך, און מען לויפט צום וואסער באדען זיך לכבוד שבת.

הינטער דעם אלטען שוחט׳ס הויז גיסט זיך דאס וואסער. ביי־נאכט זיינען זיך דארט טובל די טויטע פון דעם געגענאיבערדיגען בית־עולמ׳ל, נאר פרייטאג פארנאכט—דאס שטעדטיל. גאנץ קאזמער איז אין נאקעטען, ווי גאט האט זיי בעשאפען... א פעלד איז בעלעגט מיט ווייסע פעקליך, און נאקעטע זיידעס, נאקעטע טאטעס, נאקעטע אייניקלעך זיינען אין וואסער. אין ענין שווימען איז דאס שטעדטיל שוין בעוואוסט פון לאנג אן. יודען האלטען פון שווימען. טאטעס לערנען זייערע קינדער שווימען אויף די בייכלעך. די קינדער וויינען, זייער געשריי געהט ביז אין הימעל אויף, און די טאטעס שלעפען זיי טיעפער, טיעפער אין וואסער אריין, טוקען זיי די קעפלעך. דאס קינד עפענט די אויגעלך אויף, מאכט א גוואלד, און ווידער א טוק. פערזארגטע יודען, וואס זיינען א גאנצע וואך אין דאגות־פרנסה, מאכען זיך נאריש און ווייזען קונץ־שטיק. דער לאזט זיך א „נארקים", דער צווייטער „לעגט קלאפטער", דער דריטער מאכט א „רעדעל", קארטשעט זיך איין, פערלעגט די הענד ארום די פיס און דרעהט זיך אין וואסער. דער מלאווער בחור נעהמט גאר די וועלט אב מיט זיין שווימען. ווי א פיש ליעגט ער אב גאנצע שעה׳ן אונטער וואסער, כאפט אן יעדען ביי די פיס, פלוצלונג גיט ער גאר א שפרונג ארויס, מאכט א קאזעליק, און ווייטער אין וואסער אריין.

„דאס דאוף יעדעס יאהר א מענש..." און אין מיטען דערינען ווערט א געשריי: געוואלד, ער טרינקט זיך! און דארט, וואו דאס וואסער איז שטראמיג, האט עס א מענש ארייגעכאפט. דער מענש רייסט זיך ארויסצוקומען פון די ארומיגע כוואליעס, נאר זיי האבען איהם ארייגעקראגען, און עס ציהט איהם ווער אונטען אין וואסער אראב. דער מלאווער בחור לאזט זיך א „נארקים", כאפט דעם טרינקענדען ביי די האהר אן און שלעפט איהם פון וואסער ארויס. דערווייל קומען אן פון דער שטאדט צולויפען ווייבער, קינדער מיט געוואלדען: וועמען! חיים משה, וואו ביסט דו? יודען כאפען דעם טרינקענדען, הויבען איהם אן צו רייסען און ווארפען, ציהען איהם די שלייפען מיט א פאסעק ארום — און זיינען מחיה מתים...

דאס וואסער געהערט צו דער שטאדט, נאר דאס פעלד, וואס איז ביים וואסער, געהערט צו דער שטאדט'ס שררה. שיקט ער ארויס א זשאנטשע מיט א הונד, אז ער זאל אוועקיאגען די באדענדע, ווערט א געשריי: „דער זשאנטשע געהט!" כאפט מען די פעקליך קליידער אויפ'ן קאפ און מען לויפט נאקעטערהייד אין שטאדט. גאנצע מחנות נאקעטע יודען לויפען מיט די פעקלעך, און דער גוי מיט'ן הונד יאגט אין סאמע שטאדט אריין, ביז עס קומען די קצבים אנטקעגען דעם גוי מיט גרויסע שטעקענס און לייזען אויס דאס שטעדטיל פון גוי'שע הענד...

די זון הויבט זיך שוין אן צו זעצען ווייט אויפ'ן לינטשעצער וועג. עס ווערט פארנאכט. ביים וואסער הויבט אן רוהיגער צו ווערען. מען איילט זיך אהיים, צום טייך קומען שוין נאר די לעצטע פוהרמאנעס, וואס זיינען שפעט אין שטעדטיל אנגעקומען, און בעלי־מלאכות, וואס האבען שפעט די מלאכה געענדיגט. פון מארק צונעהמען די יודענעס זייער סחורה און טראגען זיי אהיים. אויסגעבאדענע יונגלעך לויפען איבער דער גאס מיט פלעשעלעך צו וויינשטיינען נאך ווין אויף קדוש. די געוועלבער פערמאכען זיך איינציגווייז. אין עק גאס ביים גרויסען איינפאהר־הויז, אויף דעם וועג צום בית־עולם, צופלאקערט זיך א רויט געשטאלט אין א וואלקען פון גין־גאלד שטויב... דער הימעל ווערט איבער'ן שטעדטיל טונקעל. מען הויבט אן קלאפען אין שול אריין. אין טייל פענסטער ווייזען זיך שוין שבת־ליכטלעך, נאר די האלב־איינגעפאלענע הייזלעך, דער רעשט חורבות זעהען אוים עפעס נעבעכדיג, ווי ארימע מחותנים, וואס זיינען אין צוריסענע בגדים און נאר אין סאך־

מעטענע, שבת'דיגע היטלען געקומען אויף דער חתונה.... פאר טייל הייזער ווייזען זיך שוין שבת'דיגע בעלי־בית'טעם מיט זייערע טעכטערלעך. אָבגעוואשען, אויסגעקעמט זיצען זיי פאר דער טהיר...

און שטיל און רוהיג איז אין געסעל. דער שבת קומט אָן מיט רוהיגע טריט, און פערשפרייט מנוחה. ווי אליין פאר זיך קלינגט דער קירכען־גלאָק, רופט מיט א פרום געבעט אין קירכע אריין. פון דעם קליינעם בית־המדרש'ל פינקלען זיך ארויס די שבת־ליכטלעך און עס דאכט זיך, אז זיי האַלטען מלחמה — דער קירכען־גלאָק מיט די שבת־ליכטלעך. יעדעס ציהט צו זיך. דורך דאָס שטילע שטעדטיל געהען פרומע קריסטען, מענער מיט פרויען, געהען אין קירכע אריין. און אָבגעוואשענע יודען מיט ווייסע קראַגענס פון די העמדער, איבער די שבת'דיגע קאַפּאָטעס פערבויגען, געהען אין בית־המדרש אריין. חסידים אין אטלאָס און אין זיידענס, אין שיך־און־זאָקען, געהען צום רבי'ן. און שטילער, רוהיגער, שבת'דיגער ווערט דאָס שטעדטיל, ווי עס וואָלטען זיך איינגעטיילט דאָס בית־המדרש'ל מיט דער קירכע, יעדע גענומען זיך דאָס איהריגע. פון די אָבגעוואשענע פענסטער פינקלען די ליכטלעך און די לייכטערליך ארויס. מיידלעך הויבען זיך אָן צו ווייזען אין געסעל שפּאַצירענדיג, און דעם חזן'ס לכה דודי זינגט אין געסעל און דער קירכען־גלאָק קלינג מיט, די קולות מישען זיך אוים און עס ווערט איין שטילע תפלה צו איין גאָט...

אין גאַס ווייזט זיך ר' יחזקאל מיט זיין חתן. זיי געהען אין בית־המדרש אריין דאַווענען. עס ווייזען זיך מיידלעך אויפ'ן שוועל אין טהיר. אָרענטליכע בעל־הבית'ישע טעכטער קוקען פון די אָפענע פענסטער ארויס, קוקען נאָך און סוד'ען זיך: לאה'לעם חתן! לאה'לעם חתן!

מיידלעך, כלה'ס שפּאַצירען אין שוהל־געסעל. עס געהען דעם שוחט'ס טעכטער אין גאָלדענע קייטעלעך, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון די מחותנים.

בחורים, חתנים'לעך, געהען שפּאַצירען אויף דער צווייטער זייט, אין די אטלעסענע קאַפּאָטקעלעך, אין די זיידענע גארטעלעך, מיט די שווארצע פאות'לעך און מיט די גאָלדענע זייגערס, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון די מחותנים חתן־מתנות...

אין מיטען דער געסעל, וואָס איז פערהילט אין דער שטילער־

נאכט, דערהערט זיך פלוצלונג א קול פון א וויינענדיגער מאמע: מיין קינד, מיין יצחק'ל! קומען זיך צולויפען ווייבער, מיידלעך פון אלע זייטען: וואס איז? וואס איז? „מיין יצחק איז אוועקגעגאנגען נאך ביי־טאג און איז נאך נישט אהיים געקומען. וועה צו מיר! מען האט איהם ביי'ם וואסער געזעהען!" — וויינט די יודענע אין רוהיגען גע־סעל. ארום שטעלען זיך צונויף קופקעלעך און שמועסען: „דאס וואסער דארף א מענש!" „דאס וואסער דארף א מענש!"..

און שטילער, טונקעלער ווערט די נאכט, דער שבת קומט אן מיט רוהיגע טריט און פערשפרייט מנוחה. און דארט וויית, וואו דער הי־מעל ליעגט אויפ'ן וואסער, איז דער סוד אויסגעגאסען, וואו יצחק'ל, דער יודענע'ס יונגעל, איז ערגיץ וואו אהינגעקומען.

לויפט די מאמע מיט א געוויין צום וואסער אראב, דארט צום הי־מעל און וואסער, וואו זיי ליגען ביידע אויסגעגאסען ,געוואהר צו ווע־רען דעם סוד, וואו איהר קינד, איהר יצחק'ל, איז ערגיץ וואו אהינגע־קומען...

---

פרייטאג־צו־נאכט'ס. דעם טיש ביי ר' יחזקאל'ען האט מען לכבוד דעם חתן געדעקט אין דער לעצטער שטוב. מען האט אויפגע־רוקט די פליגלען פון דעם גרויסען טיש, ווי מען טהוט עס נאר איין מאל אין יאהר ביי דער פורים־סעודה, ווען אלע קינדער און די אייניקלעך קומען זיך צוזאמען. מלכה'לע, די בעל־הבית'טע, האט נישט געזשא־לעוועט קיין ליכט, זי האט געלייענט און געוואוסט גאנץ גוט, אז וואס מעהר ליכט פרייטאג־צו־נאכט'ס, דאס מעהר פרנסה בעווילינט גאט. דער גרויסער טיש איז געווען בעשטעלט מיט זילבערנע לייכטער, אלט־פרענקישע, זעקס־רעהרענדיגע. אין שטוב האט אלעם געבלאנקט, גע־לויכטען פון די ליכט. לכבוד דעם חתן האט מלכה'לע ארויסגענומען דאס זילבערנע גאפעל־מעסער, וואס ווערט נאר בענוצט צו דער פורים־סעודה, אויפגעשטעלט די זילבערנע בעכער. אויבען־אן זיינען געווען געגרייט די חלות פאר ר' יחזקאל'ן, בעדעקט מיט א חלה־טישטיכעל, רעכטס איז געווען געגרייט פאר'ן חתן, די חלות פאר איהם זיינען גע־ווען בעדעקט מיט א טישטיכעל, געהאפטען אויף זילבער, וואס לאה'לע האט פאר איהר חתן אויסגעהאפטען. מלכה'לע, אנגעטהון אין איהר וויסען זיידענעם קלייד מיט גאלדענעם בעשלאג פון אונטען, וואס איז

געווען געמאַכט לויט דער דעמאָלדיגער מאָדע מיט ברייטע פאַלדען, וועלכע איינע האָט זיך פערבלאָנדזעט אין דער צווייטער, מיט דעם זיידענעם שאַלעכיל מיט די בלויע פרענזעלעך, וואָס דער מאַן האָט איהר מיטגעבראכט פון לייפּציגער מארק, אין דער הייסער שבת'דיגער קאָרענגאָווער הויב, — איז געשטאַנען, דאָס פּנים אין איהרע בלייכע איידעלע הענד פערשטעלט, און האָט ליכט געבענטשט. לאה'לע, אַן אויסגעוואשענע, מיט שווארצע לאַנגע זיידענע צעפּ פערוואָרפען שבת'דיג איבער'ן סאַמעט־בלויען יאקעלע, און זעהט אויס ווי אַן אָרענטליך מיידעלע, וואָס האָרכט „וואָס טאַטע־מאַמע הייסען, און וואָס גוטע, פרומע לייט הייסען" — און א ברכה מיט הצלחה רוהען אויף איהר קאָפּ... זי זיצט זיך ביי דער מאַמען, און לייענט מיט איהר אין דער תחנה:

„רבונו של עולם, מיין מצוה פון די ליכט־אָנצינדען זאָל אזוי אָנגענומען זיין, ווי די מצוה פון דעם כהן־גדול, ווען ער האָט די ליכט אין ליעבען בית־המקדש אָנגעצונדען. אַז מיינע קינדערס אויגען זאָלען לייכטען אין דער ליעבער, הייליגער תורה.... זייערע מזלות זאָלען לייכטען אין הימעל...."

די פענסטער זיינען געווען אָפען אין געסעל אריין: געגענאיבער פון גאָרטען האָט זיך געהערט די קוואָקטשעריי פון די זשאַבעס, און פון גאַנץ ווייט אין „שווארצען וואלד" האָט זיך א ליכטעל געלויכטען. איינגעפאסט אין דער פינסטערער נאַכט, האָט עס אויסגעזעהען ווי אַ פערגעסען ערגעץ שבת־ליכטעל, און די זשאַבעס בענטשען דעריבער.... אַ טונקעלע כמאַרע איז געהאַנגען איבער'ן וואסער און אלץ פערדעקט, נאָר פון ווייט, פון יענער זייט האָט זיך געפונקעלט אַ ליכטעל, און ס'האָט געדוכט, אז די אַלטע, די ווייכסעל, אַ גרויע באָבע, האָט זיך אויך שבת־ליכטלעך אָנגעצונדען לכבוד שבת... און פון אָפענעם פענסטער קומען אריין צושווימען גאָט'ס ליעבע זומערדיגע ריחות פון טויזענדער בליטהען און געוויקסען, און האָבען זיך אויסגעגאָסען אין שטוב, געכאַפּט א וואָרט פון תחנה, א שבת'דיגע ברכה און צוריק ארויס, און געשוועבט מיט דער ברכה איבער פעלדער און וועלדער, איבער הימעל און ערד און פערשפּרייט שבת'ברכות איבער גאָט'ס וועלט...

יודען זיינען אַהיים געגאַנגען פון בית־המדרש, פון מנינים'לעך. ווער עס האָט געקענט, האָט אַן אורח מיטגענומען. די שבת־מלאכים

זיינען פֿאַראויס פֿאַר די פּרינצען געפֿלויגען און האָבען זיי שלום־עליכם אָבגעגעבען, און מנוחה פֿערשפּרייט. און יודען, דערזעהענדיג די גוים, וואָס זיינען געזעסען אין זייערע וואָכעדיגע קליידער מיט זייערע ווייבער און קינדער אויף די ביינק פֿאַר די טהירען און האָבען געשפּיעלט און געזונגען, האָבען זיי געקרעכצט, רחמנות געהאַט אויף זיי: גוים נעבעך, זיי האָבען נישט קיין שבת!...

און דיין פֿאָלק ישראל האָסטו געטרייסט, טאַטע אין הימעל! אַלץ איז עפּעס ווי אויסגעלייזט געוואָרען, בעקליידט מיט דערבאַרימקייט, ווי די שכינה וואָלט איהר פֿאָלק ישראל ארומגענומען, די טרעהרען פֿון געזיכט אָבגעווישט, געטרייסט איהם, די פּאות איהם אויף די באַקען געקרייזעלט, ווי אַ געטרייע מאַמע געקרייזעלט, חנ'דלעך געמאַכט, און מיט ליעבשאַפֿט צו איהם געזאָגט: הבן יקיר לי אפרים: צי אַ טייערער זוהן ביסטו מיר, אפרים? אם ילד שעשועים, אָדער אַ שפּיעל־קינד, כי מדי דברי בו, וואָרום אין מיין טהון רעדען וועגען איהם, זכור אזכרנו עוד, טהו איך אָן איהם אַלץ נאָך געדענקען, על כן המו מעי לו, איבער דעם ברומען מיינע געדערים נאָך איהם, רחם ארחמנו נאום ד', ערבאַ־רימען טהו איך מיך איבער איהם, טהוט זאָגען גאָט.

און גאָט'ס ערבאַרימקייט איז איבער וועלט און נאַכט געווען אויס־געגאָסען.

ר' יחזקאל איז אהיים געקומען נאָכ'ן דאַווענען, און אַ רעכט ביסעל אורחים האָבען זיך נאָך איהם נאָכגעשלעפּט.

— גוט שבת!

„שלום עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון"...

און געזעהען האָט מען, ווי די מלאכים מיט זייערע צוויי ווייסע פֿליעגעל פֿערשפּרייטען מנוחה ארום אין דער שטוב. מלכה'לע מיט דער כלה זיינען געזעסען ביי'ם טיש, וואַרטענדיג אויף קדוש, און האָבען אויסגעהאָרכט פֿון מאַן און חתן די חניפה'דיגע ריידעלעך, וואָס די מאַנספּערשוינען האָבען די ווייבער פֿאַרגעזאָגט:

„אשת חיל מי ימצא"...

מען זיצט ביים טיש. ר' יחזקאל זיצט אויבען־אָן מיט'ן חתן קעגענאיבער דער ווייב מיט לאה'לען. עס איז שטיל ארום, נאָר דאָס ווינדטעל, וואָס בלאָזט דורך דעם אָפֿענעם פֿענסטער, האַלט אין איין

דערצעהלען.... לאה׳לע הויבט אַלע ווײלע פּאַמעליך אויף די אויגען און וואַרפט אריבער אַ בליק. ער, אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט דעם שווארצליכען פּנים, איז אזוי חנ׳עוודיג. אַט זעהט זי אויף איהם דעם גאָלדענעם זייגער אין דער זיידענער וועסט, דעם זייגער, וואָס ער האָט פון איהר געקראָגען. ער איז איהר חתן.... מיט איהם וועט זי וואָהנען אין איין שטוב... קיינער נישט, נאָר זיי ביידע.... און דאָס יונגע הארץ בעוועגט זיך אזוי לייכט, אזוי שטיל.... דאָס ווינדטעל הערט דעם סוד און פליהט מיט איהם דורך דאָס אָפענע פענסטער ארויס אין דעם גראַף׳ס שווארצען וואלד אריין, דאָרט פאר׳ן שבת־ליכטעל דעם סוד צו פערטרויען...

ער זיצט שטיל, די אויגען אראָבגעלאָזט. וואָס קלערט ער איצט? וועגען איהר, וועגען זיין לאה׳לען! (רויט ווערט זי!) דאָס איז איהר חתן, אַ חתן פאר איהר האָט דער טאַטע מיטגעבראַכט... אָך, ווען ס׳וואָלט קיינער נישט זיין, טאַטע־מאַמע וואָלטען שלאָפען געגאַנגען, וואָלט זי צו איהם צוגעגאַנגען, שטילערהייד, עס איז דאָך איהר חתן. צו אַ חתן מעג מען... וואָס — ניין?...

שאַ, דער טאַטע מיט׳ן חתן זינגען. זיין קול, ווי עס קלינגט, ווי עס הילכט, עס לויפט ארויס דורך דאָס פענסטער:

„מנוחה ושמחה אור ליהודים!...."

זי, די כלה, דערלאַנגט צום טיש, שטעלט אַנידער אַ טעלער פאר׳ן טאַטעשי, פאר די מאַמעשי און פאר איהם....

„זאָל ער מיר עסען געזונדערהייד..." און דאָס הארץ קלאַפּט איבער זיין אַקסעל, עפּעס האָט איצט געמוזט פאר זיין געזיכט דורכלויפען...

אין מיטען עסען זיינען געקומען צוגעהן דער מחותן ר׳ חיים מיט דער מחותנת׳טע, עס איז געקומען עוזר׳ל, לייב׳ל, איטעלע און הינדעלע מיט די קינדערלעך, און גלאַט קרובים און בעקאַנטע. מען האָט אָבגעגעבען דעם חתן שלום עליכם, געפרעגט איהם, ווי דער חזן געפעלט. דערנאָך איז געוואָרען אַ שמועס וועגען חזנים. איינער האָט געזאָגט אַ שטיקעל שיר המעלות׳ל, האָט דער חתן איהם אָבגעענטפערט מיט אַ זמר׳ל. דאָס גאַנצע געסעל איז צוזאַמענגעלאָפען אונטער׳ן פענסטער. דער חתן האָט פערמאַכט די אויגען, די האַנד אונטער די באַק אונטער־געלעגט און זיין קול האָט זיך געגאָסען, האָט זיך געלאָזט אויף אַ „שטייגעריל". אונטער׳ן פענסטער ווערט אַלץ מעהר מענשען, מען

שטעקט קעפּ אריין. „גוט שבת!" „לאה'לעם חתן" — האָבען מיידלעך זיך גע'סוד'עט און מיט'ן פינגער געוויזען. די טהיר האָט זיך גע־עפענט און פרעמדע מענשען האָבען אָנגעהויבען אריינצו'גנב'ען זיך, צוערשט מיט א ספק'דיג געלעכטעריל אויף די ליפּען: הייסט עס, גלאָט אַזוי, און דערנאָך האָט מען זיך שוין געדריקט, די שטוב אָנגע־שטאָפּט.

און צום טיש האָט מען וויין דערלאַנגט, כוס אויס, כוס איין.

באַלד איז אָנגעקומען ר' יצחק יודעל'ס מיט'ן ברייטען „גוט־שבת!" דער עולם האָט פאַר איהם א ווארע געמאַכט. עוזר'ל האָט איהם אויפ'ן אקסעל די האנד ארויפגעלעגט און הויך זיך גע'דו'צט. ר' יצחק יודעל'ס האָט נישט געוואָלט לאַנג זיצען: „דער רבי געהט קדוש מאַכען". דער עולם האָט זיך באַלד גענומען צום בענטשען. נאָכ'ן בענשען האָט זיך דער יונגער עולם גענומען געהן צום רבי'ן, און די מחותנים, ר' יחזקאל'ן מיט ר' חיים'ן — אין בית־המדרש אריין, וואו דער רב פלעגט לערנען יעדען פרייטאג־צו־נאכט'ס מיט די שטאָדט־בעלי־בתים די סדרה פון דער וואָך.

ר' יצחק יודעל'ס האָט שטאַרק אָנגעהויבען בעטען, אז ר' יחזקאל מיט ר' חיים'ן זאָלען היינט לכבוד דעם חתן מיטגעהן צום קדוש צום רבי'ן.

די בעלי־בתים האָבען זיך צוערשט א ביסעל געשעהמט דורכלאָזען א סדרה, נאָר די קינדער, און דער חתן אליין האָבען זיך שטאַרק אָנגע־האַלטען. ר' יצחק יודעל'ס האָט געזאָגט: „מען מוז אייך געוועהנען"....

האָבען זיך די בעלי־בתים, א ביסעל מיט בושה, געלאָזט זיך נאָכ־שלעפּען נאָך די קינדער צום רבי'ן.

עס איז געווען דער ערשטער פרייטאג־צו־נאכט'ס, ווען די בעלי־בתים האָבען זיך נישט געפונען אין בית־המדרש ביי'ם רב'ס סדרה.

---

ביים רבי'ן אין בית־המדרש.

איין עדה: און גאָט'ס עדה איז אין גאַנצען אַלע גלייך, סיי קינ־דער, סיי אַלטע, אַלע איין נשמה, איין בנין, איין גאָט ליעבט מען, אין איין בית־המדרש דאַוועגט מען. און די תפלה איז איינע, טויזענדער קולות פון איין הארץ. דער עולם איז צעזאַמענגעגאָסען, א ים שוואַר־

צע שטריימלעך און שוואַרצע בערד איינער אין אַנדערען, ביים צווייטען, אין איינעם! אַלע אויגען זיינען אַנגעווענדעט צו דעם ווייסען כאַלאַט, וועלכער דרעהט זיך ארויף און אראָב צווישען דעם ים שווארצע שטריימלעך און וועלכער מאכט זיך אַ וועג פון איין עק בית־המדרש צום צווייטען. דאָס איז דער רבי. זיינע הענד זיינען אין גאַרטעל פער־פלאָכטען. די אויגען צום באַלקען אַנגעווענדט און דער הויכער, שכינה'דיגער שטערען איז אין איין שאַרפען קנייטש; איין מחשבה, איין כונה: צו גאָט!

און גאָט איז דאָ, דאָ, צווישען דער ערדה. ער האָט זיך מיט יודען אויסגעמישט, ער איז געוואָרען איין חלק אין כלל, איין קנויטעל, איין פלעמעל אין דער מנורת־הכלל. די שכינה און די כנסת־ישראל, די כנסת־ישראל און די שכינה.ביידע פערוואָגעלט אין גלות, טרעפען זיך צוזאַמען און דערמאָהנען זיך די כלה־צייט. איז עס דען נישט ווי צווישען א חתן־כלה, וואָס עס האָט זיך ביי זיי אַ ברוגז'ל געמאַכט? זיי זיינען זיך צוגאַנגען אין פערשיעדענע וועגען און פרעמדע לענדער, און איצט טרעפען זיי זיך אינ'איינעם אין אַ פרעמדער סטאַנציע...

און דער רבי האָט געזונגען זיין ליעבעם ליעד צו גאָט: שיר־השירים.

נישט געזונגען האָט ער, נאָר טיעף געזאָגט, מיט כונה. יעדעס וואָרט מיט זיין טעם און זיין מיין:

... „איהר זאָלט נישט קוקען, וואָס איך בין אזוי שווארצליך, וואָס די זון האָט מיך אָבגעברענט. מיין מאַמע'ס קינדער האָבען מיר שלעכטס געטהון, זיי האָבען מיך געמאַכט פאר א גערטנער־היטערין, מיין גאָרטען האָב איך נישט געהיט.“

„זאָג מיר, דו וואָס מיין נשמה ליעבט, וואו פאַשעט זי, וואו הויערט זי אין דער מיטאָג־צייט?“

— „אויב דו קענסט נישט די שעהנע צווישען די פרויען? געה נאָך די שעפּסען־טריט און זעה דיינע ציגעלעך ארום די געצעלטען פון די פאַסטוכער.“

— „איך בין מיר אַ בלימעל פון שרון, אַ רויז פון די טאָלען.“

— „אזוי ווי אַ רויז צווישען די דערנער, אזוי איז מיין געליעבטע צווישען די טעכטער.“

— „אזוי ווי אַן עפּעל צווישען די וואַלד־בוימער, אזוי איז מיין גע־

ליעבטער צווישען די זיהן. אין זיין שאָטען וועל איך ליעגען, זיינע פרוכ־טען זיינען מיר זיס“...

„מיין געליעבטער איז געגליכען צו א הירש, אָדער צו א יונגען אינד. אָט שטעהט ער הינטער אונזער וואנד, קוקט אריין דורך דאָס פענסטער, ווארפט אויגען דורך די שפּאַלטען“...

„ענטפערט מיין געליעבטער און זאָגט צו מיר: מיין פריינדין, מיין שעהנע, קום מיט מיר!“

— „ווארים איז, דער ווינטער איז שוין אוועק, דער רעגען איז שוין פארביי.“

„פעלד־בלימעלעך ווייזען זיך שוין אויף דער לאַנקע, דעם פויגעל'ס־צייט איז געקומען, און דעם קוקו'ס קול הערט זיך שוין אין אונזער לאַנד“...

„שטעה אויף, מיין פריינדין. מיין שעהנע, און קום מיט מיר“. — — —

און דעם רבינ'ס קול זאָגט נישט, נאָר עס בע'טעם'ט יעדעס וואָרט, גיט יודען צו פערשטעהן דאָס זיסקייט, די צוגעבונדענקייט, די טריי־שאַפט, וואָס עס פיהלט די כנסת־ישראל צו דער שכינה און די שכינה צו דער כנסת־ישראל.

און די עדה פיהלט עס און נייגט זיך, און בויגט זיך, ווי א דאָרש־טיגעס פעלד זאנגען צום טריפענדיגען וואָלקען. די עדה כאַפּט א וואָרט, און עס זינגט אין די הערצער, עס טרייסט, א גרוס פון דער שכינה צו דער כנסת־ישראל אין גלות.

„וואָלט איך געווען א פייגעלע אין וואלד,
וואָלט איך צו דיר געפלויגען...“

און יודען נעהמען זיך צוזאַמען, און עס ווערט איין הארץ און איין נשמה.

און דער רבי זאָגט די ווערטער מיט אזוי פיעל ליעבע, ווי ער וואָלט א בריוועלע געלייענט, א געטריי בריוועלע „פון צוויי טויזענד מייל“:

„איך שלאָף, און מיין הארץ איז וואך. די שטימע פון מיין גע־ליעבטען קלאַפּט אין טהיר: עפען מיר, מיין שוועסטער, מיין פריינדין, מיין טייבעלע, מיין קאָפּ איז פול געוואָרען מיט טוי, מיינע לאָקען מיט נאַכט טראָפּען.“

„כ'האָב אויסגעטהון מיין העמדעל, ווי אזוי קען איך עס אָנטהון?

כ׳האָב אָבגעוואַשען מיינע פיס, ווי אַזוי קען איך זיי פערשמוצען ?“...

„האָט מיין געליעבטער די האַנד אויסגעשטרעקט פון שליסעל־לאָך, האָבען מיינע געדערים נאָך איהם געטהון ברומען.

„האָב איך מיך אויפגעהויבען צו עפענען מיין געליעבטען, און מיינע הענד טהוען מיר טריפען, און מיינע פינגער מיט מירום די קלאַמ־קעס שמירען.

„איך האָב אויפגעעפענט מיין געליעבטען, נאָר מיין געליעבטער איז שוין לאַנג געהאַט אוועק. די נשמה איז איהם אויסגעגאַנגען אין זיין רעדען. האָב איך איהם געזוכט און כ׳האָב איהם נישט געפונען. האָב איך איהם גערופען, האָט ער מיר נישט געענטפערט.

„האָבען מיר געטראָפען די, וואָס דרעהען זיך אין שטאָדט אַרום, האָבען זיי מיך געשלאָגען, האָבען זיי מיך געביילט, האָבען זיי מיר די קליידער אראָבגעצויגען, די „מויערן־היטערס“ — — —

פלוצלונג האָט דער רבי אויפגעהערט צו זאָגען. ער האָט זיך אי־בער׳ן בית־המדרש געדרעהט, קיין וואָרט נישט גערעדט, וואָט אַמאָל מעהר די אויגען אויפגעריסען און געקוקט אויף׳ן באַלקען און דער שטריך אין שטערן האָט זיך איהם אַלץ טיעפער געשניטען, אויף חסידים איז געפאַלען אַ ליעבע אימה, וואָס האָט אַלע אינאיינעם צוזאַמענגענו־מען און געהאַלטען.

פלוצלונג האָט זיך דער רבי גענעבען אַ כאַפּ אויף און מיט גרויס פרייד, ווי עס וואָלט עפּעס פאַר איהם פלוצלונג ענטפּלעקט געוואָרען, האָט ער געגעבען אַ געשריי אויס:

„שלום עליכם, עליכם שלום, מלאכי השרת, מלאכי עליון“...

און עס איז געוואָרען צווישען עולם, ווי עס וואָלטען אריינגעפאַלען טויזענדער מלאכים פון הימעל. די מלאכי־השרת האָבען זיך אויסגע־מישט מיט׳ן עולם חסידים ביים רבי׳ן אויף שבת, אַלטע בעקאַנטע, משלנו, און מען האָט זיך ביי די גאַרטלען אָנגענומען, געפרעהט זיך איינער מיט׳ן צווייטען:

„שלום עליכם, מלאכי השרת!“...

און דער עולם האָט זיך טיעפער געלאָזט, איינער אין צווייטען, איינער אין אנדערען, מיט גדולה, מיט שבת־שמחה, מיט איין אחדות, מיט איין ליעבשאַפט:

„שלום עליכם, מלאכי השרת!“

און דער רבי איז אריין צווישען עולם, אויסגעמישט זיך מיט דער עדה, צוזאמענגענומען זיך ביי די הענד, און מיט גרויס גדולה, אלע אין איין קול:

„בואכם לשלום!"

פלוצלונג איז דער רבי ווייטער שטיל געוואָרען און געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב, די אויגען אלץ צום הימעל אָנגעווענדט, ווי זיי וואָל־טען פון אויבען עפּעס געשעפּט, געפּאָרשט. די הענד האָט ער טיעפער אין גאַרטעל פערקניפּט, און איז לאַנג געשטאַנען, זיך נישט א ריהר געבענדיג. מיט א מאָל האָט ער זיך ווידער געגעבען א כאַפּ, אוועק אין א בעזונדער ווינקעל צווישען דעם אָרון און דער וואנד, געבענדיג א בויג איין דעם קאָפּ אין ווינקעל און איז געבליבען שטעהן פערטיעפט אין זיך אליין, און האָט עפּעס וואָס אין דער שטיל געזאָגט... דערנאָך האָט ער זיך פּאמעליך אָנגעהויבען צו שאָקלען, און עס האָט זיך געגאָ־סען אָהן ווערטער א שטיל־פליסענדיגע תפלה. פון צייט צו צייט האָט ער מיט דער האנד צוגעמאכט, ווי ער וואָלט עפּעס דערמיט וואָס בע־טעמ'ן, אויסזינגען, אויסזאָגען, און באלד איז ער ווייטער געבליבען שטיל פערטיעפט.

דער עולם ארום — כוואַליעס קעפּ איבער כוואַליעס קעפּ, — איז שטיל פערזונקען געוואָרען אין א מתיקות'דיג שווייגען, און א ליעבע, זיסע אימה האָט אלץ ארומגענומען, און יודען האָבען זיך אָנגענומען ביי די הענד, און זיינען דערציטערט געוואָרען וואַרטענדיג.

נאָר פלוצלונג האָט זיך דער רבי אויפגעכאפּט און מיט גרויס חדוה'קייט האָט ער זיך געווענדט צום עולם:

— צום קדוש!

זיין פּנים האָט געלויכטען, ווי די שכינה וואָלט עס בעקושט און בעהייליגט. פון זיך האָט עס א ווארימקייט געשיקט און אלע, אלע צו זיך, און אין זיך אריינגענומען.

דער עולם האָט א וועג געמאכט. אין דער טהיר האָט זיך געוויזען א צוג ווייבער, מיט דער רבי'צין אין מיטען. פון איהר הויכען גלאַנ־צענדיגען שטערן האָט דער שטערנבאַנד, בעפּוצט מיט בריליאַנטען, גאָלד און פּעריל, אראָבגעשיינט מיט א שבת־מלכות'דיגען גלאַנץ און ארום פערשפּרייט דאָס מלכות'ידגקייט און געזאָגט: „גוט שבת!" די גרויסע בריליאַנטען פון די לאַנגע אויהרינגלעך, פון הינטער דער שבת־

הויב, ווי גרויסע שבת־טראַפּען, און די שנירלעך פּעריל, וואָס זיינען גע־
ווען פערצויגען איבער דעם האַרץ אויף דעם זיידענעם קלייד, ווי פּער־
גליווערטע, אונשולדיגע טרעהרען, האָבען בעשיינט, האָבען בעגלאַנצט
דאָס מלכות׳דיגקייט. איבער דעם שבת־מלכות׳דיגען געזיכט איז גע־
ווען אויסגעגאָסען דער יודישער שטאָלץ, דער יודישער חן. ארומגע־
רינגעלט פון די שניר און די טעכטער איז זי צו צום טיש. די זיידענע
קליידער האָבען נאָכגעשאַרכט, די בריליאַנטען און פּעריל האָבען די
אויגען פערבלענדט און דרך־ארץ פערשפּרייט.

דער רבי האָט גענומען דעם הויכען זילבערנעם בעכער, פול אָנגע־
גאָסען מיט וויין און האָט קדוש געמאַכט: ויברך אלהים את יום השביעי
ויקדש אותו — און גאָט האָט געבענשט דעם זיבענטען טאָג און האָט
איהם געהייליגט.

און דער רבי האָט איהם געהייליגט. די קדושה האָט צווישען
עולם איבער די קעפּ ארומגעשוועבט, זי איז ארויס דורך דאָס אָפענע
פענסטער אין גאָט׳ס פּער׳סוד׳עטע וועלט אַריין, און אַלץ, אַלץ די גאַנצע
וועלט פון וואָכע-דיגען געהויבען, דערהויכט און פער׳שבת׳ט.

---

אין געסיל איז שוין פינסטער. די שטערען, טיעף איינגעזעצט
אין טיעפען בלויען הימעל, זעהען אויס ווי שבת־ליכטלעך, וואָס געהען
אויס אין אַ יודיש שטוב, ווען דער עולם איז ארום טיש אויף די מעשה־
ביכלעך איינגעשלאָפען. דאָ און דאָרט האָט זיך נאָך אין אַ פענסטער
געברענט אַ שבר־ליכטעל, געהאַלטען ביים אויסגעהן, און פון אָפענעם
פענסטער האָט זיך נאָך געהערט אַ פערשלאָפען, אויסגעהענדיג זמירות.
דעם רבינ׳ס קדוש האָט זיך אויסגעשפּרייט אין אַלע פיער עקען וועלט
און צווישען נאַכט, הימעל און ערד און איז פערשלאָפען געוואָרען פאַר
מתיקות׳קייט... ווייט אין דער גאַס האָבען זיך געהערט טריט פון די
יודישע שומרים, וואָס האָבען ביי־נאַכט דאָס שטעדטיל געהיט, אַז מען
זאָל עס נישט אונטערצינדען....

פון דעם רבינ׳ס אָפענע פענסטער האָט דאָס זינגען הויך, ברייט
און ווייט אין דער גאַס זיך אַ וועג געמאַכט.

צוויי ווייסע בערד, צוויי ווייס-גרויע האָר־קעפּ האָבען זיך אין דער
טונקעלער נאַכט געוויזען. געווען זיינען עס ר׳ יחזקאל און ר׳ חיים
צוריק־געהענדיג פון רבינ׳ס קדוש.

פון דעם בית המדרש׳ם פענסטער האָט נאָך ארויסגעדרינגט א קליין, פעררויכערט ליכטעל, און א האלב פערשלאָפען קול פון גאנץ־פערשלאָפענע יודען האָט זיך געלאָזט הערען.

זיי זיינען אריין אין בית־המדרש.

ביים טיש, וועלכער איז קוים בעלויכטען ש׳ין פון אן אויסגעהענ־דיגער לאָמפּ, זיצט דער רב, ארום בעלי־בתים, פערמאטערט פון א גאנ־צער וואָך ארבייט, און לערנט מיט זיי די סדרה פון דער וואָך:

— ואתחנן אל ה׳ בעת ההיא לאמור: „האָב איך מיך געבעטען ביי גאָט אין יענער צייט, אזוי צו זאָגען.“

א גרויס דעמפּיגקייט האָט געדריקט צווישען דעם קליינעם, האלב־פערשלאָפענעם עולם.

צווישען עולם האָט דער הויכער בלינדער לייב שוסטער ארויסגע־שטארט, און הויך אויפ׳ן קול צוגעשנאָרכט...

די בעלי־בתים האָבען זיך פערשעהמט.

---

# VIII.
# צו מאָרגענס

שבת אין דער פֿריה. די זון געהט אויף אויפ'ן הימעל, און אי־בער'ן שטעדטיל ציהט זיך דער ליכטיגער טאָג. אַליין ווערט עס טאָג, פֿון שטעדטיל העלפֿט קיינער נישט צו. די געוועלבער זיינען פֿערמאַכט, פֿערהאַקט, עס וועקט זיך קיינער נישט. קומט אַ פֿויער אין גאַס אָן צו־פֿאָהרען מיט זיין פֿוהר, זעהט עס קיינער נישט אָן, ער שטעלט זיך אָב די פֿערד פֿאַשען און „האַלט שבת" אין מיטען גאַס... וואו נישט וואו און ווען נישט ווען ווייזט זיך אַ יוד אַ בעל־הבית פֿאַר דער טהיר, אין אַ פֿאָר ריין־געוואַשענע גאַטקעס, און גענעצט פֿראַנק און פֿריי אין דער וועלט אַריין. דאָרט געהט אַ יוד, אַ חסיד, צוריק פֿון מקוה און טראָפֿענס וואַסער רינען איהם פֿון די נאַסע פֿאות אויף דעם פֿריש־געוואַשענעם קאָלנער פֿון העמד, וואָס פֿערלעגט זיך מיט אַ בעזונדער בעל־הבית'ישקייט איבער'ן קאָלנער פֿון פֿאַלטאָ. אין מיטען מאַרק ווייזט זיך פֿלוצלונג אַ הויכער, דאַרער יוד, מיט אַ לאַנגע, ברייטע באָרד, און עפֿענט אַ גרויס מויל אויף און ציהט אויס ווי אַ לאַנגען שנור:

— אין שו—ל—ל אַ—ר—יין!

הויבען זיך אָן ווייזען יודענעס אין ווייס געפֿרעסטע ספּאָדניצעס, לויפֿען צו און קלאַפּען אין לאָדען אַריין: שרה'לע, מען האָט שוין גערופֿען! האַקען זיך פֿרענטען אייזען, עפֿענען זיך לאָדען, און עס ווייזען זיך ווייסע שלאָף־מיצען פֿון די אויפֿגעעפֿענטע פֿענסטער. קוקען צום שטאָדט־זייגער, וואָס איז אויפ'ן טהורעם פֿון שפּיץ ראָט־הויז: ווי שפּעט איז?

הויבען זיך אָן צו ווייזען אויסגעפּוצטע ווייבער. יודישע קינדער ליעבען זיך צו סטראָיען פֿון איין שבת צום צווייטען; אין אַלעם שעהנסטען, וואָס אַ יודענע האָט, וועט זי זיך אין דעם אויסציערען צו ווייזען זיך אין גאָט'ס הויז. דעמאָלט פֿלעגען זיין די ברייט־זיידענע

קליידער, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען פון אויבען שמאָל און זיינען
וואָס ברייטער אראָבגעגאַנגען, אַזוי, אז די יודענע האָט אויסגעזעהען,
אַז זי וואָהנט אין דער קלייד מיט אַ האַלב טוץ קינדערלאך. מען פלעגט
זיך ליעב האָבען צו סטראָיען אין קאָראָנקעס, ירושות פלעגט מען זיך
איבערלאָזען פון מאַמע צו טאָכטער, רעכטע קאַלישער קאָראָנקעס. יעדעס
קאַפּטאַנדעל איז ארום די ארבעל און ביים האַלז־מויל געווען בעהאפּטען
מיט ברייטע, זיידענע קאָראָנקאָווע פריזקעס. און אויפ'ן קאָפּ אַזאַ מין
האַלב קאַפּעלושעל, צוויי בלימלעך אויפגעצויגען אויף צוויי דראָטען,
אויפגעפּוצט אויף דער הויך, און ארומגעהילט מיט א טערקישען טוך,
וואָס מען פלעגט זיי רופען „שול־טיכער“. יונגע ווייבלעך פון דער היינ־
טיגער וועלט פלעגען טראָגען קראַגענדלעך אויף די העלזער מיט לאַנגע
צוויי שפּיצען און פערבידען מיט א לייפּציגער זיידען שאַלעבעל, און די
צוויי אויסגעהאַפּטענע שפּיצען פון שאַלעבעל זיינען געווען פערשלייפט
אין אַ ברייטען שלייף איבער'ן האַרץ. דאָס פלעגט זעהר פּאַסען און
פעראיידלען דאָס ווייבליכע געשלעכט. און אויף דעם גלאַטען שייטעל
אַזאַ מין קאַפּעלוש פון שווארצע קאָראָנקעס מיט אַ לאַנגע, שווארצע פּע־
דער, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט זיידענע צוויי בענדער איבער'ן
האַלז. מיידלעך, אָנגעטהון שוין אין די שבת'דיגע אָבגעגלאַנצטע קאַ־
מאַשלעך, איינגעוויקעלט אין פערשוילען, אין די ווייסע אונטער־קליי־
דער, שטעהען אין די טהירען, אין די פענסטער איבער דער גאַנצער
גאַס און מען קוקט נאָך. די אויסגעפּוצטע פּיהלען, אַז זיי געהען אויפ'ן
פּאַראַד, געהען זיי פּאַמעלאך, מיט אַ „מינעלע“ און „חן'דעל“, ווייסען,
אז הונדערטע אויגען קוקען יעצט אויף זיי, בעטראַכטען אַלע זייערע
מינעס, יעדע בעוועגונג, און אַלץ, וואָס איז אויף זיי, ווערט אָבגע־
וואָויגען און אָבגעמאָסטען אין הונדערטע מיילער... די יונגלאָך פּאָר־
אויס, טראָגענדיג דער מאַמע, אָדער דער מוהמע דעם סדור'ל מיט דער
תחינה, פערבונדען אין אַ נאָז־טיכעל. עס האָבען זיך געלאָזט יודען,
בעלי־בתים, אין שבת'דיגע קאַפּאָטעס, אין ריינע שטיוועל, מיט די קעל־
נער פון די געוואַשענע העמדער. טייל אין טלית אָנגעטהון, נאָך טייל
האָבען די יונגלאָך די טליתים מיט די חומשים נאָכגעטראָגען. עס האָ־
בען זיך געלאָזט חסידים אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך און
ווייסע געפּרעסטע קראַגענדלאך מיט זיידענע שניפּסלעך (וועלכעס האָט
צו־ווייסען גענעבען פון בעל־הבית'ישקייט אין דער־היים) טייל אין מקוה,

טייל פון דער מקוה. די גאַס איז וואָס אַמאָל בעלעבטער געוואָרען, היימישער און שבת׳דיגער, די זון האָט זיך ליכטיג צוגאָסען איבער׳ן הימעל, אַ פרישע, אַ ליכטיגע, אַ נייע אָנגעקומען אויף שבת. און זי האָט בעגאָסען מיט ליכט איין רייהע הייזער, און די צווייטע זייט איז אין שאָטען געלעגען. און אויף די בלעטער פון די בליהענדע בוימער פאר דער טהיר האָט זיך נאָך דער נאַכט־טוי אויפגעהאַלטען.

נאָר די שול איז נעבאך געשטאַנען וויסט, אַ חורבן, און ארומגע־צוימט מיט ברעטער, אַ קבר פון אַ שול... און די איינציגע וואנד, וואָס איז נאָך שטעהן געבליבען נאָך דער שרפה — אַ „כותל מערבי“, אַ מצבה אויף אַ שול. — און יודען געהען דורך, קרעכצען און געהען דאַוונען אין בית המדרש אריין.

אין בית־המדרש האָט מען שוין געדאַוועט. דער שול־חזן האָט זיך אָנגעגרייט נייע „שטיקלאך“ פאר׳ן עולם, וואָס קומט צום רבי׳ן. דער חזן, ארום די משוררים, די יונגלאך, די קוויטשערלאך, וואָס אַ גאַנץ יאָהר טהוען זיי זיך אין די גאַסען ארומוואַלגערען, קיינער קוקט נישט אויף זיי, היינט מיט איין מאָל זיינען זיי גרויס געוואָרען, מאַכען פרעה־לאך, מאַכען וויינען דעם עולם, און טראָגען זייער געבעט אין הימעל אריין... ביי דער טהיר שטעהען די „מבינים“, דער הענטשקע־מאַכער מיט׳ן געשווירען בערדעל און חברה, און „קריטיקירען“, דרעהען מיט די נעז פון צייט צו צייט, טאַפּען מיט די פיס, פערהאַלטען זיך די אויגען, און מיט אַ מאָל גיבען זיי אַ פערדרעה דעם קאָפּ, האָרכען זיך איין: אָט... אָט!... ר׳ יחזקאל מיט׳ן חתן זיינען געקומען אַ ביסעל שפּעט־ליך, נאָר עס פּאַסט אַזוי פאר אַ חתן, פאר אַ חסיד. מען האָט איהם מכבד געווען מיט מפטיר. וויבער האָבען פון דער ווייבערשער שול אַראָבגעקוקט און איינגעהאָרכט זיך, ווי דער חתן זאָגט דעם „מפטיר“.

נאָכ׳ן דאַוונען האָט ר׳ יחזקאל אהיימגעבעטען דעם עולם אויף „קדוש“. אַלע בעלי־הבתים האָט מלכה׳לע פערהאַלטען אין אַ צווייטער שטוב זאָלען איבערוואַרטען די פיש ביז חסידים וועלען קומען. איז געקומען עוזר׳ל מיט ר׳ יצחק יודעל׳ס און מיט זייערע מענשען, מען האָט אָנגעהויבען צו כאַפּען, צו רייסען, נישט געוואוסט נישט ווען, נישט וואו, אוועקגעשטופּט די בעלי־הבתים (די אָנגעהאָרעוועטע יודען זיינען איינציגווייז אנטרינען געוואָרען...) חסידים האָבען אַ גרויס גערודער גע־מאַכט, אַלע אין איינעם, יונג און אַלט, געשטופּט, געשטויסען זיך,

אויסציהענדיג די הענד געכאפט וואס מען האט דערלאנגט צום טיש. מלכה׳לע האט גאר געקוואלען פון נחת: אין איהר שטוב חסידים, למדנים, ווי עס לעבט, ר׳ יחזקאל איז אליין אויך א חסיד געווארען. חסידים האבען איהם געכאפט אין קאן אריין, געקלאפט איהם אין די פלייצעס. מען האט אנגעהויבען צו זינגען, עס איז פרעהליך געווארען. מלכה׳לע האט געטיילט פיש. דער עולם האט זיך געזעצט צום טיש, פון די גאנצע שטאדט האט מען אנגעהויבען צו ברענגען פאר׳ן חתן „קוגעל״: „די מאמע שיקט קוגעל פאר׳ן חתן״ — האבען די מיידלעך געזאגט, אריינברענגענדיג עפעס אין א טעלער, פערשטעלט מיט א צוויי־טען און מיט א סערוועטעל ארומגעהילט.

— א שעהנעם דאנק, זאגט די מאמע, אם ירצה השם, אז דיין חתן וועט זיצען ביים טיש, וועט מען מיט פלאשען וויין אבשיקען — האט געקלונגען די אנטווארט פון דער בעל־הבית׳טע.

דער טיש איז געווארען פערשטעלט מיט פערשיעדענע קוגלען, און לויט די קוגלען האט מען דערקענט די בעל־הבית׳טע פון דעם קוגעל. „א בעל־הבית׳ישער לאקשען קוגעל״ — פון אן אלטען בעל־הבית, וואס פיהרט זיך אויף׳ן אלטען שטייגער. „א געלייגטער קוגעל״ מיט א סך ראזשענקעס און געפילעכטס — פון א היינטוועלטיגער „מאדאם״, א האלבער שטראדעל שוין. „א טרוקען־מעהליגער קוגעל״, גוט דורכגע־פרעגעלט מיט שמאלץ, מיט ווינציג ראזשענקעס, נאר א סך פעפער — פון א חסידישען טיש קומט ער אראב....

---

אין דער גאס איז לעבעדיג, פרעהליך, דער עולם זיצט נאך ביי די טישען, פון טייל פענסטער הערט זיך דער יום־מנוחה — טייל בעלי־בתים זיינען איינגעשלאפען אויף די סדורים, ביי׳ם בענשען. דער יונגער עולם, אדער די חדר־יונגלעך, גנב׳ענען זיך אוועק פון טיש, לויפען ארויס פאר׳ן בענשען אויף דער גאס ארויס, ארויף דעם בארג, וואס איז הינטער דער שטאדט, שפאציערען מיט מיידלעך...

און דער שבת איז אויף׳ן בארג, דאס שטעדטיל שלאפט זיך גע־שמאק, אונטער דער מאמעס פארטוך — די מנוחה פון שבת. און חדר־יונגלעך האבען זיך אויף דעם בארג פערקליבען, אויף דעם שפיץ בארג שטעהען יונגען און קוקען דורך די פויסטען אויף׳ן שטעדטעל, מרגלים הייסט עס, „שפירען אויס״ דאס „ארט״ מיט שפאקטיוועז, בארג־אראב

גליטשען זיך יודישע קינדער איינס נאָכ'ן אנדערען, איינס נאָכ'ן אנ־דערען, און צורייבען די שבת'דיגע קאַפּאָטקעלעך מיט די שבת'דיגע שטיוועל. ווייבער געהען שפּאַציערען אויפ'ן וועג, פאַר'ן בארג, און שטעלען זיך אָב, שרייען אויף דעם בארג ארויף: נחום, די שבת'דיגע קאַפּאָטע! חיים, געהסט אראָב, דו געהסט? חברה הערען נישט און גלי־טשען זיך ווייטער איינס נאָכ'ן אנדערען בארג אראָב. באלד שרייט א יונגעל: דער רבי געהט, דער רבי! און חברה מאַכען פּליטה, ווייט אוועק....

און דאָרט ווייט, אונטער'ן בארג, ציהט זיך דער וועג אוועק, אָט ווייזט זיך דאָס וואסער'ל, וואָס טיילט דאָס שטעדטיל דורך, דאָרט איז די וואסער־מיהל, דאָס ראָד קלאַפּט אין וואסער, און עס פּאַטשט פון דערווייטען, און דאָרט, נאָך דער וואסער־מיהל, געהען בית־המדרש־בחורים ווייט אויפ'ן וועג שפּאַציערען...

---

נאָכ'ן טיש ביי ר' יחזקאל'ן. ר' יחזקאל, ווי דער דרך פון א בעל־הבית אום שבת, איז ארונטערגעקראָכען אונטער דער דעק, מלכה'לע האָט אויך דאָס זעלבע געטהון.

לאה'לע, אָנגעטהון אין א שבת'דיגע קליידעל און א ווייס שירצעל, איז אריין אין סאַלאָן און, ווי א היינט־וועלטיגע כלה, האָט זי זיך ביים פענסטער אנידערגעזעצט, לעזען א מעשה־ביכעל. „ער" האָט זיך אי־בער'ן סאַלאָן געדרעהט אהין און צוריק, שוין א ביסעל מעהר דרייסטער, צוגעוואוינטער. מען האָט זיך געפּיהלט „אונזער", חאָטש מען האָט נאָך קיין רעכט וואָרט צווישען זיך נישט געהאַט גערעדט. זי האָט ווייטער געלעזען, און זיין „אנוועזענהייט" האָט שוין נישט געשטערט, נישט גע־שעהמט; מען האָט זיי דאָך פאַר חתן־כלה געמאַכט. זי האָט גאָר־נישט גערעדט, נאָר געפרעהט זיך, אינווענינ האָט עפּעס געפרעהט אין הארצען: עס איז א יהר, פאַר א יהר א חתן'דעל. און זי האָט אין הארץ זיינע טריט געצעהלט. זיי האָבען ס'מאָל נישט געקוקט אויף זיך, טייל מאָל האָבען זיי פון זיך די אויגען נישט אראָבגענומען, מען טאָר דען נישט? נאָר רעדען האָבען זיי נישט געהאַט וואָס צו רעדען, זיינען זיי שווייגעדיגערהייט אין שטוב געווען.

— וויל אברהם'לע אפשר זאָדע־וואסער טרינקען? — האָט זי איהם פלוצלונג א פרעג געטהון, שוין דרייסטער א ביסעל.

— א שעהנעם דאנק, — האָט ער איהר אָבגעענטפערט. און איהר קול האָט פאר איהר אָבגעקלונגען, איהר קול, זי איז דאָך שוין מיט איהם א שטיקעל משפחה, וואָס, ניין?

האָט זי איהם א גלאָז זאָדע־וואסער דערלאַנגט, פאר איהם אַנידער־געשטעלט, נעהענטער צוגערוקט, האָט ער דאָס גלאָז אין דער האנד גע־נומען, און האָט הויך א ברכה געמאכט. האָט זי געפיהלט, ווי די ברכה געהער זיך שוין מיט איהר אָן, האָט זי אין דער שטיל „אָמן" אָבגעענט־פערט. איז איהר עפּעס אזוי גוט געווען, ווי זי וואָלט בשותפות מיט איהם די ברכה געמאכט...

זיינען זיי ווייטער שטיל געוואָרען. ער האָט זיך ווייטער אין דער שטוב געדרעהט אהין און צוריק. ער האָט איהר געוואָלט דערצעהלען די מעשה פון לאָוויטשער בחור, פון זייער בית־המדרש, האָט ער זיך דערמאָנט, אז זי איז א מיידעל, פון וואנען ווייסט זי פון אזעלכע זאַ־כען? האָט זי איהם געוואָלט דערצעהלען פון איהרע חבר'טעס — איז ער א יונגעל. האָבען זיי גאָר נישט געהאט וואָס צווישען זיך צו רעדען. זיינען זיי ביידע שטיל געשווינען, נאָר געפיהלט, אז עס איז זיי גוט אין איינעם, עפּעס זיינען זיי זיך ביידע חתן־כלה, און ווייטער — פּטור...

און פון דרויסען האָט די שבת־זון דורכ'ן אָפענעם פענסטער אריינ־געשיינט, ארויפגעגאָסען ליכט אויפ'ן שויבען־שענקעל און האָט בעלויכ־טען די זילבערנע לייכטער מיט די גלעזער. פון אָפענעם פענסטער, פון וואנען דער פולער בוים בלעטער שאָקעלט זיך אריין, האָט זיך געהערט דאָס געלעכטער, דאָס ארומלאָבעסען פון די יונגען, וועלכע זיצען אויף דער באנק פאר זייערע פענסטער, און דאָ, און דאָרט שפּאַציערען אויס־געפּוצטע מיידלעך אין דער גאס און ווארפען אריין אויגען אין פענסטער און ווילען כאפּען א בליק אויף לאה'לעס חתן.

פלוצים קומט אָן אַן „אַנקומעניש", א געלויפיג געשריי הילכט פון דערווייטען; אין דער גאס ווערט א געלויף, מען כאפּט זיך פון די בענק אויף, און מען לויפט ערגעץ־וואו אין געסעל אראָב. פון די ארויסגע־נייגטע לייכעלער, וואָס הענגען איבער די פענסטער, ווייזען זיך שלאָף־מיצען; אויף שוועל און טהירען ווייזען זיך ווייסע ספּאָדניצעס, קעפּ אין טיכער פערהילטע, און מען קוקט.... און דאָס געלויפעניש, שווארצע קעפּ, ווייסע האלקעס, קינדער, יונגלעך, מיידלעך, איינער נאָכ'ן צווייטען — קומען אָן נעהענטער אין געסעל אריין. צוהיצטע יונגלעך, פון

די פּנים׳לאך גיסען זיך אנגסטען ישוויס, קומען אַן פּאַראויס צו לויפען פון געלויפעניש, שרייענדיג הויך: „געכאַפּט, געוואלד, מען האָט זיי געכאַפּט!" די „לויה" קומט אַן אין דער גאַס. אין מיטען דער קעפּי־גער מאַסע יודען און ווייבער פיהרט מען ר׳ יחזקאל׳ס פּערדס־יונג — נאָטען, אוי! דאָס זעלנערישע היטעל אונטערגעריסען! אויסגעריסענע האָר, רויטע, אויסגעריסענע אויערען, און ווער עס האָט אַ האַנד, אַ פוס, פּאַטשט, קלאַפּט, צופּט. און ער האָט זיך אָבגעגעבען אַ קרבן תם׳עוואַ־טע, ווי ער וואָלט אליין נישט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז. פון דער צווייטער זייט — יענטע׳לען, מלכה׳לעס דיענסט. דאָס טוך ארונטער־געריסען, די האָר צופּלאָשעט, דער קאַפּטאַן צוריסען, זי בעהאַלט דאָס רויטע פּנים צווישען די רויטע, גראָבע הענד. אַ יודינע געהט נאָך נאָך איהר און קלאַפּט איהר נאָכאַנאַנד מיט די פויסטען אין קאָפּ אַריין: „נחת האָב איך דערלעבט פון דיר, נחת!" און מען פיהרט דאָס פּאָר־פאָלק פאַר יחזקאל׳ס פענסטער. און די גאַנצע גאַס אין איין קול: „געכאַפּט, געוואלד, געכאַפּט!..." ר׳ יחזקאל כאַפּט זיך אויף אין דעם שלאָף־ראָק מיט די לאַצען און געהט אַרויס: פּאַטשען!...

— געוואלד, אַן עברה!

אונזער „חתן" „כלה" האָבען זיך פאַר בושה בעהאַלטען, וואו דער פּעפער וואַקסט...

---

דאָס געסעל נאָכ׳ן מיטאָג האָט געלערענט. פון יעדען פענסטער זיינען אנדערע קולות אַנגעקומען צושווימען. ר׳ יחזקאל, ווי אַ יוד אַ בעל־הבית, האָט זיך פּשוט אנידערגעזעצט, ווי זיין שטייגער, צוערשט די סדרה אָבגעלייענט, דערנאָך האָבען זיך אַנגעהויבען די אייניקלעך צו שיטען, ר׳ יחזקאל האָט פערהערט די סדרה, די באָבע האָט געטיילט שבת־אויבס, אַ באַרנע מיט אַן עפּעל און אַ האַנד אָגרעס, און האָט גע־קוואָלען פון נחת.

דער חתן איז געזעסען און געלערענט פון דער צווייטער זייט טיש, הויך, הויך, אויפ׳ן קול, אין דער לאַנגער גמרא, גערעדט צו זיך, גע־קריגט זיך מיט זיך, און זיך אליין איבערגעבעטען. באַלד האָט ער זיך גענעבען אַ לאָז אוועק, און ערגעץ־וואו פערבלאָנדזעט געוואָרען, און וואָס אַמאָל זיך טיעפער און טיעפער פערטיעפט. ר׳ יחזקאל איז פער־שעהמט געוואָרען מיט זיין אָרים חומש פאַר דער גרויסער גמרא, פאַר

דער הייליגער גמרא... אין זיין שטוב, אונטער זיין אָרימען באַלקען קריעגען זיך ארום אזעלכע גרויסע תנאים „אביי און רבא“, ווי שעהן איז דאָס, ווי גוט איז דאָס!

פאר דער טהיר זיינען געזעסען אויף די שטוהלען מלכה'לע מיט דער מחותנת'טע, די שנור און די טאָכטער, אין זיידענס, אין סאמעטען, אין די גאָלדענע קייטען, און האָבען זיך אין די גאַס צוגעקוקט צו די שפּאַציערענדע.

און די זון ציהט זיך פּאַוואָלע מיט רוהיגע, שבת'דיגע טריט ארונטער אונטער'ן שטעדטעל. יודען געהען אהיים שלש־סעודות עסען, געהען צוזאמען און שמועסען צווישען זיך. עס געהען די ווייבער שבת'דיג אָנגעטהאָן מיט קינדערלעך, קינדערלעך און קינדערלעך אָהן עין־הרע.... וואָס רייסען די מאַמעס ביי די פּארטיכער: „שבת־אויבס!“ „שבת־אויבס!“ די ווייבער מאכען זיך נישט הערען (שפּאַציערענדיג רוהיג), און פון אָפענעם פענסטער קלינגט ארויס דעם חתן'ס קול און מאכט זיך ברייט זיין וועג, און פער'שבת'ט דאָס געסעל; די דורכגעהענדע שטעלען זיך אָב אויף א ווייַלע: דער חתן לערנט! דער חתן לערנט!

לאה'לע האָט זיך אין דער שטיל מיט איהר גאָלדענע קייט געשפּיעלט: איהר חתן לערנט, א י ה ר ח ת ן....

ס'איז שוין פינסטער געוואָרען. דאָ און דאָרט האָט שוין פון די פינסטערע פענסטערלעך ליכטלעך אָנגעהויבען ארויסצודרינגען און בעלויכטען דאָס פינסטערניש וואָס איז אין שטוב. פון גאַנץ ווייט קומט אין געסעל אָנצושווימען א פערגעסענער ניגון, זינגענדיג ביי'ם רבי'נ'ס טיש צו „שלש־סעודות“, און שווימט דורך דאָס געסעל אין אַן אַנדערע וועלט אריין. א בענקעניש פון בעהאַלטענע פעלדער האָט געטוליעט דאָס געסעל. געוועלבלעך האָבען זיך געעפענט, און יאו נישט וואו און ווען נישט ווען איז אַ יודינע אין א טוך איינגעהילט דורך דער גאַס דורכגעלאָפען מיט א שטיל געוויין: „געוואלד, מיין מאַן איז מיר אוועקגעפאַלען!“ טייל זיינען געלאָפען אין דער אַפּטייק אריין נאָך זאָדע־וואַסער, טייל צום רופא נאָך דער ווארים־פלאַש, און דאָס „ווייבערישע יודעל“ איז פון שטוב צו שטוב ארומגעלאָפען מיט'ן שמעק־פלעשעלע....

א שרעק איז דורכ'ן שטעדטעל דורכגעלאָפען, ווי דער מלאך־המות וואָלט מיט זיין פליגעל אין אויער געפּאַכעט, מען האָט עס מורא

געהאט מיט׳ן מויל איבערצו׳חזר׳ן. אין הארץ האָט עס געשניטען.

— די ח"אָ"ל — —

און די לבנה האָט זיך געמאכט אַ וועג צווישען די טונקעלע וואָל־קען און איז ארויסגעשוואומען אזוי גוט, הערצליך, אזוי „גוט־וואָ־כענדיג"....

דאָ און דאָרט זיינען קופּקעלעך יודען געשטאַנען און האָבען די לבנה מחדש געווען...

און ערגעץ־וואו ווייט האָבען די זשאַבעס אין וואסער געקוואַקטשעט, אָבער ווער ווייסט זיי דאָרט, וואָס דאָס זיינען פאר אַ לייט?...

# IX.
# ראש הודש אלול

דערווייל זיינען אָנגעקומען די אלול טעג אין שטעדטיל אריין.

געבערענגט האָט זיי צופיהרען דער וואָלען יוד, וואָס ווייזט זיך יעדעס יאָהר אין „די טעג" אין שטעדטיל...

איין גאָט ווייסט, פון וואנען ער איז אָנגעקומען און ווער ער איז. דער ערשטער ווינטער־שליח איז ער געווען.... אין „די טעג", ווען די בעל־הבית'טעם זיצען פאר דער טהיר נאָכ'ן אָנבייסען און טיילען די קינדער צווייערס אין חדר אריין, די זון בעזוכט נאָך דאָס געסיל, אָבער זי וואַרימט עס שוין נישט — בעווייזט ער זיך פּלוצלונג, דער „וואָלען־יוד". ער האָט געמוזט אָנקומען פון ערגעץ־וואו ווייט, וואו עס מוז איצט ווינטער זיין, וואָרום ער טראָגט טיעפע קאלאָשען, מיט קלעמבען וואָל אונטער'ן אָרעם, וואָלענע זאָקען צו שטריקען. א קליינער, א דאַר־רער איז ער, און טראָגט אין די גרעסטע היצען א דיקען וואָלענעם שאַל אויפ'ן האלז, א זכר פון ווינטער, א יוד מיט א סוד, וואָס דער ווינטער, דאכט זיך, האָט איהם אין שטעדטיל געשיקט, — אָנזאָגען עפּעס. און דערזעהט מען איהם פּלוצלונג אין שטעדטיל, גיט עס א קלאַפּ אין האר־צען, און עס ערוועקט זיך א הרהור תשובה...

דער ערשטער ווינטער־פויגעל.

און נאָך איהם האָבען זיך אין שטעדטיל אָנגעהויבען צו ווייזען אַזעלכע מיני אורחים, וואָס מען האָט זיי א גאַנץ יאָהר נישט געזעהען, אורחים מיט זשיוונע היט, מיט לאַצען און קאַפּעטעס, געשניטען מיט א שניט פון א פרעמד לאַנד. אורחים מיט פּעקליך ציצית, מיט פער־שיעדענע קמעות, און קינ־הערשע ביינדלעך, וואָס האָבען צו וויסען גע־געבען, אז ערגעץ ווייט־ווייט איז פאראן א וועלט, זיינען פאראן יודען... און דער וועג מיט די טאָפּאָלען פיהרט אריין, פיהרט ארויס, אונזער שטאָדט אין דער וועלט אריין און פון דער וועלט ארויס... אורחים אין

ביידלעך מיט „בלינדע יתומות", מיט יודען אויף קלעצלעך, מיט וויסטע עגונות; יודען אַרענטליכע מיט שעהנע בערד; נשרפים מיט כתבים אין די הענד. עס זיינען אָנגעקומען גרים אין שטעדטיל, יודען מיט גוי'שקע פּנים'ער, אָדער גוים מיט יודישע סדורים'לעך; האָבען דערצעהלט פון זייערע טאַטעס, אז זיי זיינען גראַפען און גענעראַלען, און זיי האָבען ליעב געקראָגען די יודישע אמונה, צוליעב איהר אַלעם אַוועקגעוואָרפען, און האָבען זיך גרויסערהייד געלאָזט מל זיין. יודען האָבען עפּעס אין הארץ פאר זיי מורא געהאַט: יודען און דאָך נישט קיין יודען....

אין בית־המדרש־געסיל איז היימליך געוועזן; מוכר־ספרים'ניקעס מיט ביידלעך זיינען אָנגעקומען צופאָהרען, מיט פערשיעדענע ספרים, תחנות'לעך און סדורים'לעך, וואָס שמעקען פון ווארשוי, פון בערדיטשעוו און פון „רייסען" אויך. די חדר־יונגלעך האָבען פון די פערדס עקען געריסען האָר, געפייניגט די פערדלעך און אויפ'ן וועג ארויסגעפיהרט צו רייטען אויף זיי. די מוכר־ספרים'ניקעס האָבען אין בית־המדרש געוואוינט, הינטער'ן קאַסטען שמות, און טיי זיך געקאָכט ווען יודען דאַוונען. זיי האָבען אויף לאַנגע טישען די ספרים פערשפּרייט, יונגלעך האָבען פון די מאַמעס טאַשען געריסען אויף סדורים'לעך, אויף ספרים'לעך, און וועלכע יודישע מאַמע וועט דעם ביסען פון מויל נישט אָבשפּאָרען און איהר יונגעל אויף א ספר'ל, אויף א סדור'ל א פּאָר גראָשען נישט געבען?...

זיינען אָנגעקומען אין שטעדטיל אריין פערשיעדענע קראַנקע צום רבי'ן צופאָהרען: א יוד מיט א דבוק, וואָס קרעהט פון איהם א האָהן ארויס; א ווייבעל מיט א בויך־קוויטשער; פערשיעדענע יודען מיט פערשיעדענע חלאים, יעדער מיט אַן אנדער פּעקעל; און פּלוצלונג — נאָך איינער, א דין־תורה האָבען מיט א געשטאָרבענעם, וואָס לאָזט איהם נישט ביי נאַכט רוהען, און קומט איהם רופען צום בית־דין של־מעלה; דאָס גאַנצע שטעדטיל קומט זיך צולויפען, הערען דעם טויטען רעדען פון הינטער דעם פאָרהאַנג.

און אויף די אורחים ליגט עפּעס א שטויב פערשפּרייט, א שטויב פול מיט בעהאַלטענע סודות, דער שטויב, וואָס ליגט איבער אַלטע, הייליגע ספרים, און עס דאַכט זיך, אז עס איז ערגעץ וואו פאראַן א יודישע וועלט, א יודיש לעבען, א גרויסער יודישער בית־המדרש און דאָס גאַנצע יודישע פאָלק לעבט אין א גרויסען קאַסטען שמות, בעהויכט מיט הייליגקייט

גען שטויב, און אויף דעם ליגט אויסגעגאָסען דאָס יודישע חנ'דעל — דאָס יודישע היימליכקייט, בענקעניש....

---

א שעהנער, העלער טאָג. די ווייבער זיצען ארום די שוועלען פאר זייערע טהירען און שטריקען זאָקען און מאַטלען גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין. פון ערגעץ וואו א הויף שווימט אין מארק ארויס דאָס קול פון קליינע קינדערלעך, וואָס זיצען אין חדר און לערנען די הייליגע תורה, און א יודענע דערמאָנט זיך וואָס אין דער תחינה שטעהט געשריבען: „אין זכות פון די קליינע, אונשולדיגע קינדערלעך, וואָס האָבען נעטהון די העלזלעך אויסשטרעקען...“ די זון זעהט מען שוין נישט אזוי אין הימעל אָן ווי אויף דער ערד, די שטראהלען בלאָנדזען אין מארק ארום לאַנגווייליג, ווי אונגעבעטענע געסט — און פלוצלונג דערהערט זיך א שופר בלאָזען. דאָס קול ציטערט אין דער לופט פון שטעדטיל און פערציטערט קליין און גרויס.

זיינען די ווייבער פאר די שוועלען פון זייערע הייזער געזעסען; און דאָרט איינע האָט זיך איהר ווים שלייפעל, איהר ראש־חודש־אלול־בלימעל אויפגעציערט, זיינען פוהרען פאר די טהירען אָנגעקומען צופאָהרען, און ווייטע מוהמעס, ווייטע שוועסטער־קינדער, וואָס זיינען ערגעץ אין דער פרעמד, זיינען אָנגעקומען מיט זייערע טיכער און שערעמעס אויף קבר־אבות, אויפצוזוכען זייערע טויטע טאַטעס, זייערע טויטע מאַמעס, אויפ'ן אַלטען בית־הקברות.

און דאָס בית־הקברות ליעגט אויסגעשפרייט א גאַנץ יאָהר אויפ'ן באַרג, בעהאַלטען איז יעדע מצבה הינטער איהר בוים. א נשמה הינטער א בוים, — און אַלע קוקען זיי אין שטעדטיל ארונטער. יעדער רב פון זיין דור אין די סביבה פון זיינע בעלי־בתים פון זיין צייט אויף אַן אַנדערען פונקט פון „גוטען אָרט“. קום, לאָז מען צעהלען די דורות, די טאַטעס פון שטעדטיל! טייל נעמען פון די געשטאָרבענע הערען זיך נאָך צווישען די לעבעדיגע. ווער עס האָט זיין נאָמען איבערגעלאָזט אויף שטיינער און העלציער, ווער אויף א געסיל און ווער אויף א הויף: „ר' יוחנן'ס“, „ר' משה'ס הויף“, און נייקאַזמער בויט זיך אויף נייע הייזער און עס שטעהען אויף נייע בעלי־בתים... שטיל איז אויפ'ן בית־עולם. פון ערגעץ הינטער א מצבה, וואָס איז פערוואָרפען הינטער'ן פלויט, מיאַנטשעט א בייזע קאַץ ארויס, פון ערגעץ וואו שיקט

א משוגענער הונד זיינע שטאָהל־קאַצענע אויגען אהער. דער שטאָדט־בכור מיט זיין האַרעם ציגען בעלעקען די מצבות, און א שטילער, בייזער ווינד קלאַפּט די צווייגען פון די בוימער. דאָרט און דאָ זיינען לעבע־דיגע פערבאָרגען צווישען די מצבות און א שטיל געוויין געהט אויף פון צווישען דעם הויכען, ווילדען גראָז, וועלכער פערשפּרייט זיין בית־הקברות־געשמאַק און מען ווייסט נישט, צי דאָס געוויין קומט פון די טויטע אָדער פון די לעבעדיגע... דאָרט פּיהרט חנה־אסתר — די בית־הקברות־יודענע, די עלטעסטע פון דער שטאָדט — א ווייבעל, און ווייזט אָן איהר, וואו איהר פּאָטער'ס ביינער רוהען. און דעם חזנ'ס „קווי־טשערלעך", צווישען איין „אל־מלא־רחמים" און דעם צווייטען, קלאַפּען אָב פון די הויכע בוימער די קליינע עפּעלעך, דאָס וואָס קעהר זיך פון קהל אָן צו זיי....

---

און דענסטמאָל איז אָנגעקומען דער ארץ־ישראל־איד נאָך דעם ארץ־ישראל־געלד, וואָס איז געווען אין די פּושקעס, וואָס האָבען געהאָנ־גען אויף די טהירען ביי די מזוזות אין יעדען יודישען הויז, און וואוהין יעדע מאַמע האָט צו ליכט־צינדען אריינגעלעגט „ליכט־געלד".

ווי א שאָטען איז ער אָנגעקומען. א הויכער, דאַרער יוד מיט א בלייך יום־כפּור'דיג פּנים, און וואָס אין זיין הויכען, געקנייטשטען שטערן איז געווען א טיעפער סוד אויסגעגאָסען. דער סוד, פאַר וואָס מיר זיינען אזוי לאַנג אין גלות... דער סוד, ווען משיח וועט קומען... א יוד פון יענע יודען, וואָס מיר גלויבען, אז זיי זיינען ערגעץ־וואו דאָ, נאָר מיר ווייסען נישט וואו; א יוד פון יענע יודען, וואָס דערזעהענדיג זיי, דערמאָנען מיר זיך אָן עפּעס... א פערבאָרגענע געטריישאַפט וועהט אין אונזערע הערצער, און מיר פיהלען זיך, אז מיר געהערען צו וועמען...

אָן ארץ ישראל־יוד אין א ווייסען, אַטלעסענעם כאַלאַט מיט לאַנגע שוואַרצע פּאות. ער זיצט אין בית־המדרש, אין א בעהאַלטען ווינקעלע, ארום איהם האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען א פּאָר אַלטע יודען, ר' משה דוד „שמות־יוד", וואָס האָט אויף זיך גענומען די מצוה די שמות אויפ'ן „גוטען־אָרט" מקבר צו זיין. ר' ישעיה וואָלף, ר' נאָטע, די וואָס זיצען אויף דער עלטער אין בית־המדרש; אַלטע בעלי־בתים פון דער חברה תהילים, משה רבינו'ס לייב־גוואַרדיע און דוד המלך'ס גוטע פריינד. זיי האָבען שוין לאַנג אין דער־היים תכריכים אָנגעגרייט, מיט זעקלעך ארץ־

ישראל־ערד. און די אלטע יודען הארכען אוים וואס דער ארץ־ישראל־יוד דערצעהלט פון דער אלטער מאמען.

יודען קוקען אויף איהם. אין די קנייטשען פון זיין קאפאטע האלט זיך ארץ־ישראל־שטויב אויף, דער שטויב וואס וועהט איבער די הייליגע קברים, איבער די מאמע רחל׳ס קבר. און דאס האלט אין זיך אויף א שטומען, ליעבען סוד, פון ווייט...

פון זיין פעקיל האט ער שטיקלעך קאלך ארויסגענומען, וואס ער אליין האט אבגעקרישעלט פון דעם כותל המערבי: „אליין דארט געוועז, מעריב מיט א מנין יודען געדאווענט." יודען נעהמען די קרישקעלעך קאלך אין האנד אריין, טהוען זיך אן די אייזערנע ברילען, און בעטראכטען: שטיקלעך קאלך פון דעם „כותל־המערבי", פון בית־המקדש. פון בית־המקדש איז דאס, דאס שטיקעל קאלך, פון דענסטמאל נאך... דעם כהן גדול געזעהן, געזעהען יודען עולי־רגל זיין, קומען אן מיט קרבנות קיין ירושלים....

פון זיין פעקיל נעהמט ער ארוים ערד. ערד פון דער מאמע רחל׳ס קבר. דארט געווען, אויפ׳ן וועג קיין אפרת, ווי עס שטעהט אין חומש, וואו יעקב אבינו האט אונזער מאמע רחל׳ן בעגראבען, אויפ׳ן וועג קיין בית־לחם, פון קבר האט ער ערד אראבגענומען.

און יודען בעקוקען די ערד פון די אלטע קברים, פון דער מאמע רחל׳ס קבר, וואס יעקב אבינו, אונזער טאטע יעקב, האט מיט זיינע אייגענע הענד בעגראבען...

און א שטימע זאגט אין הארץ:

ואני, און איך האב נישט אזוי געטהון, בבואי מפדן, — און אין מיין טהון קומען פון פדן, מתה עלי רחל — איז דיין מאמע רחל אויף מיר געשטארבען, בארץ כנען — מיינט מען אין ארץ־ישראל, בדרך — אויפ׳ן וועג, בעוד כברת ארץ — עס איז נאך געוועזן א תחום־שבת, לבוא אפרתה, — אריינצוקומען קיין אפרת, ואקברנה שם: זאגט רש"י: און דאך האב איך זי נישט אריינגעבראכט קיין אפרת, אז איך זאל זי בעגראבען אין ארץ־ישראל; ביזטו דאך בייז אויף מיר; זאג איך דיר, אז עס איז געוועזן על פי הדבור: אז נבוזראדן וועט יודען אין גלות־טרייבען, וועט די מאמע רחל פון קבר ארויסגעהן, און בעטען פאר זיי רחמים, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: „קול ברמה נשמע". וועט גאט זי טרייס־

טען, ווי עס שטעהט אין פסוק: ויש שכר לפעולתך: עס איז דאָ א בעַ־לוינונג צו דיין מיה..."

און די אַלטע, תהלים'דיגע, בעלי־בתים האָבען זיך פערבענקט... און וואו נישט וואו און יוען נישט ווען האָט א טרעהר־טראָפּען אויף דעם ברילען־שייבעל געקאַפּעט...

---

עס איז געוואָרען פאַרנאַכט. פון אַן אַנדער לאַנד האָט א קאַלטער ווינד געוועהט אין גאַס. דאָרט און דאָ האָט זיך אַן אַלטער בעל־הבית געוויזען אין זיין ווינטער־פּאַלטאָ; ווינטער שוין געמאַכט, מיט אַן אָראַבנעלאָזטען קאָפּ אין בית־המדרש נעגאַנגען, מנחה דאַוונען. שנייַ־דער־און־שוסטער־געזעלען האָבען אוועקגעוואָרפען די חול־המועד'יגע שטעקלעך, מיט וועלכע זיי האָבען שפּאַצירט אין די סעדער, אין די גערטנער, און מיט „שעהנע מיידלעך" ליעבעס געפיהרט, — און זיינען, ווי אַלטע, מיט די סדורים אין די הענד אין בית־המדרש געגאַנגען, א קאַפּיטעל תהלים זאָגען צווישען מנחה און מעריב. — „ראש חודש אלול". פון די קליינע געוועלבלעך פאַלען אַרוים גרויסע פּאַסען ליכט פון קליינע רויבערדיגע לעמפּעלעך און „פערפרומען" דאָס געסיל. דער הימעל איז איין זייט ברענט אין א רויט־העלען גיהנום'דיג פייער: מען ברענט, מען בראָט דאָרט די רשעים, און זייער שטראָ־מענדיג בלוט פּאַלט אַריין אין די פלאַקערם פייער און גליהט און פלאַ־קערט. פון דער צווייטער זייט ציהט זיך א רוהיגער, פרומער, ערנסטער וואָלקען, — איבערלעגט זיך מיט אַן ערנסטער, פרומער מינע, וואָס ער טהוט, — גלייך ווי אין איהם וואָלטען פערטריקענט געוואָרען די טרעהרען פון די גוטע מלאָכים, וואָס וויינען אויף די רשעים'ס בייז־קייט. און ער נעהמט אַרום און בעשיצט דאָס שטעדטעל, ווי עס וואָלט געהייסען: אייך נישט! אין גאַס, צווישען די בוימער, איז ליידיג און לעער, עס וויזט זיך נישט קיין בחור, נישט קיין בתולה, אַלטע, פרומע וויבער רייבען די הענד אָן די טהירען פון זייערע געוועלבער, און פערגלייזען די אויגען צום הימעל און ענטפּערען אָב אָמן נאָכ'ן קדיש, וואָס הערט זיך פון בית־המדרש אַרוים... דאָס בית־המדרש איז אָנגע־שטאָפּט מיט יודען, יונג און אַלט. אין גאָט'ס הויז ווערט א וואַרימ־קייט. יודען האָבען זיך געגעבען א נעהם צוריק צום רבונו של עולם. א מגיד איז געשטאַנען אויף דער בימה און האָט יודען מוסר געזאָגט,

און מיט זיין זינגענדיגען, מגידות'דיגען קול האָט ער יודען אויפגע־מישט דעם יחוס, ווער זיי זיינען, און וואָס זיי זיינען, — אַז זיי זיינען גאָט'ס קינדער, גאָט וויל זיי נאָר פּרובען און ער וואַרט יעדע מינוט, אַז יודען זאָלען צו איהם צוריקקעהרען; און האָט זיי אַ משל געגעבען מיט אַ בן־מלך, וואָס האָט זיך פערזינדיגט צו זיין טאַטען דעם מלך, און האָט זיי אויסגעטייטשט אַ פּסוק פון ישעיה: „כה אָמר ה׳ — גאָט טהוט זיך אַזוי זאָגען: אי זה ספר כריתות אמכם — וואו איז זיך דער גט, וואָס איך האָב אייער מוטער געגעבען?"

און יודען האָבען זיך געפיהלט קינדער, — פערוואָגעלטע קינדער אין גלות — פון זייער טאַטען אין הימעל. און נאָך דער דרשה האָבען זיך יודען געגעבען אַ נעהם צום „מעריב".

דער זעלבער וואָכענדיגער „והוא רחום", וואָס דערמאָהנט אָן דעם ווינטער־לאָמפּ, דאָס זעלבע יודעל „ר׳ אָשר־אהרן־קל־וחומר'ם" הייזע־ריגער ניגון (ר׳ אָשר האָט שוין זיין חזקה), נאָר דאָך איז עס נישט דער זעלבער „מעריב". עס לעבט עפּעס צווישען דעם שוואַרצען עולם, וואָס איז בעהאַלטען אין דער האַלב־טונקעלהייט פון בית־המדרש; אַ פערגעסען בענקשאַפט וועהט צווישען עולם, דאָס בענקשאַפט פון פער־טריבענע פּרינצען צו זייער פאָטער דעם מלך... אַ גלאַנץ איז געפאַלען, אַ טונקעל־טרויעריגער גלאַנץ, אַ בעהאַלטענער גייסט, וואָס האָט יודען אַ בשותפות'דיגע נשמה געגעבען. און דער פּראָסטער, וואָכענדיגער „והוא רחום" איז אָן אַנדערער געוועזן, אַנדערע ווערטער גאָר. בורא יום ולילה, גולל אור מפני חושך וחושך מפני אור, — אַ נשמה האָט געלעבט צווישען דעם פּראָסטען, וואָכענדיגען עולם, די נשמה פון יודישען כלל, די פּראָסטע, די וואָכענדיגע פון דער חברה תהלים...

דער עולם איז געשטאַנען שמונה־עשרה. אין בית־המדרש איז האַלב־טונקעל, די ליכטלעך פאַר'ן עמוד האַלטען שוין אין צאַנקען, נאָר ערגעץ דאָרט, אין בעהאַלטענע ווינקעלעך, טוקען זיך טראָפּען ליכט אין אָרומיגע ימים פינסטערניש. אַ שטומע שטילקייט איז אַרום איבער די קעפּ געהאַנגען. דער איינציגער טלית צווישען די מענגע שוואַרצע קאַפּאָטעס האָט אויסגעזעהן ווי אַ לעבעדיגער צווישען טויטע שאָטענס: אָן עולם פון שוואַרצע שאָטענס בעוועגען זיך אַהין און אַהער, ווי אַ סוד'דיגער ווינד וואָלט אין זיי געבלאָזען און געבויגט זייערע קעפּ אַהין און צוריק, ווי אַ ווינד וואָלט זאַנגען געלעגט... צווישען עולם איז

קיין וואָרט, קיין הויך נישט געהערט געוואָרען. דאָ און דאָרט האָט זיך אַ „אוי, טאַטע!" אַרויסגעריסען פון אַן אַלטער, פערקרענקטער ברוסט. און דער שטומער עולם שאַטענס, ווי ער וואָלט מסכים געווען אויף דעם קרעכץ, האָט זיך אַהין און אַהער אין אַ בעהאַלטענעם סוד געשאָקעלט. אַ שטומע נשמה, געהילט אין אַ שוואַרץ ליילעך, האָט אין דער שטיל צווישען עולם מתפלל געווען, און די תפלה איז אַ שטומע און אַ שוואַרצע געווען...

---

עס איז שוין נאַכט געוואָרען.

פון די טאָפּאָלען, וואָס זיינען אויפ'ן „שוואַרצען וועג" צום בית־עולם צו, זיינען די ניגונים פערשטומט געוואָרען, אַ פּנים די „הויכע דייטשען מיט די לאַנגע בייטשען" האָבען זיך צו פריה שלאָפען געלעגט. און פון דאָרטען וועהען קאַלטע ווינדען. אין געסעל איז טונקעל, אַלץ איז אין שוואַרצע לייליכער געהילט. די לאָדען זיינער איבער די פענ־סטער פערמאַכט, און פון די לאָדען־שפּאַלטען דרינגען שטראַהלען ליכט פון די אָנגעצונדענע לעמפּעלעך אַרויס. יודען זיצען ביי דער אַרבייט שוין. עס הערט זיך אַ קלאַפּען פון אַ שוסטער'ס אַ העמעריל אויפ'ן שוסטער־שטיין, און דאָס קלאַפּען שלאָגט אָב אין געסעל, ווי עפּעס בעקאַנטעס, איינגעבאָרענעס, ווי די גריל אין אויווען... און דערמאָהנט דעם עולם אָן די לאַנגע, פינסטערע ווינטער־נעכט ביים ווערקשטאַטיל. אין האַרצען קלאַפּט עס מיט שרעק: „ביי־נאַכט".

אַרום דער שטאָדט און אין דער שטאָדט זיינען די הייזלעך פער־טרונקען אין ימים גרין־בעוואַקסענע בוימער פון די שטאָדט־סעדער, וואָס האָבען אין זיך דאָס שטעדטעל אַריינגענומען און געמאַכט עס פאַר אַ גרויסען בלומען־טאָפּ. די בני־ישראל האָבען אין די סעדער גערוהט, דאָ און דאָרט האָבען פון דעם טונקעלען גרינס פייערלעך אַרויסגעשיינט, און אַ רויך טראָגט זיך פון די סעדער: אַ סעדערין קאָכט אָב וועטשערע, און די ליכטלעך צווישען די טונקעלע גרעזער האָבען מיט אַ ליעבער, פרומער אימה פער'סוד'עט דאָס שטעדטעל, און אין דער שטיל געצויגען צו זיך. און דאָ און דאָרט זיינען צווישען די טונקעלע גרעזער אַרויסגעפלויגען ברענענדיגע ווערימלעך, ווי פונקען פייער, ווי פערלאָרענע נשמות...

און גאָט'ס וועלט איז געווען ווי א פערליעבטע, צנועה'דיגע כלה, וואָס שפּאַצירט איינע אַליין ביים עק וועג, אין געסעל אראָב, צום שווארצען וועג צו.

דער טונקעלער, שטילער הימעל האָט „קריאת־שמע" געלייענט איבער'ן שטעדטיל: „המפיל שנה על עיני" — טהוט ווארפען א שלאָף אויף מיינע אויגען, „ותנומה על עפעפי" — און א דרעמעל אויף מיינע ברעמען...

# X.
# נאָך יום-טוב

אַריבער די ימים־טובים. דאָס שטעדטעל האָט זיך אָבגעפּאַסט אַ תענית און דערפאַר נאָך דעם געקראָגען אַ שמחת־תורה. אין דער־פריה האָט נאָך אהרן ליב שוסטער מיט'ן בלינדען אויג אָנגעטהון זיך פאַר אַ טערק מיט'ן טלית אויפ'ן קאָפּ, געטאַנצט אין שטעדטיל מיט'ן ספר־תורה'לע און געקלאַפּט אין טיש פון בית־המדרש מיט דער פויסט: „אונזער משה רבינו, אונזער...“ האָט זיך אָבער צוגערוקט די ערשטע נאַכט פון נאָך יום־טוב, אַ ווינטערדיגע חשון־נאַכט...

אַ שטומע, געשטאָרבענע נאַכט, — קיין הייזעל, קיין ליכט. קאַל־טע ווינדען בלאָזען און רייסען זיך אָהן אַן אָנהויב, אָהן אַ סוף. דאָ און דאָרט מאָלט זיך אויס אַ שאָטען פון אַ שטעהענדיגען בוים, וועל־כער בעוועגט זיך מיט אַ נאַקעטער צווייג און מאַכט אין דער נאַכט דעם איינדרוק פון אַ גלגול פון אַ געשטאָרבענעם בוים. דער שאָטען פון זיינע פאַנטאַסטישע, נאַקעטע צווייגען שיידט זיך אָב און שרעקט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. אַרום און אַרום איז שטום, טויט און שוואַרץ. ווייט אין געסעל אַראָב, דאַכט זיך, געהט פאַמעליך דער שאָטען פון רחל־לאה, די געשטאָרבענע מאַמע. זי געהט פאַמעליך אין איהרע ווייסע תכריכים און האָרכט זיך איין הינטער דעם לאָדען פון איהר שטוב, צי פיינינגט נישט די שטיף־מאַמע איהרע קינדער... דאָ און דאָרט שפּיעלט זיך דער ווינד אָן אַן אָבגעריסענעם בלעך אָן אַ שילד ערגעץ פאַר אַ געוועלביל און קלאַפּט אַהין און אַהער. ערגעץ דאָרט, אין אַ פערלאָזטער רינע, טריפען טראָפּען וואַסער, און די טראָ־פען קלאַפּען, בלאָנדזענדיג אין דער רינע... ווייט אין געסעל הערט זיך אַ רעש'ען פון אַ גרויפּען־מילעכיל. די גרויפּען פאַלען אויף דעם רייב־שטיין, און עס קלאָגט זיך, האָט פּרעטענזיעס — ווייסט איין גאָט, אויף וואָס און אויף וועמען...

אין דער טויטער נאכט הערען זיך איינזאמע טריט, אבקלאפענדיג אן שטיינער. עס געהט שוין א יוד מיט'ן טלית-זעקעל אין בית-המדרש אריין תהלים זאגען, און א קאלטער „גוט מארגען" קלאנגט אין געסעל. פון א הויכען פענסטער דרינגט א ליכטעל ארויס, ווי עס וואלט אין דער לופטען געהאנגען, און א שטיל קלאפען פון א נייה-מאשין צורייסט די געשטארבענע נאכט: א שניידער איז אויפגעשטאנען צו דער אר־בייט. פון א הינטער-געסעל הערט זיך א וואגען שפאנען, און ווער לויפט דאס ווייט אין דער פינסטערער נאכט אין געסעל...

די נאכט ליעגט נאך טויט איבער'ן שטעדטעל, און דאך הערט זיך שוין דאס לעבעי פון שטעדטעל, פון אונטער דער נאכט וועקט עס זיך...

גרויער ווערט די נאכט, און דער טאג הויבט אן ארויסצוקוקען ווי דורך בעהויכטע ברילען. עס שניידען זיך ארויס פון גרויען שטח שאטענס פון הויכע הילצערנע געביידען, און ווי ניי-בעשאפען נעהמען זיי ערשט אן אויף זיך פלייש און ביינער... פון די פענסטער ווייזען זיך „מארגען-ליכטלעך". א קאלטער ווינד בויגט די בוימער אין געסעל, און עס דאכט זיך, אז די הילצערנע געביידען לאזען זיך אויך בויגען נאכ'ן ווינד... אין מיטען מארק שטעהען פויערשע פוהרען געשפאנט. יודען לויפען מיט פעקלעך, קאסטענס, מיט דרענגער און ברעטער. מען פאהרט אויפ'ן מארק אינ'ם צווייטען שטעדטיל אריין.

פון געסעל קומט אנצופאהרען ר' משה פעלצענמאכער, ער פאהרט ארוים מיט די פעלצען-פעלכלעך, צו וואשען זיי אין טייך. דער נאכט־טוי הויכט נאך אויף זיין וואגען. דער הימעל ווערט גרויער, אין א טלית זיך איינגעוויקעלט, און האלט ערשט ביי „מה טובו". די הייזלעך שטייגען און שיידען זיך אב אלץ בולט'ער פון גרויסען שטח. דא און דארט פערלעשען זיך שוין די ליכטלעך אין די פענסטער, און ווי זיי וואלטען פון זיך א סוד אראבגעווארפען, שטעהען זיי, ווי אנגעקומענע פון אן אנדערע וועלט, מיט אונטערטהעניגקייט: אט אזוי זיינען מיר, אזוי ווי איהר זעהט אונז!...

בחורים, בעלי-בת'ישע קינדער אין ווארימע פאלטא'ען, מיט די תפילין-זעקלעך געהען אין בית-המדרש אריין לערנען. ס'איז שוין גרויסער טאג, און פון בית-המדרש שיינען נאך אלץ ארוים אנגעצונדענע ליכט. עס הערט זיך לערנען, דאווענען, — ווארים מוז אינעווייניג

זיין... איבער די דעכער, איבער די פּלויטען ליעגט פערהויכט דער וויסער מאָרגען־טוי, פריש, קאַלט און שניידט פון דערווייטען — דער ערשטער ווינטער־הויך. פון טהייל קוימענס געהט אַ רויך אַרויס: אַ יודענע קאָכט שוין דאָס אָנבייסען — דעם יעסענדיגען קרויט־באָרשטש מיט קאַרטאָפּליעס, און איבער׳ן שטעדטעל פערגרויט זיך אַ קאַלטער תחינה־טאָג...

---

טהיילמאָל האָט זיך די זון פּלוצלונג אין הימעל ענטפּלעקט, ווי פון דער העלער הויט אַרויסגעקראָכען, ווי דעם חוב עפּעס אָפּגעפּטר׳ט. אַ מינוט האָט מען זיך אין הארצען האָפנונג געפיהלט. באַלד אָבער האָט אַ ווינד אין מארק געבלאָזען, געכאַפּט דאָס ביסעלע שטויב מיט די פּאָר שטרויען, וואָס די דאָרפס־פוהרען האָבען אין מארק איבערגע־לאָזט, מיט נאָך שמאָכטעס און לאָכטעס, וואָס דער גוטער יאָהר ווייסט זיי, פון וואַנען זיי האָבען זיך אין מארק פערבלאָנדזעט, און דער ווינד האָט מיט זיי אַ טענצעל אין קאָן געמאַכט. דאָס שדים־טענצעל האָט אין פּנים ווי מיט ריטער פון אַ בעזים געשניטען, און ווי מיט אַ בעזים האָט עס אין הארץ יעדעס שטיקעל האָפנונג אויסגעקעהרט...

די סוכות שטעהען נאָך פון נעכטען, דער ווינד נעהמט אַ ביסעל סכך אראָב און טראָגט עס אין מארק, און ווי פערשעהמט בלייבען זיי שטעהן, די סוכות, בגלוי ראש, גאַרנישט — פּיער ליידיגע ווענד, צוזאַמענגעקלאַפּט פון העלצלעך און ברעטלעך, אָהן אַ דאַך, אָהן אַ שטיקעל סכך, צו וואָס? און צו ווען? אַ שעהן פּנים האָט דאָס!

און די דריי בוימער אין דער יודישער גאָס שטעהען איינגעטונקט אין זייערע אָבגעוועלקטע בלעטער. די בוימער מיט די נאַקעטע צוויי־גען קוקען שטום און טויט, ברייט און ווייט אין מארק אריין. טהייל־מאָל זיינען זיי, ווי עפּעס מסכים אויף וואָס, שאָקלען צו מיט אַ נאָ־קעטער צווייג, וואָס האַלט נאָך אַ בלעטעל אויף איהר שפּיץ — אַ זכר פון זומער: אַזוי, אַזוי, מיינע קינדערלעך!

נעכטען איז שמחת־תורה געווען, און אָן אַלץ האָט מען געהאַט פערגעסען; אַ מאָל אין יאָהר פרעהליך זיין — איז מען פרעהליך געווען. האַלב־שכור האָט מען זיך שלאָפען געלעגט, האָט מען זיך אויפגעכאַפּט אין דער פריה, האָט עס פון די בעטען געהויבען. — איבער יום־טוב האָט אַ יודישער קרעמער דאָס ביסעל מעהל פון זעקעל

אויפגעגעסען, ביי א יודישען בעל־מלאכה איז דאָס העמעריל מיט דער צוואנג ערגעץ־וואו פערפאלען געוואָרען...

מען איז אין מארק געקומען מיט די שטעקעלעך, מוכן ומזומן א גראָשען געלד צו פערדיענען. דער ווינד בלאָזט. א „בעל־יכול“ דרעהט זיך אין מארק ארום, אריינגעקראָכען און צולעגט זיך אין זיין שאָפּען־פעלץ, איינער נאָך אין זיין יום־טוב'דיגען, זיידענעם הוט (דער וואכענדיגער איז איהם ערגעץ־וואו איבער יום־טוב פערפאלען געוואָרען). יודען דרעהען זיך ארום, קוקען אוים אויף א פוהר ווי אויף משיח'ן. איינער איז אויפ'ן צווייטען ברוגז, פון דערווייטען, פאר גאָרנישט אין דער וועלט... אויף דער שוועל פון ר' לייביש עפּ־שטיין'ס געוועלביל שטעהען מעקלערם, פריהרען אין די באלאטלעך, עס הייסט, ווי זיי האָבען שוין גאָרנישט וואָס מעהר צו טהון. דער „בעל־יכול“ קויפט א רעטעך אין גאָס ביי די שטעלען צום מיטאָג. יודען קוקען איהם נאָך און קרעכצען, טייטען אויף איהם מיט די פינגער, אלע קלעהרען איצט איין געדאנק: נאָר ער אליין וועט היינט מיטאָג עסען...

אין גאָסעל דערהערט זיך א גערודער. דער סטראזשניק שלעפּט צוויי לייכטערלעך מיט די שבת־קאָלדרעס פאר פּאראטקעס, א יודענע לויפט נאָך, בעט זיך, — דער סטראזשניק הערט נישט. יודען ציטערען אין די לייכטע באלאטלעך, און עס קלאפּט אין די הערצער: אוי, אוי, הירה־געלד...

קינדער געהען נישט אין חדר אריין. פון אלטען חדר ארוים און אין נייעם נאָך נישט אריין, דרעהט מען זיך דערווייל פוסט און פּאָס ארום, און מען וואָרפט זיך דער מאָמען אין די אויגען. די מאַמעס שילטען, באַפּט מען א שטיק ברויט אין קעשענע אריין און מען לאָזט זיך. אין קצב'ישען געסיל זיינען אויסגעשפּרייט פּעלצען־פעלכלעך צו טריקענען זיך אויף דער זון. אויף לאנגע זעק איז פער־שפּרייט ווינטער־אויבס, עפּעל, פלוימען, באַפּט מען הענד פלוימען און מען לויפט אין שטאָדט־פעלד אראָב, וואו די בהמות פּיטערען זיך. א שווערער טוי הויערט אויף אלעס, נאָר עס שאָדט נישט, מען נעהמט צוזאמען צווייגען, שטענגלעך פון טערקישען ווייץ, איבערגעבליעבען סכך און מען מאַכט פייער, מען בראָט קארטאָפּעל, מען זעצט זיך ארום און מען פּלעכט לולב־פינגערלעך (אוועקגע'גנב'עט פון איבער־

געבליבענעם לולב). דער רויך פון פייער געהט אויף און לעגט זיך שווארץ איבער׳ן שטעדטעל, קינדער האָבען דאָס שטעדטעל איינגענומען...

מלמדים דרעהען זיך אין מארק ארום, חנפ׳נען די אָרימע בעלי־בתים. אָנגעגעסענע טאטעס הארכען אוים די גוטע רייד און שאָקלען צו מיט׳ן קאָפּ... בחורים קומען אָן צופאָהרען פון דער פרעמד מיט די קעסטלעך אויף די פּלייצעס און נייע קאפּאָטעס (געמאכט אויף יום־טוב), געהען אין די הייזער ארום, שאפען זיך טעג. מאמעס בעגלייטען זייערע בחורים׳לעך אויסער דער שטאָדט ארוים, נאָכשלעפּענדיג נאָך זיי די קעסטלעך, שיקען זיי אין דער פרעמד לערנען; קלעהרען אויף א תכלית...

דאָס גאנצע שטעדטעל האָט פּאר עפּעס מורא. עס ציטערט, ס׳קלעהרט אויף א תכלית...

הינטער דער שטאָדט ארוים שפּאציערט א יוד א שניידער מיט א לאנגער, געלער באָרד און פערלאָפענע אויגען מיט א הויכען, דארען נעזיל. א יונג, אָנגעטהון אין א נייעם „סאק־ראָק“ — זיין זומער־לוין. געהט מיט איהם דער שניידער, זאָגט איהם גליקען צו, דער יונג שווייגט שטיל. און דארט אויפ׳ן וועג לאָזט זיך שוין איינער מיט א פּעקעל אויף די פּלייצעס ווייט אין דער וועלט אריין, זוכענדיג ערגעץ א שטיקעל ברויט אין דער פרעמד, און א מאמע געהט נאָך און בענשט און וויינט...

פארנאכט קומען אָן די פוהרען צופאָהרען פון מארק, מיט פּעק, קאסטענס, דרענגער און ברעטער. פון די געוועלבער דרינגען די לעמפּלעך ארוים, די הימלען זיינען בעכמארעט, ליעגען גערדיכט נאָהענט איבער׳ן שטעדטעל, א קאלטער רעגען קאפּעט (אזוי איז שוין, אז עס איז א מארק, מוז רעגענען) מיט איין מאָס, מיט איין כונה, אָדער גאָר אָהן כונה. די רינשטאָקעס ווערען ברייטער, פולער מיט וואסער, נעהמען א האלבע גאס צו. מען קען שוין נישט אריבער פון איין זייט גאס צו דער צווייטער. מען שטעהט אויף די שוועלען און מען קוקט זיך אריבער. דאס וואסער פון די רינשטאָקען קומט אריין אין די געוועלבלעך, וועלכע ליעגען מיט די שוועלען אין דער ערד איינגעקאָפּעט. יודען שארען ארוים דעם אונגעבעטענעם גאסט מיט לאָפּעטעס, פלעדער־ווישען. דורך איין טהיר געהט ער ארוים, דורך צעהן צוריק

אריין, און גזל'ט ארוים שטיקער האלץ און ברעטלעך פון די געוועלבלעך און שווימט דערמיט אין געסיל. די ווייבער לויפען נאך: כאפט, האלט איין, האלט איין!

אין געסיל שפאציערט אין בית־המדרש אריין גדליה יודעל'ס, דער טויט אליין, א יוד א סוכאטניק פון טאטען און זיידען, הויך ווי א יוד, און שמאל ווי א יונגעל, אזוי אז מען האט מורא, אז דער הויכער גוף זיינער זאל זיך נישט דורכברעכען. זיין דינער האלז איז מיט א דיקע פאטשיילע פערבונדען. ער כארכעלט און קוקט מיט די גרויסע אויפגעריסענע אויגען. דאס שטעדטעל ווייסט, אז ער וועט שטארבען דעם חודש, דער ערגסטער חודש פאר סוכאטניקעס, און זיי קוקען אויף זייער גלייכען, וואס איז נאך היינט מיט זיי, און מארגען וועט ער שוין געהערען צו דעם סוד, וואס איז אזוי בעהאלטען פון אונז, און וואס מיר האבען אזוי מורא דערפאר. אין געסעל ווערט שטיל, אז גדליה יודעל'ס געהט דורך, מען הויבט אן אין די הערצער תשובה צו טהון, ווי דער מלאך־המות מיט זיינע ברייטע, שווארצע פליגלען וואלט דורכ'ן געסעל דורכגעפליגען. יונגלעך שטעהען און סוד'ען זיך אין אויער, און ווייזען מיט'ן פינגער אויף איהם... און דאס געסעל האט דרך־ארץ פאר'ן טויט...

---

ביי נאכט זיינען די בעל־הבית'טעס געזעסען מיט די שכנות ארום דעם אויווען, אין וועלכען עס האט זיך געבראטען עפעלעך פאר די יונגלעך, וואס לערנען אין חדר ביי־נאכט. די ווינטער־לאמפ האט זיך אויפ'ן טיש געברענט, און די ווייבער זיינען געזעסען ארום, די ווינטער־וועש פעררעכט און מעשיות דערצעהלט. די יונגע קינדער, וועלכע לערנען אין די דרדקי־חדרים, האבען די בעהעלפערס שוין פון חדר געבראכט, און ביז די עלטערע וועלען פון גמרא־חדר קומען און אנהויבען דאס גרויסע שפיעל, זיצען זיי דערוויל ביים קליינעם קינ־דערשען טישעלע און שפיעלען „הענגלעך". אין שטוב איז דערוויל נאך שטיל. דורך די פינסטערע פענסטער קוקט אריין די פינסטערע נאכט. אין דרויסען איז נאכט — און דא זיינען מיר אין דער־היים, „ביי דער מאמע".

פון לאוויטשער מארק איז אויך צוריקגעקומען מיט איהרע פעק

און קאַסטענס מלכה׳לע, ר׳ יחזקאל גאַמבינער׳ס ווייב. ווי אַן אַלטע בעל־הבית׳טע איז זי געפאָהרען אויפ׳ן מארק איינקויפען דעם אויס־שטייער פאר לאה׳לען, דער יונגסטער טאָכטער. אז זי איז געקומען מיט די פעק און די קאַסטענס, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען דאָס גאַנצע הויז־געזינד, די גאַנצע משפחה, און אַלע נאָהענטע און ווייטע בעקאַנטע, איטעל און הינדעלע, און רחל־לאה מיט די מוהמעס, בעקוקען די זאַכען, זאָגען מבינות, וויפיעל עס קאָסט, און ווינשעווען דער כלה. מלכה׳לע האָט אויסגעפאַקט דעם ציטץ מיט׳ן קאָרט, די טיכער און די געצוויגענע לײילעכער, און פון יעדען שטיקעל בעזונדער זיין היס־טאָריע דערצעהלט, די טרעפּענישען און די געשעהענישען, ווי אזוי און ווי אַרום עס איז געוואָרען געקויפט, און די „שיעור׳ן“, וואָס האָבען זיך געטראָפען ווי די „האָהר“ אויפ׳ן קאָפּ. די ווייבער האָבען יעדע זאַך בעזונדער געטאַפּט, געוואויגען און געמאָסטען און געגאַנגען טרע־פען, וויפיעל עס קאָסט און קיינמאָל נישט געקענט טרעפען: אָדער אַ ביסעל צו־פיעל, אָדער אַ ביסעל צו־ווינציג. אַליין צו פערשטעהן, האָבען די ווייבער, ווי דער שטייגער איז (אזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָבגערעדט פון פריהער) פונקט קאַפּויר געטראָפען, איינע ווי די צווייטע. אז איינע האָט געזאָגט בוידעם, האָט די צווייטע געמוזט פונקט טרע־פען: קעלער. איז דאָרט אַרויסגעקומען אַ ביסעל מינעם, מיט מיילע־בער־פערקרימענישען, נו, נו... איז געקומען צוגעהן דער קאָלישער ווייבערשער שניידער (אַ שוואַרצער יונגער־מאַן נאָך דער חתונה, וואָס דאָס וואויל־יונגקייט ליעגט איהם נאָך אויפ׳ן פּנים אויסגעגאָסען), דער מיט׳ן אכט־קאַנטיגען היטעלע, וואָס לייענט מעשה־ביכלעך, און וואָס אַלע שבת טאַנצען ביי איהם יונגען מיט מיידען, און וואָס ער האָט אַ געוואוינהייט די ווייבער צו קיצלען הינטער די אָרעמס, אַז ער נעהמט זיי די מאָס, און וואָס טאַקע איבער דעם האָט ער שוין נישט איין מאָל געקראָגען אויסגעפאַטשט פון אָרענטליכע בעלי־בתים. ער איז געקומען מיט׳ן בוך, וואָס ער רופט עס „זשורנאַל“, — אַזאַ מין בוך מיט ווייבערשע מענטעלעך, — און האָט געוויזען, ווי מען טראָגט אין פּאַריז קליידער מיט שמאַלע אַרבעל און אַרום האַלז אַזעלכע „פּרענ־זעלעך“, איינס אויפ׳ן צווייטען פערוואָרפען, און האָט דערצעהלט, ווי מען טראָגט אין פּאַריז אַזעלכע מיני מאַנספערשוינענדיגע קאַפּאָטעס מיט באַשליקען פון הינטען. ער ווייסט, זאָגט ער, ווי צו אַרבייטען,

ווי מען טראָגט אין דער וועלט, נאָר דאָ איז נישטאָ פאַר וועמען. טאַקע דערפאַר וועט ער באַלד נאָך פסח פאָהרען קיין לאָנדאָן, אויפ'ן ים, ער האָט שוין אין דער־היים אַ „שיפס־קאַרטע" ליעגען. און דאָס אַלץ האָט ער „געשפּראָכען" אין אַזאַ מין ניי־מאָדנער שפּראַך, מיט דייטשע ווערטער, פון די ביכער אַרוים. „אַזאַ שניידער־יונג איז דאָס, קיין יוד וועט שוין פון איהם נישט זיין"...

אין קיך שטעהען אויסגעשטעלט אַלע קינדער, יונגלעך און מיידלעך (ערשט צוריקגעקומענע פון חדר, די ליכטלעך ברענען זיך נאָך אין די לאַמטערנעלעך). אין מיטען צווישען זיי שטעהט רחל־לאה די בעקערין און טהיילט פון אַ גרויסער שירץ אַרוים קליינע האָניג־לעקעכלעך, לאַנגע פלעצעלעך, געמאַכט ווי פייגעלעך, וואָס זי האָט פאַר זיי געבאַקען, וואָרים, אַזוי איז שוין דער מנהג פון לאַנג, צו־טהיילען די קינדער לעקעכלעך, אין דער נאַכט, ווען מען גיט אַוועק די אויסשטייער צו נייען.

# XI.
# דריי חופות

מזל־טוב, מזל־טוב! היינט איז לאה'לעס חתונה.
א שטילע, קלארע טבת־נאכט.

נאך א פאר טעג, ווי דער שניי האט אהן אן אויפהער געשאטען אויפ'ן קליינעם שטעדטעל און בעשאטען עס פון קאפ ביז צו די פיס, איז אין א שעהנעם פארנאכט די לבנה אנגעקומען. זי האט זיך געמאכט א וועג דורך די וואלקענס און האט דאס שטעדטעל ליכטיג געמאכט אזוי, אז די קינדער, וואס זיינען אהיים געגאנגען פון חדר מיט די ברענענדיגע לאמטערנעלעך, האבען זיך מיט זיי מעהר בענוצט פאר אן אילומינאציע, ווי אויף צו בעלייכטען דעם וועג. נאך דער לבנה זיינען ארויסגעשוואומען די שטערען, יעדער איינציגווייז, פון די בעהאלטענע ערטער, וואו זיי ליעגען אין זייער רוה, און האבען זיך א לאז געטהון צווישען די גרויסע ריסען פון איין וואלקען און צווייטען אין די עקען וועלט אריין. די שטערען האבען געשימערט און בעלויכטען די בערג שניי, וועלכע האבען געהויערט איבער'ן שטעדטעל און אין שטעדטעל, ווי סטאדעס ווייסע שעפסען, איינס ביים צווייטען...

אין שטעדטעל איז היימליך. די געוועלבלעך זיינען אפען, די לעמפלעך שיינען ארויס, יונגעלעך כאפען זיך אויף די שליטענס, וועלכע קלימפערען אין גאס. אין שטעדטעל איז א שמחה: דריי חופות! דער גביר פון שטעדטעל, ר' יחזקאל, מאכט חתונה זיין יונגסטע טאכטער לאה'לען. ר' יחזקאל'ס פערד־יונג נאטע פיהרט אונטער דער חופה יחזקאל'ס קעכין יענטען און דער בלינדער עקיבה גיט איין א ספר תורה'לע. ביי ר' יחזקאל'ן וועט דער רבי אליין מסדר קדושין זיין. אזוי פיעל חסידים, נגידים זיינען אנגעקומען אויף דער חתונה, מיט א מוזיק פון סאמע פידלען, און ר' נח בדחן אויך דא, — עס

וועט זיין א לעבען!... אויך ביי נאָטעס חופה וועט זיין ניט אבי ווי, נאָטע וועט צודעקען יענטען דעם קאָפּ פאר כל־ישראל. ניט אומזיסט איז שוין אזא מנהג ביי די אַלטע בעלי־בתים חתונה צו מאכען א דיענסט אין איין טאָג, ווען מען גיט די יונגסטע טאָכטער אויס. און היינט דער יום־טוב פון אריינגעבען דאָס ערשטע מאָל א ספר־תורה אין חברה תהלים!

דאָס גאַנצע שטעדטעל איז פול מיט מחותנים און מחותנת'טעס, מען ראַמפּעלט ארום אויף שליטענס, וועלכע קלינגען מיט די גלעקלעך אין אַלע גאַסען. יונגען כאַפּען זיך פון הינטען ארויף, און עס איז א ליארים און געטומעל. עס בעוויזען זיך חסידים אין זיידענע היט, סאַמעטענע היט, אין שטריימלעך און ספּאָדקעס, געקנייטשט אין דרייען, טהיילען זיך כבודים אין דער גאַס. עס בעווייזען זיך יודען אין אויסגעשמירטע שטיוועל מיט אויל, אין שבת'דיגע, טוכענע קאַפּאָטעס מיט'ן שניט פון הינטען; מחותנת'טעס מיט ברייטע שטערענטיכער, מיט הארץ־ברעטלעך, מחותנת'טעס מיט הויכע הויבען, מיט שלייפעלעך און זיידענע ברייטע קליידער. ברוגז'דיגע מוהמעס שטעהען פאר די טהירען, אַנגעטהון מיט די קייטעלעך, מיט די בראַשקעלעך און וואַרטען אויף דעם שליטען, וואָס מען האָט ארויסגעשיקט נאָך די חתונה־געסט (א נייע־מאָדישער אויפטהו), כאָטש זיי האָבען אייניגע טריט נאָר אריבערצוגעהן. מיידלעך, בעלי־בתי'שע קינדער (א פּאָר טאָג נאָך פאר דער חתונה זיינען זיי שוין ארומגעגאַנגען מיט קליינע צעפּלעך, וועלכע זיי האָבען זיך געפלאָכטען, כדי די האָהר זאָלען זיין „געקאַרבט"), זיינען אויסגעציערט אין ווייסע קליידלעך, אין בלויע סטענגעס און מיט ווייסע שיכלעך. אין די הענד האַלטען זיי סאַמעטענע בייטעלעך אויף טאַנץ־געלד. עס געהען צום חתן בחורים אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, אין סאַמעטענע היט, טהייל אין משפחה־שטריימלעך, וואָס איז א צייכען, אז דער בחור האַלט ביי א שדוך טהון. עס בעווייזען זיך יונגלעך אין קאפּעלעך און מיידלעך מיט אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, וואָס געהען מיט די מאַמעס אויף די חתונה. די מוזיק הערט זיך שוין אין געסעל. מען טאַנצט, דאָס גאַנצע שטעדטעל קומט אָן אויף איין פּלאַץ און מען טאַנצט אין שניי. יונגען קנעטען קוילען שניי, און גרייטען זיך אָן, ווען מען וועט חתן־כלה צו דער חופה פאר'ן שוהל־הויף פיהרען... און די לבנה שטיפט אויף

ארום, בעגיסט מיט ליכט דעם שניי, וואָס ליעגט ווי אַ וואַרימער דעק איבער'ן שטעדטעל. ליכטיג, היימליך, ווי ביי־טאָג. די שטערען ווינקען אַראָב, דער שניי פינקעלט אַרויף, בריליאַנטען פליהען אין אויר אַרום, און די הייזלעך שטעהען אין די ווייסע קאַפּקעלעך אויפ'ן קאָפּ, און שליטענס ראַמפּלען, גלעקלעך קלינגען, רווישען, און יונגען כאַפּען זיך אויף פון הינטען אויפ'ן ברעטעל.

אין גאַס האָט זיך געהערט פידלען שפּיעלען חסידישע, לאַנגע, אויסגעצויגענע נגונים. ר' שלמה לינשעצער'ס פידעלע וויינט אין דער גאַס, און עס האָט זיך אוועקגעלאָזט אויף אַ שטייגער. די שטערען אין הימעל, די ווייסע וועלט אַרום און אַרום שווייגט און האָרכט זיך איין. חסידים זינגען זיסע נגונים. פון די פענסטער ווייזען זיך ליכט און לאָמפּען. אויפ'ן גאַסעל ווערט העל, ליכטיג, ווייבער שטעלען זיך פאַר די טהירען מיט אַנגעצונדענע קיהן־העלצלעך. די פייערען צו־פלאַקערען זיך. מען פיהרט דעם חתן מיט דער כלה צו דער חופּה פאַר'ן שוהל־הויף. עס הויבען אָן געהן חסידים אין שוואַרצע שטריימ־לעך — אַ ים שוואַרצע סאַמעטענע היט, אַטלעסענע קאַפּאָטעס. עס שיטען זיך ווייבער אין בלאַנקענדע שטערנטיכער און מיט בריליאַנטען, וואָס זיינען איינגעזעצט ווי שטערען. ברייטע, זיידענע קליידער רווישען. כפול־שמונה'דיגע הבדלות פלאַקערען אין די הענד. שוואַרצע סאַמעט טוקט זיך אין זיידענע, העלע קליידער, ווי שוואַרצע שטראָ־מען וואַסער אין ווייסען שניי. דער רבי איז אין אַ ווייסען כאַלאַט אין מיטען, און די שוואַרצע סביבה איז אַרום איהם. די לאָוויטשער רבי'צין אין דעם ברייטען שטערנבאַנד טאַנצט פאַר חתן־כלה, שיט ראָזינקעס און מאַנדלען, קליינע חדר־יונגלעך, מיידעלעך כאַפּען די ראָזינקעס, וואָס פאַלען איינע נאָך דער אַנדערער. די שמשים מיט רצועות טרייבען פאַנאַנדער די קינדער, מאַכען אַ וועג. עס ווייזען זיך חתן־כלה. זיי געהען בייזאַמען, פערדעקענדיג זיך די אויגען מיט די נאָז־טיכלעך. די מחותנים געהען פוןביידע זייטען. ר' יחזקאל אַליין איז אין אַ שטריימעל, אין שיך און זאָקען גלייך מיט'ן מחותן. די מחותנת'טעס פיהרען די כלה אונטען אַרום. דאָס אַלץ וואַרפט אָן אַריסטאָקראַטישען גלאַנץ, חסידיש און נגידיש. און די פידלען שפּיעלען און די חסידים זינגען מיט און די הבדלות לויכטען מיט...

נאָך דעם ערשטען צוג האָט זיך געוויזען דער צווייטער. נאָטע

פיהרט יענטע'ן אונטער דער חופּה. פון פאַרענט איז געלאָפען א יונג און האָט געטראָגען די שוהל־לאַמטערנע מיט די אויסגעשניטענע לייבען און בערען, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך געברענט אין אַן אנדער קאָליר. עס האָט זיך געהערט יעקעל'ס מיט די ארומגעבונדענע באַקען בעמבע: בים־באָם, בים־באָם! עס האָט געהילכט און געקלונגען דאָס געסעל. א יונג האָט ערגעץ־וואו דערפאַקט דעם שטאָדט־גרעגער, וואָס הענגט אויפ'ן קלאָץ פאַר דער קאַזע, און האָט אָנגעהויבען צו גרעגערען. יודען בעלי־עגלות האָבען ארויסגענומען די שטולקאַטשען פון די וועגען און חתן־כלה בעגלייט. רחל־לאה די מוהמע האָט זיך מיט א מחותן א בעל־עגלה ביי די הענד אָנגענומען און האָבען פאַר חתן־כלה געטאַנצט. און די בעמבע קלאַפּט־צו, און די יונגען פייפען־צו, כאַפּען קוילען שניי, קנעטען זיי פעסט און לאָזען אין די קעפּ. דער חתן פיהרט די כלה. נאָטע זעהט אוים אין זיין שבת־היטעל, ווי גאַר אַן אָרענטליכער מענש, נאָר די אויגען ווינקען לאַבוסוואַטע פון היג־טער דער חופּה ארויס... די כלה יענטע, אָנגעטהון אין אסתר'ל'ס שבת־קליידעלע, וויינט אויפ'ן קול. דער שטאָדט־רב געהט צווישען די מחותנים, בעלי־עגלות, וואָס זיינען אין קאָרטענע באַלאָטלעך, אין אויסגעשמירטע שטיוועל און אין שוואַרצע שבת'דיגע טוך־היט. דאָ און דאָרט שפּרינגט ארוים א מחותנת'טע אין א ברייט קלייד מיט באַנדען, און מיט א שלייפעלע אויפ'ן קאָפּ, פערלעגט די הענד אויף די זייטען און, אָננעהמענדיג א פּערזאָרגטען מחותן ביי די באָקעס, טאַנצט זי מיט איהם אויף איין אָרט און זינגט:

און וואָס איך האָב געוואָלט
האָב איך אויסגעפיהרט.
זאָל איך אַזוי לעבען,
זאָלען מיינע שונאים צופּלאַצט ווערען!

און יעקעל'ס מיט די געשוואָלענע באַקען בעמבע באַמבעלט צו: בים־באָם! בים־באָם!

נאָך דעם צווייטען צוג איז אָנגעקומען פון א הינטער־געסעל דער דריטער פון דער „חברה־תהלים“. די טראָמייטערס האָבען פאָראויס פאַר זיי א וועג אויסגעשאַלט אין שטעדטעל. וואָס איז! צי איז משיח אין שטעדטעל געקומען! אויף די פערד רייטען פערשטעלטע **יודען. דאָרט רייט** א טערק מיט א טלית ארומגעבונדען אויפ'ן קאָפּ,

אַ מכשפה אין אַ קיטעל רייט אויף אַ בעזעם אין דער הויך, עס קומען אָנצולויפען ווילדע ברואים און פיהרען דעם שטאָדטס־בכור אין אַ קאַפּאָטע אָנגעטהון. האָלאָוועשקעס אין סמאָלע געטונקט, אין פייער געצונדען און צום הימעל געוואָרפען. שראָט אָן שטיינער געקלאַפּט, די קנאַקען געהען אין הימעל אויף. צי ווילען זיי יריחו׳ס מויערען איינגעהמען! שוואַרצע מאַסען יודען, ימים שוואַרצע סאַמעטענע היט און קאַפּאָטעס, מיט די קינדער אויף די הענד, מיט נגונים אויף די ליפּען, טאַנצען אַרום דעם בלינדען עקיבא, וועלכער האַלט דאָס קליינע ספר־תורה׳לע און האָבצעט דערמיט בלינדערהייט: אונזער ספר־תורה׳לע! אונזער ספר־תורה׳לע! קיין וואָרים לעפּעל עסען האָט דער סגי־נהר קיינמאָל ניט געהאַט, אויף אַ שטיין איז ער געשלאָפען, אין די הייזער געגאַנגען, אַ גראָשען צו אַ גראָשען צוגעלעגט, און אויף דער עלטער אַ ספר־תורה׳לע זיך געלאָזט שרייבען, אַ ספר־תורה׳לע, אַ קינד, אַ קדיש נאָך זיך. און יודען, די חברה תהלים, האָבצען מיט איהם און זינגען מיט איהם: „אונזער ספר־תורה׳לע, אונזער ספר־תורה׳לע!“ אהרן לייב דער שוסטער האָט די קאַפּאָטע פון זיך אַראָבגעוואָרפען, דעם פעלדשער׳ס קאַפּעליושעל זיך אָנגעטהון, מיט פעדערען עס נאָך בעפּוצט, געכאַפּט דאָס ספר־תורה׳לע און אַ טענצעל אין קאָן דערמיט געמאַכט. דער בלינדער עקיבא פּאַטשט מיט די הענד: זיין קינד, זיין יורש, זיין מצבה נאָך איהם. ער קושט עס. יודען מיט די קינדער אויף די הענד טאַנצען אַרום דעם ספר־תורה׳לע, קושען עס, האַלזען עס: אונזער ספר־תורה׳לע, אונזער ספר־תורה׳לע! און די גלעקלעך קלינגען מיט, און די פּייערלעך קנאַקען מיט, און די טראָמייטען שאַלען מיט, און די יודען מיט געזאַנג, מיט געוואַלדען, טאַנצען צו, שפּרינגען צו, און יונגען קנעטען קוילען שניי און שיסען צו און וואַליען צו...

אויף דעם הויף פון דער שוהל, וועלכער איז געוועזן אַרומגערינגעלט מיט אַ נידריגען פּלויט פון שוואַרצע, האַלב־פערברענטע ברעטער, זיינען די דריי חופּות אָנגעקומען. הינטער אַ ווייסען צודעק שניי, וועלכער האָט געגרייכט ביז צום פּלויט, איז די חורבה געלעגען צוגעדעקט. די בעשנייטע חורבה האָט געקוקט מיט איהר ווייסער קאָפּקע אויפ׳ן קאָפּ אין הימעל אַריין; די לבנה האָט זי מיט ליכט בעגאָסען.

ביי דער חורבה האָבען זיך די דריי חופּות אָבגעשטעלט. די

נגונים פון די אלע דריי חופות האבען זיך נישט אויסגעמישט, נישט געשטימט אין איינעם. יעדער ניגון פון יעדער כלי איז זיך זיין בעזונדערען וועג געגאנגען, פאר זיך, און האט בעזונדער אבגעקלונגען. און עס האט זיך געדאכט, אז די נגונים האלטען צווישען זיך מלחמה, איין כלי מיט דער צווייטער. די איידעלע, חסידישע פידלען, די בעל־עגלה׳שע בעמבע און די בעל־הבת׳ישע טראמייטען האבען זיך גע־קריעגט, און איינע האט די אנדערע געוואלט גובר זיין...

---

הינטער דער שטאדט איז די וועלט ארום און ארום אין ווייסען געוועזען בעדעקט. שטיל און רוהיג איז געווען ארום, ווי אויף א גרויסען בית־עולם. אין דער לופטען איז ווייט געהאנגען א נישט־בעשטימטע ווייסע כמארע, וואס האט צוזאמענגעוועבט הימעל און ערד. די לבנה האט איינע אליין ארומגעשפאציערט אין דער ווייסער, שטומער אונ־ענדליכקייט. אויפ׳ן ווייס־בעשנייטען בארג איז אלץ נאך געלעגען אויסגעשפרייט דער בית־עולם, און צווישען זיינע מצבות, וואס האבען קוים פון הינטער דער ווייסער דעק ארויסגעשטארט, האט די לבנה ארומגעשפאציערט, און וואו נישט וואו און וועו נישט וועו א הויכע מצבה מיט ליכט בעגאסען. הינטער דעם פלויט פון בית־עולם איז דער שווארצער טייך גערונען, דער טייך, וואס מען זאגט וועגען איהם אין שטעדטעל, אז ער רינט פון משה רבנו׳ס שטיין ארוים, און וואס זיין וואסער איז א רפואה צו קראנקע אויגען. נאר דער טייך אליין האט זיך נישט געלאזט צודעקען הינטער דער ווייסער צודעק. דא און דארט האבען זיך אין זיין שווארץ וואסער שטיקער שניי געגענאיבער דער לבנה געגעצט, וואס האבען אויסגעזעהן ווי ווילדע ברואים, ווי זיי זיצען אויף די אייער... ווייט הינטער׳ן בית־עולם האט דער שווארצער טייך, אין געשטאלט פון א שווארצער רינע, אין דער ווייסער אונ־ענדליכקייט זיך פערבלאנדזעט, און מען האט נישט געוואוסט וואו זיין סוף איז.

איינער אליין, מיט דעם פעקעל אויף דער פלייצע און מיט׳ן שטעקען אין דער האנד, איז דער וואנדלער געגאנגען איבער׳ן וועג, וואס פיהרט פארביי דעם בית־עולם. צווישען די הויכע, ווייס־בע־שנייטע טאפאלען, וועלכע האבען אין ליכט פון דער לבנה אויסגעזעהן ווי ווייסע עדות. דא איז אלץ רוהיג און שטיל געווען, געלעבט זיין

טויט לעבען. אַלט־קאָזמער האָט פון דערווייטען פערנומען די נגונים פון די פידלען, די צוריסענע טענער פון די געזאַנגען און דאָס ווייטע שאַלענדיגע עכאָ פון די טראָמייטען און פון דער בעמבע. נאָר דאָ האָבען זיך די נגונים נישט געקריעגט, נישט איינער געוואָלט דעם צווייטען גובר זיין. שטיל און רוהיג, ווי פון אַ בעהאַלטענער וועלט, האָבען די טענער אַהער געבלאָנדזעט, און האָבען זיך דאָ אין איינעם אויס־געמישט, צוזאַמענגעקלונגען: יעדער האָט געגעבען זיין טאָן אין ניגון, די חסידישע פידעל, די בעל־הבתישע טראָמייט, די בעל־עגלה'שע בעמבע, און עס איז איין ניגון געוואָרען פון איין שטעדטעל...

און דער וואַנדלער צוזאַמען מיט דעם ניגון האָבען זיך אין איינעם מיט דער שוואַרצער וואַסער־רינע ערגעץ ווייט אין דער ווייסער אונ־ענדליכקייט פערבלאָנדזעט...

# קיין אמעריקא

פון

## שלום אַש

אַרויסגעגעבען פון „פאָרווערטס“
173—175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק
1911

# אינהאַלט פערצייכניס:


| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| | | | | פּיידזשעס: |
| קאַפּ. | 1 | קיין אַמעריקאַ | 3 | — 17 |
| " | 2 | אַליין אין דער פרעמד | 18 | — 30 |
| " | 3 | דער בריעף | 31 | — 38 |
| " | 4 | ווי אַזוי חנה לאה האָט זיך געזעגענט מיט איהרע טויטע קינדער | 39 | — 41 |
| " | 5 | איבער די גרענעץ | 42 | — 51 |
| " | 6 | שיף־ברידער און שיף־שוועסטער | 52 | — 57 |
| " | 7 | צום אַמעריקאַנער ברעג | 58 | — 63 |
| " | 8 | אויף דעם אינזעל פון טרעהרען | 64 | — 70 |
| " | 9 | יאָסעלע | 71 | — 75 |
| " | 10 | אידישע רחמנות | 76 | — 86 |
| " | 11 | דער נס מן השמים | 87 | — 94 |
| " | 12 | דער ערשטער טאָג אין סקוהל | 95 | — 102 |
| " | 13 | אַ זומער־טאָג אין ניו יאָרק | 103 | — 112 |
| " | 14 | יאָסעלע'ס טויט | 113 | — 118 |

# קיין אַמעריקאַ

ווען מאיר איז אַהיים געקומען זונטאג אויף־דער־נאַכט נאָך מעריב, וואו ער האָט זיך געהאַט שוין אָבגעזעגענט מיט זיין חברה, — צו עסען דאָס לעצטע נאַכט־עסען מיט זיין משפחה, בעפאָר ער פאָהרט נאָך אַמעריקא — האָט ער שוין געטראָפען יאָסעלען, זיין איינגסטען, זעקס־יעהריגען זוהן שטעהענדיג אויפ'ן בענקעל און ער איז דער ערשטער געוועזען צו דעם מיט לעפעל־טעלער געדעקטען טיש — און דערזעהענדיג דעם פאָטער, האָט יאָסעלע מיט אַ לעפעל געקלאַפּט אָן טיש, און געשריען הויך אויף זיין קינדיש קול'כעל:

— ווייסט, טאַטע, וואָס די מאַמע קאָכט היינט? — בעבלעך, טאַטע.

די מוטער, חנה־לאה, האָט דעם קאָפּ ארויסגעבויגען פון הינטער דעם פאָרהענגעל, וועלכעס האָט פערשטעלט די קיך, און אויף איהר שוין גאַנץ, גאַנץ אָבגעניצטעם געזיכט האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל, ווי אַ שטילע פרייד האָט זיך צורונען איבער איהר נישט גאַנץ ארויס־געזעהענעם שטערן פון הינטער'ן טיכעל, און די אויגען האָבען אַהין געוויזען אויפ'ן איינגעל.

דער פאָטער האָט מיט אַ געמאַכטען בייזערדיגען טאָן זיך אָנ־גערופען:

— דו יונגאַטש איינער! וואָס די מאַמע קאָכט ווייסטו, און וואָס פאַר אַ סדרה עס געהט, ווייסטו אויך?

—איך וויים! — האָט יאָסעלע ניט אָהן גאוה געענטפערט.

— לאָמיר הערען?!

— לך לך! — ענטפערט יאָסעל אָב מיט איבערצייגונג.

— טאָ אַנטלויף יונגאַטש איינער! — שרייט דער פאָטער מיט דעם פריהעריגען געמאַכטען בייזער.

— האָב איך ניט געוואוסט, טאַטע! — רייצט זיך יאָסעלע.

אָבער די מוטער, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין קיך, אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו יאָסעלען, מיט יענעם מוטערליכען נחת־דיגען שמייכעל, וועלכער איז מעהר עהנליך צו וויינען ווי צו לאַכען — און וועלכער האָט זיך צו חנה־לאה'ס פּנים אַזוי צוגעפּאַסט, וואָרום די גרימאַסע פון צער, וואָס האָט זיך נור תמיד געוויזען אויף דעם געזיכט פון דער אידענע, האָט די קנייטשען צום וויינען פערהאַרטעוועט אין איהר פּנים און ביי יעדער בעוועגונג פון איהר געזיכט, האָט חנה־לאה'ס טרויעריגער פּנים אָנגענומען אַ וויינענדיגע גרימאַסע — איז יעצט בעלויכטען געוועזען מיט נחת פון איהר קינד'ס חכמה. נור באַלד האָט זיך אין קיך, פון וואַנען זי האָט זיך אָקאַרשט אָבגעקעהרט, עפּעס אָנגעהויבען צו זידען און צו לויפען. די אידענע האָט פערגעסען אָן איהר פרייד, און האָט שוין אָנגעשריען אויפ'ן אינגעל מיט אַ טאָן פון אַ קללה, אַזוי ווי דאָס קינד וואָלט שולדיג געוועזען אין דעם:

— ווי דאָס איז אַריינגעטהאָן אין דער אכילה! ווען ער וואָלט נור אַזוי לערנען געוואָלט, ווי עסען. נור די מוטער האָט אויף דעם קליינעם יאָסעלע לשון הרע גערעדט. אין די זעקס יאָהר וואָס יאָסעלע איז אַלט געוועזען, האָט ער צו ווייניג געגעסען און צו פיעל געלערנט, און איבערהויפּט זיינען יאָסעלע'ס יאָהרען ניט דורכגעגאַנגען אין האָניג און פוטער געשמירט. דער קליינער אינגעל, ביי וועלכען עס האָבען זיך נור אַרויסגעוויזען די אויגעלעך פון דעם גוף'ל, וועלכער איז בעשטאַנען פון הויט און ביינער, האָט שוין געהאַט צו פערצייכנען אַ היבש ביסעל פּורעניות.

ער איז געוועזען אַ קינד, וואָס אַלעס האָט זיך צו איהם געטשעפּעט, ווי די מוטער פלעגט אויף איהם זאָגען. וואָס פאַר אַ קרענק עס איז נור אומגעגאַנגען אין שטעדטעל, האָט זי זיך פריהער צוגעטשעפּעט צו יאָסעלען. נור יאָסעלע פלעגט דאָך אַרויסקריכען פון אַלע שאַרלעכס און טיפוסען, און שטעהט אָט דאָ, מיט זיינע זעקס יאהר אידישע־קינדער־לעבען, מיט אַ פאַרטיגע עברי, מיט אַ סדרה און אַ לעפעל אין האַנד.

דער פאָטער האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען, אָנגעקוקט איהם מיט אַ שמייכעל, און געזאָגט צו איהם:

— ווייסטו, יאָסעלע, וואו דער טאַטע פאָהרט?

— נאך אמעריקא. — האט יאסעלע אבגעענטפערט.

— און וואו איז אמעריקא? — פרעגט דער פאטער.

— ווייט, גאנץ ווייט, — ווייזט יאסעלע מיט דער האנד. דער פאטער האט יאסעלע'ס פאות'לעך געגרייזעלט, געגלעט דאס פנים'ל, טיעפער איהם אראבגערוקט דאס היטעלע, וואס ער האט איהם געהאט געקויפט פאר דעם ניט־לאנג פערגאנגענעם שמחת תורה, און האט אין דער 'שטיל געקרעכצט.

(די פאטערליכע צערטליכקייט האט יאסעלע דערנאך געדענקט דורך דער גאנצער צייט וואס דער פאטער איז ניט געווען אין דער היים).

באלד האט זיך די טהיר געעפענט מיט א קנאק, און אין שטיבעל זיינען מיט אמאל אריינגעלאפען צוויי אינגלעך פון א יאהר אכט,ביידע אזוי ווי א צווילינג, מיט גלייכע קאפאטקעלעך און קאשקעטעלעך. זיי זיינען אריין לאבענדיג און פרעהליך, נור דערזעהענדיג דעם פאטער, האבען זיי זיך מיט איין מאל בערוהיגט.

— אהא, די קאמאנדע איז געקומען!! — האט די מוטער אריינ־געווארפען א ווארט פון הינטער'ן אויווען.

די „קאמאנדע" האבען זיך נעבען פאטער ביים טיש אוועקגעזעצט, ווי סטאטיקס.

— וואס איז עפעס די מעשה אזוי פריה? — האט דער פאטער געפרעגט.

— דער רבי האט אונז אהיים געלאזט צו געזעגענען זיך מיט'ן טאטען. — האבען ביידע מיט אמאל אבגעענטפערט.

אלע זיינען א מינוט שטיל געבליבען.

נור יאסעלע, וועלכער איז דא געווען דער אינגסטער, און געפיהלט זיך דא דער געליעבסטער, האט זיך צום ערשטען אנגערופען, פרעהענדיג זיך:

— דער טאטע פאהרט אוועק נאך אמעריקא, נאך אמעריקא!

די אינגלעך האבען ניט געוואגט צו לאכען, כאטש זיי האבען געוואלט.

— וואס איז אויף דיר די שמחה? — האט די מוטער געזאגט ארויפשטעלענדיג די זופ אויפ'ן טיש. — מאיר, וואש זיך! — האט זי געעידיגט דעם זאטע.

— און אויף רחל'ען ועסטו ניט ווארטען?

— איך ווייס ניט וואס זי זיצט אזוי לאנג.

— מן הסתם קען זי ניט דורכקומען מיט'ן פעטער. א קליינינקייט אזא עקשן! — האט מאיר געזאגט מיט א פלינקע בעוועגונג מיט דער באָרד, און האט ארויסגעוויזען אזא צער אויפ'ן קינד. די אידענע איז מיט די זופּ שטעהען געבליעבען און געקוקט אויף איהר מאן. ביי איהר איז עס געווען א וואונדער, אז איהר מאן, וועלכער האט קיינמאל צו די קינדער ניט גערעדט קיין ווייך ווארט, האט שטענדיג געשריען אויף זיי, זאל רעדען מיט אזא צער וועגען זייער עלטסטע טאָכטער רחל'ען, וועלכע איז יעצט געגאנגען פועל'ן ביים פעטער וועגען די 25 רובעל וואס ער האט געזאָלט צוגעבען אויף די הוצאות.

דער פעטער וואָלף איז געווען מאיר'ס א אינגערער ברודער, וועלכער האט געטהאָן א שידוך ניט לויט זייער יחוס, — מיט א גרושה, האט יעצט פערמאָגט א שעהנע פּאָר טויזענד רובעל. פריהער האט ער זיך איבערהויפּט געהאלטען פון־דער־ווייטענס פון איהם, נור דערנאָך, אז דאס געשעפט אין גאס, וואס ער האט געהאט, האט זיך אין גאנצען אָבגעשטעלט, און דאס מפרנס זיין פון זיין ווייב און קינד האט איהם שוין געהאט געבראכט ניט צו איין שאנד, האט ער געמוזט אָנקומען צום „נגיד", צו זיין ברודער, וועמעס ווייב, די גרושה, האט איהם גענגעבען צו בייסען פאר אלעס, וואס ער האט זיך געהאלטען פון־דער־ווייטענס פון זיי — ביז אזוי לאנג, אז דער איד, וועלכער האט נור געקענט דאס געסעל פון זיין שטעדטעל, וואס פיהרט פון זיין הויז צום בית המדרש אריין, האט אָבגעמאכט ביי זיך אראָבצופאָהרען קיין אמעריקא, ווי אלע די וואס האבען ניט געהאט קיין פרנסה אין שטעדטעל האבען געטהאָן, און וואו ער האט געהאט א פּאָאר פון זיין משפחה. און די לעצטע פינף־און־צוואנציג רובעל, וואס עס האט איהם געפעהלט צו דער שיפסקארטע האט ער געוואָלט קריעגען פון זיין ברודער, דעם „נגיד", און, אז ער האט ניט געקענט פועל'ן ביי איהם, האט ער אריינגעשיקט צו איהם זיין עלטסטע מיידעל רחל'ען, וועלכע איז בעקאנט געווען אין געסעל פאר א גאנצע בריה'טע און איז שוין ניט איינמאל דעם פאָטער צוניץ געקומען אין די זאכען; ווארים כאָטש זי איז נאָך אזוי יונג געווען, קוים צעהן יאהר אלט, האט זי שוין אזא מייל'כעל געהאט, אז ווען דער פאָטער איז צוריקגעקומען פון

פעטער מיט גאָרנישט, האָט זי געכאַפּט דאָס טיכעל אויף זיך, און זי האָט געזאָגט, אז זי וועט ניט אוועקגעהן ביז זי וועט ניט ברענגען מיט זיך די פינף־און־צוואַנציג רובעל, וואָס פעהלט דעם טאַטען אויף הוצאות.

מאיר איז זיך ניט געגאַנגען וואשען, נור האָט זיך ארומגעדרעהט איבער׳ן שטוב, געריסען זיך די באָרד און יעדעס מאָל א צוק געגעבען מיט׳ן פּנים, ווי ער וואָלט עפּעס פערטרייבען פון זיך, און צו די אינגלעך האָט ער געזאָגט:

— איהר זאָלט די מאַמען האָרכען! — בעריל! חיים! דו הערסט? איהר זאָלט די מאַמען האָרכען, און איהר זאָלט וועלען לערנען, וועלען לערנען, וואָרום אז איך וועל ניט זיין, ווער וועט זיך...

ער האָט שוין געוואָלט זאָגען א וויך וואָרט, — וואָס איז גאָר ניט לויט זיין כאַראַקטער, נור דאָס דענקען וועגען די וויטע רייזע, און וועגען זיין עלטסטע מיידעל, וואָס שטעהט יעצט און טענה׳ט פאַר׳ן פעטער וועגען די פינף־און־צוואַנציג רובעל, האָט איהם געבראַכט דערצו,— נור דערזעהענדיג ווי בעריל זיצט מיט איין פוס הינטער זיך און מיט׳ן צווייטען פוס ווי ער וואָלט געקניעט, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען:

— זעה ווי דער יונג זיצט, זעה! — די פיס אַראָפּ, דו יונגאַטש איינער!

— אָה, יאָ, שעהן וועלען זיי מיך הערען, עס וועט זיין א חורבן נאָך מיינע יאהרען; ביי וועמען לאָזט מיך איבער? — האָט זיך דאָס ווייב דערמאָנט.

די ביידע אכט־יעהריגע יונגען זיינען געזעסען שטיל, האָבען זיך געפיהלט ווי זיי וואָלטען די מוטער געקוילעט און האָבען מורא געהאַט צו בעוועגען מיט אַן אבר. נור דער קליינער יונג, יאָסעלע, מיט׳ן יאַרמולקע און איינגעשמוצטען פּנים׳ל — ער האָט געקלאַפּט מיט׳ן לעפעל אָן טיש און זיך געפרעהט: „דער טאַטע פאָהרט נאָך אמעריקא! דער טאַטע פאָהרט נאָך אמעריקא!“

נור באַלד איז אריינגעקומען די מוהמע שיינעדלע, אין א טוך איינגעוויקעלט, און די „רויטע פלעקען“ וועלכע האָבען זיך געוויזען אויף איהרע ביינערדיגע באַקען, האָבען אויסגעזאָגט, אז איהרע לונגען זיינען ניט אין גאַנצען... און דעריבער האָט מען זי טאַקע גערופען

„רויטע בעקלעך". אריינגעקומען איז זי מיט א מינע, ווי מען קומט אריין בעווייגען א טוידטען. איידער זי האט נאך געזאגט „גוטען אבענד", האט זי געגעבען א ציה מיט די אקסלען, א הוסט געגעבען און א גנבה'שען בליק געווארפען ארום שטוב און, ווי עפעס ביי די ווענד געפרעגט:

— רחל'ע איז נאך ניט צוריקגעקומען? (די גאנצע שטאדט האט געוואוסט וועגען די פינף־און־צוואנציג רובעל און וועגען רחל'עס שליחות). און ניט ווארטענדיג אויף קיין אנטווארט, האט זי שוין געשטעלט א צווייטע פראגע:

— נאך ניט געגעסען? — און קוים האט זי געענדיגט די פראגע, האט זי שוין געהאט א דריטע:

— און לייבוש איז נאך ניט געוועזן?

די דריטע פראגע האט איהר ברודער, מאיר, מעהר אין אנבעטראכט גענומען ווי די אנדערע. לייבוש איז געוועזן איהר מאן, זיין שוואגער, מיט וועלכען ער פלעגט א גאנץ יאהר זיין ברוגז. כאטש זיי האבען געהערט צו איין שטיבעל און זיינען געפאהרען צו איין רבי'ן. ווארום לייבוש עפשטיין, וועמען מאיר'ס פאטער, עליו השלום, האט גענומען פאר אן איידעם פאר זיין טאכטער שיינדעלע, איז ביי זיי געוועזן א גאנצער מורנו — ער וואקסט פון א שעהנער משפחה — און האט שטענדיג נאר געהאט פרעטענזיעס, אז דער שווער האט איהם ניט אבגעגעבען דעם גאנצען נדן וואס ער האט איהם צוגעזאגט, און איהם ניט אבגעגעבען די גאנצע קעסט, וואס ער האט איהם פערשפראכען. און כאטש דאס איז שוין געוועזן אן אלטע מעשה, און דער שווער איז שוין טויט א יאהר צעהן, און האט קיינעם קיין ירושה ניט איבער־געלאזט — דאך איז ער ברוגז געוועזן אויף דער משפחה און האט נאך ביז היינטיגען טאג פרעטענזיעס צו זיין ווייב. א קאלטער, א ווענינ־רעדעוודיגער, א בעהאלטענער אין זיך, מען האט קיינמאל ניט געוואוסט וואס ער טראכט. נור דאך איז ער געוועזן זעהר א ווארימער משפחה־מיטגליעד. ביי יעדער עראייגניס אין דער משפחה אדער ביי א שמחה אדער ביי אן אונגליק, חלילה, פלעגט ער שטענדיג זיין דער ערשטער; און אויך יעצט, ניט קוקענדיג וואס ער האט ניט גערעדט מיט מאיר'ן, כאטש ער האט איהם יעדען טאג געטראפען, האט ער, אזוי ווי זיין

ווייב שיינדעלע האט יעצט ארויסגעזאגט, געזאלט אריינקומען צו מאיר'ן. דאס האט מאיר'ן אביסעל געוואונדערט.

נאר באלד האט זיך די טהיר האסטיג געעפענט און רחל'ע, קוים באפענדיג דעם אטהעם, איז אריין אין שטוב. איהרע האאר האבען זיך געווארפען פון אונטערען טיכעל. אין דער האנד האט זי געהאלטען א צוקנייטשטען פאפיערעל און מיט א טריאומפירענדע מינע האט זי עס דערלאנגט דעם פאטער.

— ער האט געמוזט געבען!

אלע האבען זיך מיט אמאל געגעבען א ווארף צו דעם צוקנייטש־טען פאפיערעל. דער פאטער האט עס צוגענומען מיט א לאכענדע מינע און האט עפעס ניט־ווילענדיג געגלעט דעם מיידעל'ס קעפעל. דאס איז געווען אזוי אונגאטירליך פאר דעם שטרענגען פאטער, און דאס קינד איז צו אזעלכעס אזוי ניט געוועהנט געווען, אז זי האט זיך פערשעהמט און איז רויט געווארען. די מאמע האט זי באלד גענומען צו זיך אין ווינקעל אריין ביי דער קיך און עפעס זיך מיט איהר גע'סוד'עט. די מוהמע האט זיך עפעס, פאר אלעמען אונבעוואוסט פארוואס, אבגעשאקעלט און דער פאטער האט די טאכטער אויס־געפרעגט ווי עס איז צוגעגאנגען.

— און די מוהמע וואס האט געזאגט, הא? — האט דער פאטער געפרעגט מיט א פרייד, וועלכע האט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואס ער האט יאסעלען אויף די הענד גענומען און איהם אונאויפהערליך געקלאפט איבער'ן געזעסעל. און דעם יונג איז, קענטיג, די פאזיציע געפעלען, ווארום ער האט דו גאנצע צייט געקוקט דעם פאטער אין די אויגען, אויב ער מיינט עס אויף־א־רעכטען־אמת.־

— איך האב דער מוהמע גארנישט געזאגט, איך האב דעם פעטער אבגעוואַרט ביי דער טהיר, ווען ער איז מיט נאך מענשען געשטאנען, און האב אנגעהויבען הויך צו רעדען, אז אלע זאלען הערען. — א, איך בין ניט אזא נאר, אז איך זאל ארויפגעהן צו דער מוהמע! — האט דאס מיידעל מיט א קינדערשער פרייד דערצעהלט.

אלע האבען זיך דעריבער געפרעהט, און די מוטער האט זיך נאך מעהר פון אלעמען געפרעהט, און האט געזאגט צו איהר:

— רחל'ע, דערלאנג צום טיש.

דער פאטער האט אויך אין דיעזען מאמענט פערגעסען אן דער

ווייטער רייזע, וואָס שטעהט איהם פאָר, און נור פרעהענדיג זיך איבער די פינף־און־צוואַנציג קערבלעך, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, און איבער די חכמה פון זיין קינד, האָט ער צו די קינדער געזאָגט: „וואַשען". און איז אַליין אויך געגאַנגען זיך וואַשען צום עסען.

אַלע זיינען אַרום טיש געזעסען. די מוהמע איז געווען די ערשטע וואָס האָט דערמאָהנט אָן דער רייזע. וואָרום די מוהמע האָט שטענדיג די געוואָהנהייט צו רעדען וועגען די שרעקליכסטע זאַכען. זי איז אימער די ערשטע, וועלכע רעדט נור וועגען טויט און דערצעהלט מעשיות פון שדים. די קינדער האָבען שטענדיג פאַר איהר אַ געוויסע מורא, מען זעהט זי תמיד אַליין געהן אויפ'ן בית־עולם, און איבערהויפּט האָט די מוהמע, וועלכע פלעגט תמיד זיין איינגעהילט אין אַ טוך און שטענדיג רויטע פלעקען אויפ'ן פנים געהאַט, עפּעס דערמאָהנט וועגען טויט.

אַזוי האָט זי זיך יעצט אויך אָנגערופען:

— אוי, מאיר'ל, און דו האָסט גאָר קיין מורא ניט פאַר'ן וואַסער? מען זאָגט, אַז מען ווערט קראַנק אויפ'ן וואַסער געהמען זיי און בינדען אָן אָן אַ ברעט און וואַרפען אַריין אין וואַסער. — דערצעהלט זי מיט אַ בעזונדער שמייכעלע, וועלכער ליעגט ווי אַ טויט־שרעק אויף איהרע בלייכע, דינע ליפּעלעך, און איהרע אויגען האָבען דאַן אָנגענומען אַ גרינליכען קאָליר, מאַכענדיג אָן איינדרוק ווי שפּיציגע, און גלייך נאָכ־דעם האָט זי זיך צוהוסט מיט אַ געלעכטערל: כי־כי־כי...

אַ מינוט זיינען אַלע אַרום טיש געזעסען שטיל, און עס האָט זיך נור געהערט דאָס קלאַפּען פון די לעפעל אויף די טעלער פון דער „קאָמאַנדע".

ווען זי האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעהוסט, האָט זי ווייטער אָנגעהויבען:

— ווער וויים צי מיט מיין פּנחס'ן האָבען זיי אויך ניט אַזוי געטהאָן! פאַר דריי יאָהר איז דער יונג אַוועק און מען הערט ניט פון איהם און מען זעהט ניט פון איהם.

— דאָס איז שוין ניט וואָהר. הענך'ל דער שניידער האָט דאָך איהם אַליין געזעהן אין לאָנדאָן — שפּיעלט אין קאָרטען און איז אַ היטעלמאַכער... — האָט זיך חנה־לאה אָבגערופען.

די מוהמע האָט עפּעס מאָדנע אַרויסגעשמייכעלט פון אונטער איהר טוך.

— ביי אייך איז עס אַזאַ משפּחה־פעהלער, צו פערגעסען איינער אָן דעם צווייטען. איז אייער יונג אַוועק — וויל ער ניט הערען, וויל ער ניט געדענקען אָן אייך. האָט איהר געהערט אַביסעל אַ זוהן! — האָט זיך די אידענע אַלץ ניט געקענט בערוהיגען.

ווידער האָט זיך געהערט דאָס מאָדנע שמייכעלע מיט'ן הוסט אויסגעמישט: כי־כי־כי! פון דער מוהמע, וועלכעס האָט אויף די קינדער אַ שרעק אָנגעוואָרפען. און פון דער העלער הויט, ביים ערשטען לעפעל, איז די אידענע, חנה־לאה, אַרוים מיט איהר געוויין:

— אוי, מאיר, אויף וועמען לאָזטו מיך? וואוהין פאָהרסטו? — האָט די אידענע הויך געכליפּעט און פערשטעלט די אויגען מיט'ן פאַרטוך.

רחל'ע האָט אויך דעם לעפעל אַוועקגעלעגט און מיטגעהאָלפען דער מאַמען; דער פאָטער האָט טרויעריג ערגעץ־וואו געקוקט, זיך די האָאר פון דער באָרד געביסען, נור די „קאָמאַנדע" אַליין האָט זיך ניט געלאָזט געריהרט ווערען. אַזוי ווי זיי זיינען שוין געוועזען צוגעוועהנט צו דער מוטער'ס טרערען, האָבען זיי ווייטער געגעסען.

יאָסעלע אַליין איז געזעסען און איינגעקוקט זיך דער מוהמע אין פּנים אַריין. אויף איהם האָבען דער מוהמע'ס ווערטער וועגען „אָנביג־דען אָן ברעט", כאָטש ער האָט עס ניט אין גאַנצען פערשטאַנען, אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט. ער האָט דערפיהלט, אַז די מוהמע האָט עפּעס דערצעהלט שרעקליכעס, און ניט דער מוטער'ס טרערען יעצט, נור דער מוהמע'ס זיפצען און די „רויטע בעקעלעך" האָבען איהם דער־שראָקען, אַז ער האָט שוין געהאַלטען ביים וויינען.

די מוהמע האָט יעצט אָנגעהויבען טרייסטען:

— נו, ניט אַלע ווערען דאָך קראַנק, ניט אַלעמען בינדט מען דאָך אָן אָן אַ ברעט.

חנה'לאה האָט זיך אָבער שוין מעהר ניט געלאָזט טרייסטען, און אַלע צרות, וואָס האָבען זיך איהר געטראָפען אין איהר גאַנצען לעבען, — און אַזעלכע זיינען ניט געוועזען ווייניג — האָבען יעצט אָן אָבקלאַנג געפונען אין איהרע טרערען. נור באַלד האָט זיך די טהיר געעפענט און אַ שטילער, טרויעריגער „גוטען־אָבענד" האָט זיך געהערט. אין

שטוב האָט זיך אַריינגעשלעפּט אַ הויכער, פּינסטערער מאַנספּערזאָן פון אַ יאָהר עטליכע און פערציג, אָרעם געקליידעט, און האָט זיך אָהן אַ וואָרט אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל פון שטוב.

— לייביש, דו ביזט עס?

— יא, איך, איך. — האָט זיך געהערט אַ בייזער טאָן.

דעם בייזערדיגען טאָן האָט דער איד נור אָנגעוואוינדעט, ווען ער האָט גערעדט מיט זיין ווייב און קינדער. אין הארצען איז ער געווען אַ גוטער מענש, און האָט קיינעם ניט געקענט קיין שלעכט וואָרט זאָגען און קיין הויכע שטימע אָנווענדען. דורך דעם טאַקע איז ער געווען אַ לא יוצלח, און צו וואָס ער האָט זיך גענומען איז איהם ניט געגאַנגען. ער האָט פלינק אָבגעטראָטען יענעם, און זיך ניט געקענט קריגען און דינגען, און נור עפּעס צו זיינע אייגענע האָט ער ניט געקענט אַנדערש רעדען, נור ווי אין אַ געבייזער: ער האָט קיין מאָל צו זיין ווייב און קינד קיין גוט וואָרט ניט געזאָגט, כאָטש ער האָט זיי טיעף אינעווענינ געליעבט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער האָט גערעדט צו זיין ווייב עפּעס אַנדערש ווי אין געבייזער, איז עס מעשה חונף, און דאָס האָט ער ניט געליעבט. דורך דעם איז אַזאַ וואונדער געווען פאַר אַלע ביים טיש, ווען זיי האָבען פּלוצלונג דערהערט דעם פעטער'ס קול, וואָס זיי האָבען אַזוי זעלטען-ווען געהערט, ווי ער האָט אָנגעהויבען צו טרייסטען חנה-לאה'ן:

— וואָס האָט זי צו וויינען, זי האָט ניט וואָס צו וויינען; אַ וועלט מיט מענשען פאָהרען, און אַלע קומען בשלום אהין; מיט השם יתברך'ס הילף וועט ער געזונטערהייד אָנקומען. אַ וועלט מיט מענשען פאָהרען, זי האָט ניט וואָס צו וויינען.

די ווערטער האָבען אין גאַנצען ווייך געמאַכט לייביש'ן, און ער האָט אָנגענומען דעם טאָן, וועלכער איז געלעגען אין זיין כאַראַקטער, און האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט זיין שוואָגער, ווי זיי וואָלטען די בעסטע גוטע פריינד געווען — האלב אביסעל אין שפּאַט אויף די ווייבער:

— אַ אידענע, וויינט זי; ווייסט ניט, מעשה אידענע, וויינט זי.

— און שטילער, צוגויגענדיג זיך צום שוואָגער — עס איז ניט קיין וואונדער אין אַזאַ ווייט מקום.

— אודאי אַזוי, אודאי אַזוי, — האָט זיך מאיר פרום געשאָקעלט.

— ער וועט אפשר אונזער פּנחס'ן בעגעגענען, לייביש? — האָט זיך די מוהמע אָנגערופען צום מאַן.

— אונזער פּנחס'ן? — וועמען נאָך, דעם ימח־שמו'ניק אודאי, שוין א מיתה משונה איינגענומען! — האָט דער איד גאָר אַנדערש געענדערט דעם טאָן, ווען ער האָט אָבגעענטפערט דעם ווייב זיינס.

מאיר האָט זיך באַלד גענומען צום בענשען, און האָט זיך זעהר ערנסט און פרום געשאָקעלט דערביי, און אייניגע מאָל זעהר טיעף מיט צער אָבגעקרעכצט אין בענשען, אויף וועלכען דער שוואָגער האָט איהם צוגעהאָלפען. אז מאיר האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש, איז ער צוגעגאַנגען צו לייביש'ן, און האָט געזאָגט זעהר שטיל און ערנסט, ווי ער וואָלט זיך געוועזן פערענטפערט:

— עס איז באו מים עד נפש, איך האָב אַנדערש ניט געקענט, — אפשר פערלאַנגט דער רבונו של עולם אז איך זאָל האָבען גלות — וועל איך האָבען גלות, — אבי מיין ווייב און קינדער א שטיקעל ברויט, וויזט ער אויפ'ן ווייב און קינדער — איך קען ניט אַנדערש, לייביש,— איך וועל ווערען א פּראָסטער יגיע כפים — איך האָב קיין אַנדער עצה ניט; דאָ שעהם איך זיך, איך וועל אַרבּייטען פון מיר די בושה.

— און מיט'ן אידישקייט? — פרעגט דער שוואָגער, קרעכצענדיג.

— אזוי ווייט ווי דער רבונו של עולם וועט מיר העלפען — מילא, אז מען וויל זיין א איד, קען מען אומעטום זיין א איד — דער וואָס וויל.

— אודאי, — ענטפערט לייביש אָב.

— און וואָס דער רבי האָט געזאָגט, ווייסטו דאָך אודאי.

— יא, איך האָב עס געהערט אין שטיבעל. אודאי מיט'ן רבונו של עולם'ס הילף.

—— און וואָס קענען מיר מעהר טהון?

דערווייל ווי מאיר און לייביש האָבען געפיהרט דעם געשפּרעך, האָבען זיך די ווייבער, די צוויי שווענגערינס, וועלכע פלעגען אויך א גאַנץ יאָהר זיין ניט קיין גרויסע גוטע פריינד, אין א ווינקעל זיך פער־קליעבען און גערעדט צווישען זיך זעהר פערטרויליך. חנה־לאה האָט איהר דערצעהלט וועגען די מעשה מיט א גט אויף א תנאי, וועגען וועלכע מען האָט עפּעס גערעדט, אז דער מאַן זאָל געבען, און זי האָט ניט געוואָלט הערען און געדענקען דערפון. שיינדעלע האָט איהר רעכט

געגעבען און דערצעהלט באַלד דערביי עפּעס אַ שרעקליכע מעשה און האָט דערביי געגעבען אָנצוהערען, אַז מען דאַרף זעהר פאָרזיכטיג זיין, וואָרום דאָרט, אין דער נייער וועלט, פּערלויפען זיך מעשיות מיט מענער מיט פרעמדע ווייבער... און האָט דערביי חנה־לאה'ן דאָס האַרץ אָבגעשראָקען...

רחל'ע איז געזעסען ביי די ווייבער און אויסגעהאָרכט דאָס געשפּרעך, און אָנטהייל גענומען דערינען ווי אַן ערוואַקסענע אידענע. די געלעגענהייט האָבען די „קאָמאַנדע" בענוצט, און האָבען אָנגעהויבען צו געפינען אין די אויגען פון די „גרינע מוהמע", ווי זיי פלעגען רופען די מוהמע שיינדעלע, „קליינע מענשעלעך", וועלכע טוקען זיך אין דעם ים. און בעריל, דער אינגערער פון די „קאָמאַנדע", וועלכער האָט זיך געקענט אויף „די זאַכען", האָט דערצעהלט וועגען פערשיעדענע כשוף־מאַכערינס און מכשפות, וואָס הענגען זיך אָן די פרענזלען פון דער „גרינער מוהמע'ס" פּאַטשיילע און ווערען פערטרונקען אין איהרע אויגען. און בעריל האָט געוויזען אויף די אויגען פון דער מוהמע, וועלכע האָבען יעצט ביי דער שיין פון'ם נאַכט־לאָמפּ און ביים דער־צעהלען דער מאַמע'ן די שרעקליכסטע זאַכען פון ווייבער וואָס פער־פיהרען פרעמדע מענער דאָרט אין אַמעריקאַ, טאַקע אָנגענומען אַ גרינעם קאָליר, און אַ סך מענשעלעך האָבען זיך אין זיי געטוקט: אַלע וואָס זיינען אין שטוב געווען; און פון דעם האָט בעריל אַרויס־גענומען, אַז אַ שיף אויפ'ן ים געהט אונטער, און ער האָט דערצעהלט וועגען גרויסען ים און די שיפען, און די פיש און חיות וואָס זיינען אין ים, ווי ער וואָלט דאָס אַלעס מיט די אויגען געזעהן. דערביי איז יאָסעלע געזעסען און האָט אויסגעשטעלט די גרויסע אויגען זיינע און געשלונגען יעדעס וואָרט, און ער האָט דאָס אַלעס געזעהן מיט זיינע גרויסע אויגען וואָס בעריל האָט דערצעהלט, און ער האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאַר דעם ים, און פאַר דער מוהמע, און פאַר אַלעם, ביז ער האָט אָנגעהויבען צו וויינען. אויף דעם וויינען האָט אויך קיינער קיין אכט ניט געגעבען און קיינער האָט זיך ניט געלאָזט שטערען אין געשפּרעך, ביז ער איז איינגעשלאָפען אויף דעם פאָטער'ס געפּאַקטען זאַק, וועלכער איז געלעגען אין אַ ווינקעל, מיט די שרעקליכ־סטע חלומות אודאי וועגען ים, און וועגען די מענשעלעך וואָס טוקען זיך אין די „גרינע מוהמע'ס" אויגען, און ניט לאַנג האָט איהם אויך

געפאָלגט די „קאָמאַנדע“, בעריל און חיים, וועלכע זיינען אויך איינ־געשלאָפען אויף דעם צווייטען זאַק, און האָבען די שטיוועל אויס־געשטרעקט אין שטוב אריין.

---

די נאַכט איז נאָך געלעגען טיעף און שווארץ איבער דער ערד, און האָט אויך אָנגעפילט מיט פינסטערניס מאיר'ס קליינע שטיבעל, ווען דער איד איז געשטאַנען פאר'ן הילצערנעם בעט פון זיינע צוויי קדיש־זאָגער'ס, בעריל און חיים, און האָט עפּעס שטיל אריינגעמור־מעלט זיך אין דער גרויסער באָרד אריין. זיין געזיכט האָט קיינער ניט געזעהן, און דורך דעם קען איך ניט זאָגען אויב זיין געזיכט האָט אנדערש אויסגעזעהען, ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט זיינע קינדער, וואָרום כאָטש די שטוב איז געווען בעלויכטען מיט דער ליכטיגקייט פון א דין נאָפטען־קנייטעל, אָבער דער איד האָט געהאַלטען די אויגען פערמאַכט און זיין גאַנץ פּנים איז געווען פערשטעקט אין די האָאר פון דער באָרד, נור מיט די הענד האָט ער געטאַפּט די קעפּ פון דער „קאָמאַנדע“, וועלכע זיינען יעצט געלעגען, און ביי דער שיין פון ליכטעל האָבען זיי גאָרניט אויסגעזעהן ווי א „קאָמאַנדע“, נור ווי צוויי דינע צווייגעלעך אָדער ווי צוויי קעלבער, וואָס בויגען צו די קעפּ איינס צום צווייטען און קענען נעבעך „קיין צוויי ניט צעהלען“. דער פאָטער האָט זיי צוריק אָנגעטהאָן די יאַרמולקעס, וועלכע זיינען געווען אראָב־געפאַלען פון זייערע קעפּ, און טאַפּענדיג מיט זיינע הענד זייערע קעפּ, האָט ער עפּעס געמורמעלט, און די אויגען געהאַלטען פערמאַכט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו יאָסעלע'ן, וועלכער, מען דאַרף זאָגען צו זיין שאַנד, איז נאָך געשלאָפען מיט דער מוטער. ער האָט איהם אַן אויגענבליק אָנגעקוקט, און א קרעכץ געגעבען, — ביי מאיר'ן א קרעכץ איז ניט קיין חדוש — און זיך אראָבגעבויגען, און — א גאָט, יאָסעלע'ן א קוש אין קעפּעל געגעבען.

ער האָט געמיינט, אַז יאָסעלע שלאָפט. ערשט, אַז חנה־לאה וואָס איז דערביי געשטאַנען האָט צוגעבויגען דאָס ליכט, וואָלענדיג דעם מאַן וויזען יאָסעלע'ס פּנים'ל, האָבען זיי דערזעהען יאָסעלע'ס שווארצע אויגען, וועלכע זיינען ברייט אָפען געווען און געקוקט מיט בעלעבונג אין די אָפענע נאַכט אריין. דער פאָטער האָט זיך דאַן צו איהם אָנגערופען:

— דער טאטע פאָהרט אוועק, יאָסעלע, — פאָהרט ווייט אוועק.

יאָסעלע האָט געשוויגען, נור די אויגען האָבען אויסגעזאָגט, אז ער הערט אַלעס צו אויפמערקזאם.

— און עס וועט ניט זיין קיינער, ווער עס זאָל דיך פערהערען... בעגעהר צו לערנען, יאָסעלע, בעגעהר, און דאַווען פרום אין שטיבל, און לויף ניט ארום... און הארך די מאמע, יאָסעלע... וואָרום דער טאטע וועט ניט זיין... — האָט מאיר געזאָגט.

יאָסעלע האָט אַלץ געשוויגען, נור ער האָט מיט אמאָל אַלעס פערשטאַנען און גוט געוואוסט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און האָט געפיהלט זיין גאַנץ אידיש יתום'קייט... און אז דער פאָטער האָט זיך אראָבגעבויגען צו איהם און האָט איהם דאָס לעצטע מאָל א קוש געגעבען, האָט יאָסעלע אָבגעענטפערט:

— פאָהר געזונטערהייט, טאטע. — און דאָס האָט געהייסען אז ער זאָגט צו אַלעס, וואָס דער פאטער האָט געזאָגט.

דאָס קושען איז עפּעס אזוי אוננאַטירליך געווען פאַר דעם איד, אז חנה־לאה האָט זיך דערביי הויך צעוויינט. ער האָט זיך ווידער אראָבגעבויגען און ווידער א קוש געגעבען, און האָט עפּעס הויך געזאָגט; און ווידער די אויגען פערמאַכט און מיט'ן קאָפּ צוגע־שאָקעלט. דערנאָך איז ער ארויס אין בעגלייטונג פון זיין ווייב, מיט זיין עלטסטע מיידעל צו דער פוהר צו, מיט די צוויי אָנגעפילטע זעק.

אז די פוהר האָט זיך געריהרט, האָט זיך חנה־לאה צעוויינט, און האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די מעשה וואָס שיינדעלע האָט איהר דערצעהלט, און זי האָט הויך נאָכ־געשריען:

—מאיר, פערגעס ניט, אז דו לאָזט א ווייב מיט קינדער איבער!

אז די אידענע האָט שוין געענדיגט דעם זאַץ, האָט זי זיך פער־שעהמט און געוואָלט צוריקכאַפּען זיך, אבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

מאיר האָט זיך אויך פערשעהמט.

אז יאָסעלע האָט געהאַט די אויגען געעפענט, האָט ער געטראָפען די „קאָמאנדע“ זיצענדיג אויף דער ערד, און אַלע שטוהלען פון שטיבעל איבערגעקעהרט, און זיי האָבען איהם אָפּיצעל מיטגעטהיילט.

— היינט געהען מיר ניט אין חדר אריין, דער טאטע איז נאך אמעריקא געפאהרען.

יאסעלע האט זיי גאר ניט געענטפערט, ער האט ביי זיך אין זיין הערצעל בעהאלטען דעם פאטער'ס ווערטער, און א געוויסער שטאלץ האט איהם ארומגענומען אויף דעם וואס דער פאטער האט איהם געזאגט, און ער האט ביי זיך אבגעמאכט אלעס צו פאלגען וואס דער פאטער האט איהם אנגעזאגט.

# אַליין אין דער פרעמד

אזוי ווי אַן איינזאַמער אין אַ ווידסטע איז מאיר געזעסען אויף דעם דריטען שטאָק אין איינס פון די טענעמענט־הייזער אויף עסעקס סטריט, אין ניו יאָרק, וואָס איז ביים ברעג אויף יענער זייט אָקעאַן — צווישען אַ פינף מיליאָניגע בעפעלקערונג, און צווישען ניין הונדערט טויזענד זייגע אייגענע גלויבענס־גענאָסען. צו קיין חברה, צו קיין סאָסייעטי, סיי ציווילע אָדער רעליגיעזע קאָנגרעגיישאָנס האָט ער נישט געהערט, און האָט זיך איבערהויפט מיט קיינעם נישט געמישט. די לאַנדסלייט פון דער דריטער סטריט, צו וועלכע ער האָט אַן אדרעס געהאַט און וועלכע האָבען איהם פון שיף אָראָבגענומען, האָבען איהם געשאַפט אַ אידיש „פלייס", אַ שאָפּ, אין וועלכען מען ארבייט ניט שבת. שוין העכער פון זיבען חדשים זיצט מאיר ביי אַ פענסטער, וואָס געהט ארויס געגענאיבער אַ הויכער וואַנד, און נייהט אויף דער מאַשין זויםען פון העמדער. ווי אזוי ער איז דאָרט אַהין געקומען, ווייס ער נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט, כאָטש ער פאָהרט יעדען טאָג צו דער ארבייט, און יעדען טאָג פון דער ארבייט. דער לאַנדסמאַן, דער קרוב, די מוהמע מלכה'לעס (דעם טאַטען'ס אַ שוועסטער'ס) אַ זוהן האָט איהם ארייגעפיהרט אין אַ טיעפען קעלער, און ער איז מיט דער באַהן אַהין־געפאָהרען. פון דענסטמאָל אָן פאָהרט ער יעדען טאָג צו דער ארבייט און יעדען טאָג פון דער ארבייט. ער האָט זיך גאָר נישט געוואונדערט איבער די באַהן, וואָס לויפט ווי אַ שרעקליכע חיה אין דר'ערד; ער האָט איבער זיין וועג קיין אַמעריקא אַזוי פיעל זאַכען געזעהן, און דער קאָפּ איז איהם אַזוי בערוישט געוועזען, אַז ער וואָלט זיך שוין אויף גאָר נישט געוואונדערט. ער האָט זיך אויך נישט געוואונדערט, ווען דער קרוב האָט איהם פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל העמדער נייהען, און אַז מ'האָט איהם ביי אַ מאַשין אוועקגע־זעצט...

ער, מאיר ר׳ יאָסעלע סאָחאַטשאָווער׳ס, וואָס די שטאָדט האָט געקלונגען מיט זיין לערנען, אַ גערער חסיד, און איז עפּעס פון דער היים־אויס אַ סוחר געווען — זאָל ווערען אַ העמדעל־נייהער, ווי סעגדעריל דער „דאַמסקער“ שניידער ביי זיי אין שטעדטעל! — דאָ איז אַלעס מעגליך און פאַר דעם איז עס דאָך אַמעריקאַ. עס איז קיין חרפּה ניטאָ, און צו דעם איז ער דאָך אַראָבגעקומען, און דער עיקר פּרנסה, — פון דעם וועט ער דאָך קענען מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער אין דער היים, וועלכע וואַרטען אויס אויף אַ בריוועל מיט אַ רובעל. איז ער באַלד צוגעוואוינט געוואָרען, האָט צוגעלעגט דעם קאָפּ און זיך געזאָגט: „דאָס איז מיין פּרנסה“, — איז ער געזעסען טאַקע אַ גאַנצען טאָג, אַלע אָהן היט — ער אין אַ קאַפּעל. עס זיינען דאָרט מיידלעך אויך געווען. ער האָט זיי נישט געזעהן, און האָט געאַרבייט מיט פּליים, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט, פאַר זיך אַליין האָט ער זיך איבערגע׳חזר׳ט אַ משנה, אָבער מעהרסטען איז זיין געדאַנק געווען פערנומען מיט דער היים: וואָס מאַכען די קינדער, און יאָסעלע. ער האָט בעשיינפּערליך געזעהן ווי יאָסעלע זיצט אין חדר און לערענט די פּרשה חומש און טייטשט אויס דעם „ואני“; האָט אַ גוט קעפּעל און פערנעהמט, און געהט צווישען מנחה־מעריב אין בית־המדרש אַריין און דאַווענט פרום. „אַ גוט אינגעל“, האָט ער זיך געזאָגט, און דאָס האַרץ איז איהם אויסגעגאַנגען פאַר בענקעניש נאָך איהם. און אַז עס איז טאַקע געקומען, אַז ער האָט אַהיים געשיקט חנה לאה׳ן די ערשטע צעהן רובעל (דאָרט איז עס נור פינף טאַלער), איז מי ידמה ומי ישוה לו — טאַקע דאָס האַרץ איז איהם פול געוואָרען מיט פרייד. ער איז געווען מיט זיי אין דער היים; ער האָט געזעהן, ווי דער פּאָסטמייסטער טראָגט אַריין דעם בריעף, און זיין שוואָגער לייביש לייענט איהם פאָר חנה לאה׳ן, — זי איז דאָך אַ צדיקית, אַ צדיקית ממש, מילא וואָס די אידענע רייסט זיך אויס, צער גדול בנים, און אַלעס אויף איהר, און די קינדער, — שכר למוד געלד, און יאָסעלע שטעהט ביי די מאַמע און רייסט זי ביים שירץ: „וויז מיר דעם טאַטען׳ס בריעף“.

מען זאָגט, אַמעריקאַ איז אַ לאַנד, וואו מען קען נישט אָבהיטען דאָס אידישקייט ווי מען דאַרף. עס איז אָבער נישט אַזוי. דער וואָס וויל אָבהיטען דאָס אידישקייט, קען עס אומעטום אָבהיטען.

והא ראיה, מאיר פלעגט זיך אויפהויבען, ווען עס איז נאָך טונקעל געווען, כדי ער זאָל קענען פאַר'ן דאווגען נאָך אָבלערנען זיין פּרק משניות, ווי ער איז געוואוינט געווען פון קינדהייט אָן (משניות'ן האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים). צוערשט האָט דער „באָרדער", דער יונגער־מאַן וואָס איז געשלאָפען מיט איהם אין איין שטוב תרעומות געהאַט; ער לאָזט ניט שלאָפען. דערנאָך האָט ער זיך צוגעוואוינט צו איהם. האָט זיך מאיר פערקליבען אין זיין ווינ־קעל פון שטוב, וואו זיין בעט און זיין קעסטעל זיינען געשטאַנען, און דאָרט איז זיין היים געווען. דאָרט, ביים טישעל, האָט ער אין דער־פריה געלערנט, געדאַווענט בעפאָר ער איז צו דער ארבייט געגאַנגען. דאָרט אין זיין ווינקעל האָט ער זיך פריטאָג צו נאַכט זייגע צוויי שבת־ליכט אָנגעצונדען, און ביי זיי „שלום עליכם" געזאָגט: איהם האָט ניט געאַרט וואָס עס איז פאַרגעקומען אַרום איהם — ער האָט עס ניט געזעהן. טהיילמאָל ווי ער פלעגט פרייטאָג צו נאַכט זיצען ביי זיין טישעל און מקבל שבת זיין, איז פּונקט זיין שכן געזעסען און האָט געטהאָן אַ וואָכעדיגע ארבייט, אָדער האָט מיט זיינעם אַ חבר קאָרטען געשפּיעלט; ער האָט זיי ניט קיין מוסר געזאָגט; ער האָט געוואוסט עס וועט ניט העלפען. ער איז זיך ניט געגאַנגען זוכען קיין אַנדערע וואָהנונגען; ער האָט געוואוסט, אז אַנדערש־וואו וועט אויך אזוי זיין, נור ער האָט ניט געקוקט און ניט געזעהן וואָס עס טהוט זיך אין צווייטען ווינקעל — אין זיין ווינקעל איז געווען שבת קודש.

אין קיין חברה האָט ער ניט געדאַווענט. דעם ערשטען פרייטאָג צו נאַכט האָבען איהם די לאַנדסלייט פון דער דריטער סטריט מיט־גענומען אין די „קאָנגרעגיישאָן אַנשי לענשנע", די חברה פון זייער שטאָדט. די חברה איז געווען אויף די זעלבע גאַס וואו ער וואָהנט, אויף עסעקס סטריט. אז ער איז געגאַנגען אין חברה אריין, פריי־טאָג פאַר נאַכט, איז די גאַס געווען פול געפּאַקט מיט מענשען, און, ווי עפּעס אויף להכעיס דעם שבת, איז דער גרעסטער מאַרק געווען פרייטאָג צו נאַכט. מיט די נאַכט האָבען זיך געמעהרט די טישלעך אין מיטען דער גאַס, און האָבען פערשטעלט דעם גאַנצען דורכגאַנג פון דער גאַס, און ביי יעדען טישעל זיינען געשטאַנען רעדלעך מענ־שען. דאָס זיינען געווען אַהיים־געהענדע אידישע אַרבייטער פון די

שאפס. זיי האבען זיך איינגעהערט צו די געוואלדיגע אויסרופען פון די סוחרים, וועלכע האבען אויסגעריהמט זייער סחורה מיט די גרעסטע געשרייען. אידישע אינגלעך, — ער האט זיי דערקענט אין די פנים'ער, — האבען אין דעם שבת אריינגעשפיעלט באלל אין מיטען גאס, האבען פייער אנגעצונדען פון דעם ליעגענדען מיסט און פאפיער און קיינער האט זיי ניט דערמאהנט, אז עס איז שבת. דער האנדעל פון דער וואכענס האט איהם נאכגעיאגט ביז צו די טהיר פון די חברה, און נאך אויף די טרעפלאך וואס פיהרען ארויף צו די חברה זיינען געזעסען אידישע ווייבער און האבען געפיהרט א האנדעל מיט די וואס געהען אין די חברה אריין דאווענען. ער האט זיך ענטרונען פון דער וואכענס, וואס איז אויף דער גאס, אין די חברה; נור דער שבת וואס איז געוועזן אין די חברה, וואס איז געשטאנען אין מיטען גרעסטען „דערוואכענס", איז געוועזן אן ארימער, א וואכעדיגער, און האט געמאכט אן איינדרוק, ווי ער וואלט פערטרונקען געווארען אין דעם גרויסען וואכעדיגען טאג, אין וועלכען ער איז געשטאנען. ער האט זיך ארומגעקוקט און האט געזעהן א בעלעמער און אן ארון, וועלכען א איד האט ארויסגערוקט פון א ווינקעל אין מיטען שטוב.

א צווייטער איד האט אנגעהויבען ליכטלעך אנציינדען, כאטש עס איז שוין געוועזן א שטיק אין שבת אריין. די חברה האט זיך אנגעהויבען איינציגווייז אנצופילען. דאס זיינען מעהרסטענס געוועזן בעלי מלאכות פון זיין שטעדטעל, וועלכע ער האט נאך געקענט פון דער היים. טהייל האט ער געקענט פון גאנץ אלטע יאהרען, וועלכע ער האט געזעהן ווען ער איז נאך א קינד געוועזן, זיי האבען געמאכט אויף איהם דעם איינדרוק ווי זיי וואלטען איהם ערשיינען אין א חלום. אנדערע האט ער ניט געקענט פון דער היים. דער גבאי איז געוועזן א טאנדעטנער שניידער פון דער היים. „קאזיען" פלעגט מען איהם רופען, מיט א געל בערדעל. מען האט איהם אמאל פאר א גנבה פערשיקט נאך בריסק און פון דאמאלס אן איז ער פערשוואונדען געווארען... דא איז ער געוועזן דער גאנצער בעל־הבית פון שוהל; ער האט מאיר'ן מיט א ברייטקייט שלום עליכם אבגעגעבען און געקוקט אויף איהם יעצט ווי מיט א רחמנות־פנים. ער האט זיך ארומגעקוקט, געזוכט א בעקאנטען פון דער היים, מיט וועלכען ער זאל אווארט קענען רעדען — ער האט נאר געזעהן צווישען זיי בעלי־מלאכות;

ניט פון זיינע מענשען. זיי האָבען איהם שלום עליכם געגעבען, און האָבען איהם אויסגעפרעגט פון דער היים.

באַלד איז צוגעגאַנגען אַ איד צום באַלעמער און האָט זיך אוועק־געשטעלט דאַוונען. ער האָט איהם געקענט, — עפּעס אַ געוועזענער קאַוואַל אין זייער שטעדטעל...

מאיר האָט זיך דערמאָהנט דעם שבת אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעדטעל, וואו אַלע געוועלבער ווערען פערמאַכט, די גאַנצע שטאָדט איז פערשלאָסען, און ר׳ לייבעל בער׳ס דעם רבי׳נס חזן׳ס קבלת שבת — און אַ בענקשאַפט האָט איהם ארומגענומען נאָך דער היים, זיין ווייב, זיין הויזגעזינד, זיינע קינדער. שבת — זיין יאָסעלע שטעהט יעצט אין רונדען קאַשקעטעל, וואָס ער האָט איהם געקויפט אויפ׳ן לעצטען שמחת תורה (מאיר האָט יאָסעלע׳ן אַלץ געזעהן אין דעם קאַשקעטעל), און שאָקעלט זיך איבער׳ן סדור. אין דער היים איז געגרייט צום טיש. די לייכטערלעך ברענען, און חנה־לאה, אַן אשת חיל, איז אָנגעטהאָן אין די נייע הויב — און ער איז אַזוי ווייט — אָבער קיין עגמת נפש האָט ער זיך ניט צוגעלאָזט — עס איז דאָך שבת און קבלת שבת בצבור, האָט ער מיטגעזונגען דעם „שנייד־דערשען" „לכה דודי". נאָכ׳ן דאַוונען האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, ווי ער איז געוואוינט געווען פון דער היים, ניט גלייך נאָכ׳ן דאַוונען אַהיים צו געהן — נור צו לערנען פרייטאָג צו נאַכטס נאָכ׳ן דאַוונען — און צו וועמען האָט ער געהאַט זיך אַהיים צו איילען? און שבת׳דיג האָט ער זיך דאָך געפיהלט, כאָטש אין די בגדים. גאָר אַזוי ווי ער זיצט און שאָקעלט זיך איבער „אתקינות סעודתא", זעהט ער ווי מען רוקט ווידער אָב דעם אָרון קודש מיט׳ן בעלעמער אין אַ ווינקעל אריין, און מען פערהייגגט עס מיט עפּעס — און עס הויבען זיך אָן צו ווייזען גאָר אַן אַנדערער עולם — עפּעס כלי־זמרים, מיט בתולות און בחורים. מאיר הערט אויף צו זאָגען, קוקט זיך אום פער־וואונדערט. עס געהט צו איהם צו דער זעלבער איד, וואָס האָט די ליכטלעך אָנגעצונדען, אין דעם גאַליציאַנער קאַשקעטעל, און מיט׳ן גאַליציאַנער לשון זאָגט ער איהם:

ר׳ פּעטער, איהר וועט דאָס אָרט פערלאָזען, מען דאַרף די טישען צושטעלען, וואָרים דער טאַנץ־מייסטער קומט באַלד צוגעהן.

— וואָס, אין אַ מקום קדוש, פרייטאָג צו נאַכטס?! שרייט אויס מאיר.

— די „קאָנגרעגיישאָן אַנשי לענשנע" האָוועגט דאָ יעדען פריי־טאָג פון 6 ביז 8 ווינטער־טיים, און פון 7 ביז 9 זומער־טיים, עס איז שוין נאָך אכט, פון אכט אוהר קומט דער טאַנץ־מייסטער.

— דאָ, אין מקום קדוש! — וואונדערט זיך נאָך מאיר.

— יעצט איז עס שוין נישט קיין מקום קדוש, יעצט איז עס אַ טאַנץ־האָלל.

מאיר האָט געכאַפּט דעם סדור און איז אנטלאָפען. פון דענסט־מאָל אָן דאַווענט ער נישט אין קיין חברה, עסט ניט קיין פלייש פון אַמעריקאַנער שחיטה, נאָר אליין פאַר זיך, ביי זיך אין ווינקעל, צווי־שען זיין בעט און קעסטעל, איז מאיר מקבל שבת, זינגט מאיר אַלע נגונים פון רבי'ן, בײנקט מאיר נאָכ'ן אידישקייט, נאָך זיין ווייב און קינדער, און דער עיקר, נאָך זיין אינגסטען קינד, נאָך יאָסעלע'ן.

וואָרים יאָסעלע'ן האָט מאיר ליעב געהאַט איבער אַלע גרענעצען, און ווי אַ קאַלטער פאָטער דער איד איז געווען אין דער היים, אַזאַ הייסער פאָטער איז ער געווען, ווען ער האָט די קינדער נישט געזעהן. אפילו אין דער היים, אַז עס איז אַ קינד קראַנק געווען, פלעגט ער וואַכען דערביי גאַנצע נעכט און דאָס לעצטע פאַרזעצט פאַר אַ דאָק־טאָר און אַפּטייק, בפרט דאָ אין דער פרעמד און אַזוי ווייט געהט ער אוים נאָך די קינדער — און דער עיקר נאָך יאָסעלע'ן. עס פלעגט איהם טהייל מאָל אָננעהמען אַ פערלאַנג צו דערצעהלען פון יאָסעלע'ן, אויסצוריהמען אַלע זיינע מעלות און זיין חכמה. און חכמות האָט ער זיך יעצט דערמאָהנט פון איהם אַ מענגע, און ווען עס פלעגט איהם אָננעהמען אַזא פערלאַנג צו דערצעהלען וועגען יאָסעלע'ן איז ער גע־גאַנגען אויף דער דריטער סטריט צו די לאַנדסלייט. אויף דער דריי־טער סטריט ביי די לאַנדסלייט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די „אנשי לענשנע", האָרט האָט געוואָהנט די אלמנה פון ר' חיים כהן מיט איהרע זיעבען זיהן און דריי טעכטער. ר' חיים כהן איז געווען איי־נער פון די שעהנסטע בעלי בתים אין זייער שטעדטעל און אַ האַלב שטעדטעל זיינען זיינע פאַמיליע געווען. זעהר אַ גרויסע משפחה (דער פאָטער און זיין פאָטער'ס פאָטער, אַלע לענשנער געווען, האָבען אָהן עין הרע אַ סך קינדער געהאַט), איז יעדער צווייטער בעל־הבית

אין שטעדטעל געווען א מחותן אדער א פעטער, אדער גלאט א שני בשלישי. נאך ר׳ חיים׳ס טויט האבען זיך די קינדער איינציגווייז אנגעהויבען אוועקצולאזען אין די ווייטע מקומות. צוערשט איז א איינגערער זוהן אוועקגעפאהרען, א בעל מלאכה געווען, און ער האט דאס אנגעהויבען אבצושלעפען די גאנצע משפחה נאך זיך, ביז זיי האבען די אלמנה ארויסגענומען. און פון דענסטמאל אן איז די וואהנונג אויף דער דריטער סטריט די „אדרעס" פאר אלע וואס פאה־רען קיין אמעריקא פון לענשנע, מיט א האלב שטעדטעל משפחה פאהרען זיי אלע אראב. צו די „מוהמע" אין שטוב טעלעגראפירט מען פון שיף, ווען עס קומט אראפ א לענשנער און פון דארט געהט ארויס א יונג אפנעהמען פון שיף. דארט, ביי די „מוהמע", האלט מען זיך אויף די ערשטע פאאר טעג, ביז מען טהוט אויס דעם „גרי־נעם" און מען קריגט ארבייט. און דארט, אין שטיבעל ביי דער „מוהמע׳ן", קומען זיך צוזאמען אלע לאנדסלייט יעדען שבת אויף דער נאכט, און מען שמועסט פון דער היים, פון שטעדטעל. אז עס קומט א נייער לענשנער, ברענגט ער מיט גרוסען און בריעוולעך פאר די לענשנער, קומט מען דארט צו דער „מוהמע" אפנעהמען.

א גרויסע שטוב, אלע פריי־לייזיגע ברידער וואהנען ביי דער מאמע, און די משפחה האלט זיך אין איינעם, און חיה, חיים׳ס ווייב, איז געווען א אידענע וואס האט געפיהלט וואס עס הייסט אז מען דארף אנקומען צו „קאלומבוס׳ען", זי האט עס מיט־געמאכט. כאטש די יונגען האבען גע׳טענה׳ט מיט איהר, זיי ווייסען נישט וואס זי האט צוגעלייגט צו אמעריקא, אין דער היים האט זי ארויסגעקוקט אויפ׳ן פלימפעל און דא געהט זי אין די טהעאטערס. נור די אידענע האט גע׳טענה׳ט, אז איהר איז פער׳מיאוס׳ט קאלומבוס (די אידענע האט גערופען אמעריקא „קאלומבוס") מיט זיינע טהעאטערע. און איבער־הויפט האט זיך ביי איהר קאלומבוס א שווארץ יאהר אויסגעריכט.

אז א יונג האט נישט אהיים געבראכט די ווידזשעס אין גאנ־צען, האט זי קאלומבוס׳ען פון קבר ארויסגערופען און האט שוין איינינע מאל געסטראשעט, אז זי וועט אהיים פאהרען, כאטש זי האט שוין נישט געהאט צו וועמען צו פאהרען נאך לענשנע — איהר גאנצע משפחה איז אין אמעריקא. ס׳פלעגען די יונגען איהר נישט איינמאל טרעפען אין א מיטען דאנערשטאג זיצען מיט פערלייגטע הענד און

מיט וויינענדע אויגען — זי וויל אהיים פאָהרען. און עס האָט זיך שוין אמאָל געטראָפען, מען האָט איהר געמוזט אַ שיפס־קאַרטע קויפען און זי אהיים שיקען, נור קוים איז זי צום שיף אראָפּגעקומען און האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן די קינדער מיט די אייניקלעך וואָס זי לאָזט איבער אויפ'ן ברעג, האָט זי זיך אָפּגערופען: „צו וועמען זאָל איך מ'שטייגס געזאָגט פאָהרען, אז דער קאָלומבוס האָט מיר אלע קינדער צוגענומען?" און האָט גענומען דאָס פעקעל און צוריק גע־גאַנגען אויף די דריטע סטריט.

איז דאָרט געווען ביי די אלמנה חיה אויף די דריטע סטריט דער „סבאָרנע פונקט" פאַר די אנשי לענשנע. די יונגע לייט זיינען דאָרט געקומען צו די בחורים, וואָרים די לענשנער יונגע לייט האָבען אויך געהאַט אַ בעזונדער סאָסייעטי, וועלכע רופט זיך „די לענשנער יאָנג מען סאָסייעטי", און די בחורים זיינען געשטאַנען אן דער שפּיצע פון דער חברה און געפיהרט דאָרט די הינטער־קוליסען־פּאָליטיק יע־דען שבת אויף דער נאַכט. און די עלטערע מענשען האָבען געהאַט די קאָנגרעגיישאָן פון די „אנשי לענשנע", און די פראַסטע ווייבער זיינען גלאַט געקומען צו חיה'ן, וואָרים מען האָט געוואוסט, אז ווען מען וויל טרעפען אַ לאַנדסמאַן און אז מען וויל ריידען פון דער היים, קען מען עס געפינען אויף דער דריטער סטריט.

שבת אויף דער נאַכט. ווען מאיר האָט געהאַט הבדלה אָפּגע־מאַכט אין זיין ווינקעל צווישען דעם קאַסטען און בעט, האָט ער זיך אָנגעטהאָן דעם ראָק און איז אהין געגאַנגען, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, צו די לאַנדסלייט אויף די דריטע סטריט. ער איז געווען זעהר טרויעריג, וואָרים אכט חדשים איז ער שוין פון דער היים, אָהן דער ווייב און אָהן די קינדער, — און איז דען פאַר אַ איד אַ תכלית צו זיין אליין? — ער האָט זיך דערמאָהנט אן זיינע שבתים, זיין פסח אליין, און די קינדער אין דער היים אָהן אַ פאָטער, — ווער קוקט זיך אויף זיי אַרום? טאַקע ער האָט פון די ערשטע מינוט אן, וואָס ער איז אהער געקומען, אָנגעהויבען צו קלעהרען אויף אַ תכלית, און כאָטש ער האָט חנה לאָה'ן אהיים געשיקט געלד, דאָך האָט ער שוין אָנגעהויבען אָפּצושפּאָרען יעדע וואָך פון זיין פערדיענסט אַ קלייניג־קייט אויף אַ תכלית. אָבער וואָס וועט זיין דער סוף: ער וועט אהיים פאָהרען אָדער זיי אהער ברענגען? נור, וואָס ער האָט גע־

האט אפגעשפארט איז געווען זעהר ווייניג אי פאר אהיים צו פאהרען, אי זיי אהער צו ברענגען. און דא רעדט מען עפעס וועגען א סלעק, ווען ס'מאכט זיך א שלעכטע צייט. אנדערע געהערען עפעס צו אזעלכע חברות, וועלכע צאהלען אין א שלעכטע צייט. דער קרוב פון דער דריטער סטריט האט איהם צוגערעדט, ער זאל אויך אריינטרעטען אין עפעס א חברה „אחדות", וואו אלע ארבייטער האלטען זיך צוזאמען. נור איהם האט בעת מעשה פערדראסען, וואס דער קרוב האט איהם גענומען בבחינת ארבייטער? — וואס פאר א ארבייטער איז ער? ער איז א איד, א יודע ספר.

נור נישט וועגען דעם האט ער יעצט געקלעהרט, געהענדיג צו די דריטע סטריט. אהיים פאהרען צוריק — וואס וועט זיין דער תכלית? דער זעלבער ארימאן וואס פריהער. און מיט וואס וועט ער זיך מפרנס זיין? ווען ער איז דא, פערדיענט ער דאך און פיהרט צוויי הייזער (מאיר האט זיך גערעכענט פאר א הויז) און שפארט נאך א ביסעל. און רחל'ע, די עלטסטע טאכטער, זאגט מען, וואלט דא אויך באלד געקענט פערדיענען, און אז מען קומט אהער מיט קינדער, ווערען דא עלטערען גאר גליקליך, והא ראיה, ר' חיים'ס אלמנה פון די דריטע סטריט. נור גלאט ווי נעהמט מען אהער חנה לאה'ן מיט די קינדער, און וואס וועט זיין מכח אידישקייט, מכח לערנען? מילא פאר די „קאמאנדע" — וועלען זיי נישט זיין קיין גרויסע לומדים — זיי ווילען סיי ווי סיי נישט לערנען. אבער יאסעלע? און קלעהרענדיג וועגען יאסעלע'ן, האט איהם אזא פאטערליך רחמנות־געפיהל ארומגענומען, אז ער האט אליין אויף זיך אנגעהויבען רחמנות צו קריגען. ער האט שטענדיג געזעהן יאסעלע'ן ווי ער שטעהט אין שטיבעל אויף זיין ארט און האלט דעם סדור אין האנד און דאווענט פרום. אדער ער האט איהם געזעהן ווי שבת נאכמיטאג (יאסעלע האט אנגעהויבען חומש צו לערנען און קען שוין די ערשטע פרשה) געהמט ער דעם חומש און מישט זיך אויף, און וויל אז עם זאל איהם זוער פערהערען. ער געהט צו צו די מוטער, זי זאל איהם פערהערען די פרשה חומש. נאר די מוטער קוקט אריין און ווייס נישט וואס יאסעלע זאגט.

מיט אזעלכע געדאנקען איז מאיר אנגעקומען צו די לאנדסלייט. ביי די לאנדסלייט אין הויז האט ער שוין געטראפען די קינדער־

וועגלעך, אין וועלכע די ווייבער פון די אנשי לענשנע האָבען געבראַכט צופיהרען זייערע קינדער, און ער האָט זיך ווידער דערמאָהנט אָן חנה לאה׳ן, און ביי זיך געטראַכט: האָבען נישט ביי וועמען די קינ־דער צו לאָזען, מוזען זיי מיט זיך מיטנעהמען די קינדער. די שטוב איז געווען פול מיט מענער, ווייבער, עלטערע און זויגענדע קינדער — אַלע זיינען געווען אויסגעזעצט אויף די בעטען, אויף די בענקלעך, אויף די ערד. די ווייבער האָבען די זויגענדע קינדער געהאַלטען, און די עלטערע קינדער האָבען זיך אין מיטען שטוב געשפּיעלט, און די שטוב איז פול געווען מיט רויך פון פּאַפּיראָסען. אויבען־אָן ביים טיש איז געזעסען יואל וואַטענמאַכער פון דער היים, אַרום איהם — די אַנשי לענשנע, און ער האָט דערצעהלט וועגען לענשנע.

יואל וואַטענמאַכער איז ערשט געהאַט אָנגעקומען פון לענשנע, און באַלד האָבען זיך די לענשנער פון גאַנץ ניו יאָרק דערוואוסט, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ נייער לענשנער, און זיי זיינען זיך צוזאַמענגע־קומען צו די אַלְמָנָה חיה, אויספרעגען ביי יואל׳ען אויף די זייעריגע.

— און וואָס מאַכט דאָרט די אַלטע חיה־ראשע, לעבט זי נאָך? — האָט איינער געפרעגט פון עולם אַרוים — אויף אַן אַלטע אידענע פון שטאָדט, וואָס אַלע האָבען זי געקענט.

— ניין, לעצטען חל־המועד פסח איז זי געגאַנגען אַראָב אין קעלער אַריין, אַ פוס זיך אויסגעגליטשט און געשטאָרבען.

— געשטאָרבען! — שאָקלען זיי אַלע מיט די קעפּ — אַן אַלטע אידענע געווען.

און באַלד דערמאָהנט מען זיך די מעשיות פון חיה־ראשע׳ן.

— געדענקסט, חנוכה אויף דער נאַכט, ווי זי האָט ביי אונז דאָס שמאַלץ אויסגעלאָזט אויף פּסח, און האָט אונז דערצעהלט די מעשיות מיט אַ פייערדיג הענדעלע — רופט זיך איין ברודער פון חיה׳ס יתומים אָן צום צווייטען.

— אַ גאַנצע קעכין געווען. איהרע מאַכלים! ווייסט, זי האָט דאָך ביי מיר אויף מיין חתונה דאָס געבעק געבאַקען. איהרע פּאָרעמ־לעך, איהרע האַמבורגער קיכעלעך — איז דאָס געווען אַ געבעק! — רופט זיך אָן אַ אידענע, וואָס איז ערגעץ וואו וויט הינטען געזעסען.

— און וואָס מאַכט דאָרט מיין מוהמע? — פרעגט אַ איד פון מיטען אַרוים.

— ווער איז דאָס זיין מוהמע? — קוקט זיך חיה אום, און זוכט צווישען דעם עולם דעם פרעגער — ביז זי בעמערקט אַ קליין אידעל — אַ, ביילע גנענדעל?

מאיר האָט אויך געוואָלט פרעגען אויף זיינע — נור דער עולם האָט געהאַט אַזוי אַרומגערינגעלט דעם וואַטענמאַכער, אַז ער האָט זיך נישט געקענט צוקריגען צו איהם. יעדער איינער האָט אויסגעפרעגט נישט בלויז אויף זייניגע, נור אויף בעקאַנטע און עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע זיינען נייגעריג געווען צו וויסען וואָס עס איז געוואָרען דער סוף פון געוויסע גאַסען, הייזער, בהמות און חיות פון לענשנע, — איינער, אַן עלטערער מענש, מיט אַ דיק בייכעל און אַ סך געלד אויף זיך, אויך אַ לענשנער, און וואָס מאיר האָט איהם געדענקט ווי אויס אַ חלום — דער עולם האָט איהם גערופען דער „אַלרייטניק“ — האָט עפּעס גערעדט וועגען יאָהר־צייט און וועגען אהיים פאָהרען נאָך יאָהר־צייט. דערנאָך האָט ער דערצעהלט וועגען זיינע געוועזענע כלות, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. האָט זיך אויסגעפרעגט אויף אַלע זיינע כלות, וועלכע ער האָט געמיינט, אַז זיי זיינען נאָך אַלע מיידלאַך. פאַר איהם, דעם „אַלרייטניק“, האָט דער וואַטענמאַכער געזעהן, האָבען אַלע דרך ארץ. דורך דעם האָט ער איהם אַלערערשטענס אָבגעענטפערט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז די אַלע כלות וואָס דער „אַלרייטניק“ האָט אין דער היים איבערגעלאָזט, זיינען שוין אַלע אַלטע ווייבער געוואָרען, און האָבען שוין אַלע אויסגעגעבענע קינדער, און ער האָט זיך אַזוי געוואונדערט דעריבער, ווי ס'וואָלט געשעהן אַן אוננאַטירליכע זאַך. דערנאָך האָט ער דערצעהלט, דער „אַלרייטניק“, אַז אַלע זיינע געוועזענע כלות שיקען צו איהם די ערוואַקסענע זיהן און פאַר יעדען קוש, וואָס ער האָט די מוטער געגעבען אין די יוגענד, בעצאָהלט ער יעצט די זיהן צו צעהן טאָלער. דער עולם האָט זיך צולאַכט און מאיר האָט זיך פערשעהמט און פערקליבען זיך אין אַ ווינקעל.

דער עולם איז אָבער אַריינגעקומען אין אַ ליכטיגע שטימונג פון דעם „אַלרייטניק'ס“ מעשיות מיט די כלות, און דער „אַלרייטניק“ האָט אַראָבגעשיקט נאָך ביער פאַר דעם גאַנצען עולם. דענסטמאָל האָט מען זיך אָנגעהויבען צו דערמאָהנען אָן אַלע זאַכען, וואָס זיינען אין שטעדטעל פערלאָפען אין די קינדער־יאָהרען און מ'האָט אָנגע־

רופען נעמען פון מענשען, וועלכע זיינען שוין לאַנגם אויפ'ן „גוטען אָרט“ געוועזן און נעמען פון הייזער און גאַסען, וואָס עס איז שוין פון זיי קיין זכר נישט געוועזן — דעמאָלסטמאָל האָט זיך אויפגעהויבען משה'לע דער קאָזאַק, וואָס איז נאָך אין דער היים געוועזן בעוואוסט פאַר אַ גרויסען לץ און קונצען־מאַכער, און וואָס ער האָט אין דער היים עפּעס אין אַ טהעאַטער געזאָלט האָבען געשפּיעלט און דאָ איז ער אַ גאַנצער פריזירער און אַ מאַכער אויך אין די טהעאַטערס — און האָט אָנגעהויבען נאָכצומאַכען ווי שלמה סוקניק דאַווענט אין די חברה פאַר'ן עמוד מיט זיין קוויטשענדיג קול'כעל, און ווי חיה־ראשע טאַנצט אויף די חתונות פאַר די כלה צום לעגעז־פיהרען, און ווי גנענדעל ברײנע פאַלט שבת אַוועק נאָך די קוגעל אויף די „חאָלערע“ און אײ־ציעלע דער פעלדשער קומט צו לויפען מיט'ן „שמעק־פלעשעלע“. דאָס זיינען אַלץ געווען נעמען פון מענשען, וועלכע האָבען שוין לאַנג גע־רוהט אין דר'ערד ערגעץ וואו אויף אַ בערגעל, אויף יענער זייט ים, און וואָס קיינער פון די לעבעדיגע האָט שוין נישט געוואוסט פון זיי און נישט געהערט פון זיי — אויסער דאָס ביסעל „אַנשי לענשנע“, וועלכע זיינען פערבלאָנדזשעט געוואָרען אויף יענער זייט ים, און האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין דעם קליינעם שטיבעל און דער־מאָהנען זיך פון לענשנע, זייער אַלטער היים.

ווען משה'לע קאָזאַק האָט געקוויקט דעם עולם מיט די לענשנער זעלטענהייטען, האָט זיך מאיר אין דער שטיל צוגערוקט צו יואל וואַ־טענמאַכער, און האָט געפרעגט אויף זיינע. יואל האָט זיך אומגע־קוקט און האָט דערזעהן מאיר'ן:

— אָ, איהר זייט עס! שלום עליכם. אייער קליינער יונג, ווי רופט מען דאָס, יאָסעלע, דאַכט זיך, ער שם'ט דאָך אין די גאַנצע שטאָדט, איז מיר נאָכגעלאָפען נאָך די פוהר און האָט זיך געבעטען אַז איך זאָל אייך איבערגעבען אַ גרוס, אַז ער לערענט זיך, און וואַרט ביז איהר וועט איהם פערהערען. שאַ, ער האָט מיר עפּעס מיט־געגעבען אַ בריוועל.

יואל האָט געזוכט אין די קעשענעם.

— יאַ, ער האָט מיר געהייסען אייך זאָגען — האָט ער ווייטער גערעדט — אַז דער רבי לערענט איהם שרייבען, און ער שיקט אייך אַ בלאַט, וואָס ער אַליין האָט אויפגעשריעבען.

יואל האט עפּעס געפונען און ארויסגעצויגען פון קעשענע א צו־קנייטשט שטיקעל פּאפּיער.

— דער קליינער יונג האט מיך אזוי געבעטען, איך האב עס איהם ניט געקענט אבזאגען.

מאיר האט זיך פערקליעבען אין א ווינקעל, און אויפגעעפענט דאס צוקנייטשטע פּאפּיער. עס איז געווען א בלאט פון א שרייב־בוך, אויף וועלכען עס איז אין שורות, איין שורה נאך די אנדערע, געווען אויפגעשריעבען אין זילבען מיט א קינדישע האנד־כתב:

„איך וויל דעם טא־טע־שי זע־העז. איך וויל דעם טא־טע־שי זע־העז“. אזוי איין שורה נאך די צווייטע.

מאיר האט לאנג בעטראכט זיין זוהן'ס האנדשריפט. א מינוט האט ער עפּעס געקלעהרט — צוליגט דאס שטיקעל פּאפּיער אין האנד, און איז מיט אבגעלייגטע טריט און געדאנקען צוגעגאנגען צו חיה'ס עלטערען זוהן משה דוד, וועלכער איז שוין געווען א גאנצער אמעריקא־נער און געערדט ענגליש און ער האט שטענדיג געלערענט די נייע אנגעקומענע ווי זיי זאלען זיך האלטען — און האט איהם געפרעגט מיט פארזיכט:

— מען זאגט, אז מען קריגט שיפס־קארטען היע אויף אויס־צאהלען — איז עס וואהר?

— וואס, איהר ווילט אייערע אראפּברענגען? — האט איהם דער קרוב געפרעגט.

— איך ווייס? — איז ער זיך מישב — און וואס זאגט איהר?

# דער בריעף

חנה-לאה האָט זיך ארומגעוויקעלט אין דעם נייעם שבת'דיגען טיכעל, גענומען יאָסעלע'ן ביי די האַנד און צוגעפיהרט איהם צו די חברה אַנשי אמת, וואו דער דיין האָט געלערנט שבת נאָכמיטאָג מיט די אידען פון די חברה, און האָט אריינגעשיקט יאָסעלע'ן מיט'ן חומש — צום דיין, און געבעטען מען זאָל איהר לעבעדיגען יתום פערהערען.

זי האָט איהם נישט געוואָלט פיהרען צום שוואָגער לייביש און נישט צו קיין אַנדער משפחה — זי האָט נישט געוואָלט, אז די שונאים זאָלען דערפרעהט ווערען איבער איהרע צרות, וואָרים כאָטש לייביש מיט'ן וויב זיינען געוועזן ביי מאיר'ן ביים געזעגענען זיך, דאָך האָט זיי חנה-לאה געהאַלטען פאַר שונאים, און דאָס וואָס יאָסעלע האָט נישט דעם פאָטער, נור אז אַנדערע זאָלען איהם פערהערען, האָט זי בעטראַכט פאַר אַ צרה, מיט וועלכע די „שונאים וועלען דערפרעהט ווערען".

מיט די „קאָמאַנדע", מיט איהרע צוויי ערוואַקסענע זיהן, האָט זי זיך נישט געקענט קיין עצה געבען. זיי זיינען געגאַנגען אין חדר אריין, ווען זיי האָבען געוואָלט, כאָטש דאָס גאַנצע געסעל אידען האָבען זיך געפיהלט פערפפליכטעט אכטונג צו געבען אויף די „לעבעדיגע יתומים", ווי מען האָט זיי גערופען; און ווי אַ איד האָט געזעהן אַ יונג פון די „קאָמאַנדע" אין גאַס ארומלויפען, האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דעם פּאַסעק און געשריען: „אין חדר אריין, דו יונגאַטש איינער!" — דאָך האָבען זיך די יונגען געפיהלט פריי און זיינען גאַנצע טעג אויף די פעלדער ארומגעלאָפען און אין „פּאַלענט" געשפּיעלט.

דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט זיי געהאַלטען פאַר פערלוירען און פערפאַלען און בעדויערט חנה-לאה'ן, „וואָס פון קינדער ווערט, אז אַ

טאטע איז נישטאָ". און צווישען חנה-לאה'ן און די „קאמאנדע" איז אַ שטענדיגע מלחמה געווען. חנה-לאה האָט איינגעשלאָסען דאָס ברויט מיט די שטיוועל אין קאסטען, און די יונגען האָבען עס אַרויס-געקראָגען. חנה-לאה האָט זיי געהאַלטען פאַר פערפאַלען, דאָך, אז די קאָמאַנדע איז אַהיים געקומען און האָבען דערצעהלט, אז מען האָט זיי אין שטיבעל (וואו זיי האָבען געדאַוונט) פון דעם פאָטער'ס אָרט אוועקגעיאָגט, איז חנה-לאה אַרונטער און האָט אום שבת געמאַכט אַ גוואַלד: „איהרע לעבעדיגע יתומים פערטרייבט מען פון די שוהל און גאָט וועט זיך פאַר איהר אָננעהמען".

נור מיט יאָסעלען איז אַנדערש געווען. אויף יאָסעלען אכטונג צו געבען האָט זי זיך געפיהלט פערפליכטעט פאַר מאיר'ן, איהר מאַן. דאָס קינד האָט בעגעהרט צו לערנען — און מען מוז דאָך איהם אויס-לערנען אַ איד צו זיין, און כאַטש דער שכן, ר' משה, האָט איהם יעדען שבת פעההערט די פרשה חומש (יאָסעלע האָט שוין אָנגעהויבען חומש), דאָך האָט איהם חנה-לאה געפיהרט יעדען שבת נאָכמיטאָג אין די חברה אַריין צום דיין פערהערען. זי האָט געוואָלט וויזען דאָס געסעל, אז זי ווייסט ווי אַ מאַמע צו זיין און מאיר קען זיך אויף איהר פערלאָזען מיט יאָסעלע'ס ערציהונג. וואָרים יאָסעלע איז גאָר געווען אַן אַנדער קינד, ניט ווי זיינע ברידער. צייט דער פאָטער איז אוועקגעפאָהרען איז יאָסעלע אַן ערוואַקסענער איד געוואָרען. ביי-נאַכט, ווען דער פאָטער איז צו איהם צוגעקומען צום בעט און האָט זיך מיט איהם געזעגענט, איז ער „רייף" געוואָרען. ער האָט אָנ-געהויבען צו פערשטעהן, אז עס איז עפּעס געשעהן אַ וויכטיגע זאַך אין זייער משפחה, און אז דער פאָטער איז אַזוי לאַנג נישט צוריק-געקומען, האָט ער נישט געפרעגט ווען דער פאָטער וועט צוריק-קומען, נור ער האָט פערשטאַנען, אז דער פאָטער איז ווייט פון זיין משפחה, וויל ער מוז — און ער מוז אָנהויבען אַרום זיך צו קלערען, און אַזוי ווי דער תכלית וואָלט שוין געווען געפיקט אין דעם קעפּעל פון דעם קליינעם איד, האָט ער גענעבען אַ נעהם זיך צו זיך זעלבסט. ער האָט געפיהלט, אז דער פאָטער איז נישטאָ און די מוטער קען ניט איבער איהם אַכטונג געבען, האָט ער אַליין איבער זיך געזאָרגט. קיינמאָל האָט מען איהם נישט געדאַרפט הייסען געהן אין חדר אַריין; ער האָט זיך אַליין אין דער פריה אויפגעהויבען מיט אַ געוויסען קינ-

דישען אימפּעט (נור ביי יאָסעלע׳ס ערנסטקייט און רוהיגקייט האָט עס אויסגעזעהן ווי אַ ספּריט פון אַן ערוואַקסענעם). קיינמאָל האָט מען איהם נישט געזעהן זיך שפּיעלען. קיין חברים האָט ער נישט געהאַט, נור איז זיך געגאַנגען זיין „אָקסען שריט“. אין חדר איז ער געזעסען שטענדיג שטיל, מיט אַ געוויסע ערנסטקייט און האָט זיך גוט איינגעהאָרכט וואָס דער רבי האָט געזאָגט. ער האָט שטענדיג געקענט וואָס ער האָט געלערנט, און אַז ער איז אַהיים געקומען, איז ער נישט געלאָפען איבער דער גאַס, האָט זיך נישט געשפּיעלט, ווי אַנדערע קינדער, נור ער האָט זיך אוועקגעזעצט ווי אַן ערוואַקסענער ביי ערוואַקסענע מענשען און האָט זיך איינגעהאָרכט וואָס מען רעדט; דורך דעם איז ער זעהר געפעלען אַלעמען און אלע האָבען איהם געריהמט.

פרייטאָג פאַרנאַכט האָט ער גענומען דעם טאַטען׳ס סדור און איז געגאַנגען אין שטיבעל אַריין, וואו דער טאַטע האָט געדאַווענט, און זיך געשאָקעלט און הויך געדאַווענט, כדי אַלע זאָלען הערען זיין מעריב. יעדערער האָט איהם דערפאַר אַ קניפּ געטהאָן אין בעקעל. יאָסעלע האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט. ער האָט עס אָבער נישט אַרויסגעוויזען, נור ווי אַן ערוואַקסענער מענש — פערשוויגען. מיט די ברידער האָט ער זיך נישט גע׳חבר׳ט, און אַז ער האָט געהערט ווי די מוטער ערגערט זיך איבער זיי וואָס זיי לויפען אַרום, האָט ער זיך אויך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל אַ פערקלעהרטער, ווי ער וואָלט געזאָרגט וועגען דעם, וואָס עס וועט אויס די ברידער ווערען. ער האָט אויך יעדען שבת נאָכמיטאָג די מוטער דערמאָהנט, אַז זי זאָל איהם פיהרען אין די חברה אַריין צום דיין פערהערען. ער שטעהט פאַר׳ן דיין און פאַר די גאַנצע חברה אידען און זאָגט הויך די פרשה חומש מיט רש״י, וואָס ער האָט די וואָך געלערנט, מיט אַ זעלבסט־געפיהל פון אַן ערוואַקסענעם, ווי ער וואָלט די אידען געוואָלט זאָגען: „דער טאַטע איז נישטאָ, מוז איך איבער מיר אַליין זאָרגען“. און זיין מאַמע, חנה־לאה, שטעהט פאַר די טהיר פון די חברה (זי וועט דאָך נישט אַריינגעהן, עס זיינען דאָך אידען דערינען) און הערט זיך צו צו זיין קול, און זאָגט צו די פאַרבייגעהענדע ווייבער מיט אַ קרעכץ:

— עס איז דאָך מיין יאָסעלע, דער פאָטער איז דאָך נישטאָ, מוז

איך איהם פיהרען אין די חברה אריין, אז דער דיין זאָל איהם פער־הערען.

און אז יאָסעלע האָט אָבגעזאָגט די פרשה חומש, קנייפּט איהם דער דיין אין בעקעלע. יאָסעלע נעהמט דאָס חומש אונטער'ן אָרעם און זאָגט א געלאָסענעם „גוט שבת" און געהט ארויס געלאַסען, ווי אן ערוואַקסענער, און די מוטער געהט מיט איהם איבער'ן געסעל אהיים.

עס איז שבת פאַרנאַכט און די ווייבער זיצען פאַר די טהירען פון די הייזער, און פאַר יעדע קופּקע ווייבער שטעלט זיך חנה־לאה אָפּ:

— גוט שבת.

— גוט שבת, גוט יאָהר.

— פון וואַנען געהט איהר, חנה־לאה?

— איך געה דאָס מיט מיין לעבעדיגען יתום פון די חברה. דער דיין האָט איהם פערהערט, דער פאָטער איז דאָך נישטאָ — דערצעהלט חנה־לאה דעם פזמון פאַר יעדע קופּקע ווייבער.

און יאָסעלע מאַכט דערביי אן ערנסטע מינע, ווי ער וואָלט מיט זיין קעפּעל צוגעשאָקעלט, און געהט מיט די מוטער ווייטער.

די ווייבער קוקען זיי נאָך, און מאַטלען עפּעס דאָרט צווישען זיך.

אָנגעקומען פאַר די טהיר פון זייער הייזעל, זעצט זיך די מוטער מיט'ן זוהן אוועק. עס איז א זומערדיגער שבת־פאַרנאַכט. אַלע זיצען פאַר די טהירען אין געסעל, די מענער געהען אהיים פון שוהל־בעל, פון מנחה־דאַווענען; די יונגען לויפען אין גאַס און יאָגען זיך איינער דעם צווייטען, דערנאָכדעם מוז די „קאָמאַנדע" אויך זיין. די מיידלעך, אין די שבת'דיגע נייע קליידלעך, שפּאַציערען איבער'ן געסעל און שאָקלען אין יעדען פענסטער אריין „גוט שבת". און די זון געהט אונטער אונטער די לייטערס פון די ווינד־מיהל.

יאָסעלע מיט די מאַמע זיצען פאַר די טהיר, רחל'ע שפּאַציערט מיט די חבר'טעס אין געסעל און די מוטער פיהרט אן ערנסט גע־שפּרעך מיט יאָסעלען, ווי מיט אן ערוואַקסענעם.

— שוין לאַנג נישט געווען קיין בריעף פון טאַטען — זאָגט די מוטער.

— האָט זיך אודאי פערשפּעטיגט — ענטפערט יאָסעלע מיט דעם טאָן פון אן ערוואַקסענעם און גיט דערביי צו פערשטעהן מיט זיינע קינדישע קליינע הענטלעך — עס געהט דאָך אזוי לאַנג פון אמע־

ריקא, — און קוקענדיג אויף די אונטערגעהענדע זון, האט ער זיך דאך נישט געקענט איינהאלטען און פרעגט די מוטער:

— ווייסט, מאמע, יעצט הויבט זיך דער טאטע אויף.

— פון וואנען ווייסטו דאס?

— די זון געהט דאך יעצט אויף אין אמעריקא. אז ביי אונז ווערט נאכט, הויבט דארט אן טאג צו ווערען — דערצעהלט יאסעלע דער מאמען און גיט איהר צו פערשטעהן מיט זיינע הענטעלעך.

אויף דעם האט חנה־לאה געגעבען א קרעכץ:

— אה, געלאזט מיך דא — מיין מאן געלאזט מיך דא — שאקעלט די אידענע מיט'ן קאפ.

— וואס מיינסטו, עס איז איהם גוט? — פרואווט יאסעלע צו פארענטפערען דעם פאטער — אוי, וויל ער אונז אודאי זעהן!

אז עס איז נאכט געווארען, באלד נאך הבדלה, האט זיך פון דער העלער הויט געיאוועט די מוהמע שיינדעלע. עס האט קיינער ניט בעמערקט ווי זי האט זיך ארייגגעשליכט מיט איהר „גוט וואך". די „רויטע בעקלעך" האבען ארויסגעשיינט פון הינטער דעם טוך, וואס זי האט געטראגען איבער'ן קאפ — און דאס קיכערן — כי־כי־כי — האט זיך מיט'ן הוסט געלאזט הערען צוזאמען.

יעדעס מאל ווען די מוהמע שיינדעלע האט זיך פון דער העלער הויט געיאוועט, האט עס חנה־לאה'ן געגעבען א שטאך אין הארץ. זי האט געוואוסט, אז די מוהמע שיינדעלע וועזט זיך ניט בחנם — מן הסתם מוז עפעס זיין נייעס — אזוי פשוט קומט די מוהמע נישט. נור איהר לאבען מיט'ן הוסט האבען איהר אנגעזאגט, אז דא מוז עפעס עקסטרא זיין. די מוהמע שיינדעלע האט זיך, ווי איהר געוואוינהייט, אוועקגעזעצט אין א ווינקעלע און האט געפרעגט:

— לייביש איז נאך נישט געוועזן?

האט חנה־לאה געוואוסט, אז עס איז עפעס געשעהן: ענטוועדער א צרה אדער א פרייד. ווארים די מוהמע יאוועט זיך פלוצלונג אין ביידע פעלע. און חנה־לאה האט זיך אוועקגעזעצט מיט א קלאפענדיג הארץ פון שרעק ווארטעז אויף לייביש'ען. זי האט נישט געוואלט די שוועגערין דאס פערגעניגען אנטהאן און זי פרעגען, וואס איז געשעהן (עפעס אנדערש ריידען האט זי יעצט אויך נישט געקענט), איז זי געזעסען שטיל, האט זיך יעדע מינוט אויפגעכאפט, געשריען

אויף די יונגען, אויף רחל'ען — אלעס איז איהר פון די הענד געפאלען, דאס גלעזעל פון לאמפ האט געפלאצט, דאס גלאז, אין וועלכען זי האט געוואלט די מוהמע טהע אנגיסען, איז איהר פון האנד געפאלען, און די מוהמע איז געזעסען אין איהר טונקעל ווינקעל און די רויטע בע־קעלעך האבען ארויסגעשוויטשעט — און האט געקיכערט, כי, כי, כי, און האט געהוסט.

נור באלד איז לייביש אנגעקומען. (איבער אן אונבעקאנטע זאך זיינען זיי קיינמאל נישט צוזאמען אנגעקומען, נור שטענדיג די מוהמע צוערשט, דערנאך דער פעטער). צו ערשט האט ער זיך אוועקגעזעצט און געשוויגען און זעהר ערנסט זיך די בארד אויס־געצויגען. חנה לאה איז געזעסען ווי אויף הייסע קויהלען, האט אבער גאר נישט געפרעגט. רחל'ע איז געזעסען ביי איהר, יאסעלע האט זיך שטיל אוועקגעזעצט אין א ווינקעל זעהר ערנסט, און אפילו „די קאמאנדע" האבען זיך עפעס רוהיג פערהאלטען, זיינען געשטאנען ביי דער וואנד און געקוקט מיט נייגעריגקייט דא אויפ'ן פעטער, דא אויף די מוהמע, נור די מוהמע שיינדעלע אליין האט הויך אבגעהוסט און אין איהר הוסט האט זיך שטענדיג ווידערהאלט דאס לאכען כי, כי, כי — אזוי, אז דער קלענערער יונג פון די קאמאנדע האט די צונג ארויסגעשטעקט, נאכגעמאכט הינטען ארום ווי די מוהמע הוסט, נור דער עלטערער, חיים, האט איהם ביים ארבעל געצויגען, ווארים ע־האט אויך פערשטאנען, אז דא וועט עפעס זעהר ערנסטעס געשעהן.

נאך א פאר מינוט האט זיך ענדליך דער פעטער אנגערופען זעהר ערנסט, ניט קוקענדיג אויף קיינעם, ווי ער וואלט גערעדט צו דעם פאל.

— כ'האב ערהאלטען א בריעף פון מאיר'ן.

— כי, כי, כי — האט זיך די מוהמע, מען ווייסט נישט צולאכט אדער צוהוסט.

— וואס שרייבט ער? — האט צום סוף געפרעגט חנה לאה.

— ער שרייבט מיר, זאגט דער פעטער לייביש און נעהמט פון בוזעם־קעשענע ארויס א בריעף, אז איך זאל ארייננעהן צו זיין זוגתו (מיט דעם לשון פון בריעף), און איבעררייידען מכח אראבקומען קיין אמעריקא. ער וויל, אז זיין ווייב מיט די קינדער זאלען קיין אמע־ריקא ארבקומען.

א מינוט איז שטיל געוואָרען. חנה־לאה האָט נישט געוואוסט וואָס אויף דעם צו ענטפּערען.

— כי, כי, כי, — האָט זיך ווידער אַמאָל געהערט די מוהמע׳ס דינער הייזעריגער קול.

דער קליינער יונג פון די „קאָמאַנדע“ האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטען, און האָט די מוהמע׳ן נאָכגעמאַכט.

— חאַ, חאַ, חאַ, — האָט ער פון ווינקעל ארויסגעקרעהט.

אַלע האָבען זיך אַרומגעקוקט אויף איהם, נור קיינעם איז יעצט דער קאָפּ ניט געווען צו איהם.

— ווי הייסט איך זאָל קיין אַמעריקא אַראָבקומען? — האָט חנה־לאה צום סוף דאָך אַרויסגעקראָגען אַ וואָרט צו זאָגען — כאָטש זי האָט אַליין נישט געוואוסט צו וואָס זי זאָגט עס.

— ער שרייבט, האָט לייביש ווייטער דערצעהלט מיט זיין שטילען קול און געשאָקעלט זיך דערביי און האָט דעם בריעף אויפגעעפענט. שטעלען האָט ער פון איהם ארויסגעלעזען און שטעלען האָט ער דערצעהלט, — ער שרייבט מיר, אַז רבות ומחשבות בלב איש, און ער וויים נישט וואָס צו טהאָן. אהיים צו קומען, זאָגט ער, האָט ער נישט געגנוג געלד, און צו וואָס? — צו וואָס וועט ער זיך נעהמען? דאָ אַ בעל מלאכה ווערען, שעהמט ער זיך, און געלד אויף אַ געשעפט זיך צו מאַכען האָט ער ניט, — און ווער וויים צו ער וועט אַזוי פלינק האָבען, וואָרים כאָטש מען זאָגט, אַז אַמעריקא איז אַ לאַנד, וואו מען שעפּט גאָלד, נור בזעת אפיך תאכל לחם. — און ער דאָ, און זי דאָרט, איז אויך קיין תכלית ניט. ערשטענס, צוויי „הייזער“ פיהרען, און אַ יאָהר איז ער שוין אָהן זיין „זוגתו היקרה ובניו שיחיו, ונפשו קשורה בנפשם“, — האָט ער זיך אָן עצה געהאַלטען מיט זיין קרוב דאָרט און ער האָט איהם אויך צוגעראַטהען, אַז ער זאָל דאָס ווייב מיט די קינדער אַראָבנעהמען, וואָרים דאָ איז אַ מאָדע, אַז מען גיט שיפס־קאַרטען אויף אויסצאָהלען. און וואָס נוגע אידישקייט, איז אומעטום, וואו מען וויל, קען מען אָבהיטען דאָס אידישקייט, והא ראיה, ער, „עם לבן גרתי“ — און דאָך פיהרט ער זיך ווי אין דער היים. — און, אַז מען קומט אַראָפּ מיט קינדער, איז מען דאָ גאָר געהאָלפען. „ובתי רחל שתחיה“ — וועט דאָ באַלד קענען געלד פערדינען, וואָרים מיט טעכטער איז נאָך בעסער ווי מיט זיהן, און קיין אַנדערע עצה

איז נישטאָ, וואָרים ווי לאַנג איז דאָס דער שיער צו בלייבען אַליין, ער דאָרט און זי דאָ? און נאָכ'ן אידישען דין... אַלזאָ, אַזוי ווי ער האָט קיינעם נישט דאָ, בעט ער „את גיסו היקר", ער זאָל אריינגעהן צו זיין ווייב שתחיה — און זאָל מיט איהר אַלעס איבערדריידען, ובפרט זאָל ער איהר טרייסטען, וואָרים דער ים, אַז גאָט וויל, איז גאָר נישט, וואָרים „ביד ה' אפקיד רוחי".

איידער לייביש האָט נאָך געענדיגט דעם בריעף צו לעזען און צו דערצעהלען, איז חנה־לאה ארויס מיט אַזאַ שרעקליך האַרץ־רייסענדען געוויין, ווי עס וואָלט חלילה וועך געשטאָרבען. די אידענע האָט ניט געוואוסט צי זי זאָל זיך פרעהען איבער'ן בריעף, צי זי זאָל טרויערן — נור זי האָט געפיהלט ווי די טרעהרען שטיקען איהר אין האַלז און זי האָט אזוי שרעקליך זיך צוואוויינט, אַז קיינער האָט זי נישט גע־וואָלט טרייסטען און אָבהאַלטען זי. די יונגען זיינען שטיל געוואָרען און ערנסט, רחל'ע האָט אויך אין דער שטיל געוויינט, אַלע האָבען געוואָרט און געשוויגען ערנסט און נאָכגעקלעהרט עפּעס וואָס, און געלאָזען די מאַמע וויינען. נור די מוהמע'ס קול האָט זיך געהערט אין דעם שטילען געוויין, און יעצט האָט מען עס בפירוש געהערט ווי עס לאַכט, מיט אַ כריפּענדיג קול, און די מוהמע'ס דין־שפּיצענדיגע לאַכען האָט מעהר געשראָקען ווי די מאַמע'ס געוויין.

— כי, כי, כי, — האָט עס געקלונגען איבער די אידענעס געוויין.

# ווי אַזוי חנה לאה האָט זיך געזעגענט מיט איהרע טויטע קינדער

חנה לאה איז זיך געגאַנגען געזעגענען מיט די אבות — אַ טאָג בעפאָר איידער זי האָט לענשנע פערלאָזט קיין אַמעריקא צו רייזען.

צו די מוטער אין קבר האָט חנה לאה אַזוי אַרייגערעדט:

— ביי וועמען לאָזט דו מיך? צו וועמען וועל איך געהן? איך מוז דאָך אַרויסגעהן אין די מדבריות, איבער דעם ווייסטען ים. צו וועמען וועל איך דאָרט אַהין געהן? ביי וועמען אויפ'ן קבר וועל איך זיך קלאָגען? מאַמע, מאַמע, ווי לאָז איך דיך? איך וועל דאָך דיך קיינמאָל שוין ניט זעהן, קיינמאָל צו דיין קבר נישט קומען! מאַמע, מאַמע, וואו לאָזטו מיך?

אויפ'ן „גוטען אָרט" זיינען אָבער געווען נאָך צוויי אייגענע, מיט וועלכע אייגענטליך חנה לאה האָט פּשוט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

דאָס זיינען געווען איהרע צוויי קינדער, אברהמ'ל און הינדעלע, אַ אינגעלע פאַר יאָסעלע'ן און דאָס מיידעלע נאָך יאָסעלע'ן. דאָס אינגעלע וואָלט שוין היינט אַלט געווען ניין יאָהר, און דאָס מיידעלע זעקס. ביידע זיינען זיי געשטאָרבען פון מאָזלען.

מיט די קינדער האָט די אידענע אייגענטליך נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן. זי האָט זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלען אַז זי וועט זיי אַזוי איבערלאָזען אַליין אויפ'ן „גוטען אָרט" און אוועק־פאָהרען און קיינמאָל שוין נישט זעהן זייערע קברים'לעך. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז די קינדער מוזען דאָך ביי וועמען איבערבלייבען, אַז זי פאָהרט אָב פון לאַנד. קיין קלאָרען געפיהל האָט זי וועגען זיי עפּעס נישט געהאַט — זיי זיינען דאָך טויט און ליגען ווי אַלע טויטע דאָרט; נור דאָך זיינען עס דאָך איהרע קינדערלעך. געוואַלד, ווי

אזוי לאזט מען זיי איבער! און קיינער וועט אויפ׳ן קבר נישט ארויפקומען — נישט אין „די דריי וואכען“, נישט אין תשעה באב.

ווארים צו די קינדער אויפ׳ן „גוטען ארט“ האט חנה לאה נאך געפיהלט א געוויסע בעציהונג ווי צו לעבעדיגע. זי פלעגט ארויס־געהן אויפ׳ן „גוטען ארט“, און מען האט זי געטראפען און געפרעגט: „צו וועמען?“ — „צו מיינע צוויי יונגע בוימעלעך“, פלעגט זי אב־ענטפערען. און איז איהר שלעכט געווען, איז די מאמע׳ס קבר גע־ווען, דערנאך די קינדער: „לויפט קינדערלעך און בעט פאר׳ן כסא הרחמים פאר אייער מאמע חנה לאה בת יענטע, וואס איז אין א גרויסע צרה!“

די קאמאנדע און יאסעלע האבען אויך געהאט זייער ברודער׳ל און שוועסטער׳ל אויפ׳ן „גוטען ארט“, און אז עס איז געקומען תשעה באב פלעגען זיי די חברים אהין פיהרען צו זייערע קברים און פלעגען דארטען שווערדען ארייננשטעקען, און זיך ריהמען מיט זייער ברודער׳ל וואס ליגט דארטען, און האבען זיך דערביי געפיהלט גרויסע בעלי־בתים אויפ׳ן „גוטען ארט“, ווייל זיי האבען א ברודער מיט א שוועסטער׳ל דארט — כאטש זייער חבר שמעיה האט א גרעסערע פרעטענזיע צום „גוטען ארט“ — ווייל זיין טאטע און מאמע ליגען דארטען.

דורך דעם איז עפעס חנה לאה יעצט, אז זי האט געדארפט אהיים געהן דאס לעצטע מאל פון׳ם „גוטען ארט“, נאכ׳ן געזעגענען זיך מיט דער מאמען און די קינדער שטעהן געבליבען ביים טויער:

— מאמע קרוין, — האט זי געזאגט, — וואוהין געה איך? און אברהמ׳לעו און הינדלען לאז איך דא — מיינע קינדער, און האט זיך וויעדער אמאל געווארפען אויף זייערע קברים׳לעך, וועלכע זיינען שוין מעהר נישט געווען קענטיג אין דעם מיט גראז בעוואקסענעם פעלד. די ברעטלעך צובראכען — און דער קבר גלייך מיט דער ערד. — זי האט נישט געוויינט, האט נישט געזאגט: „געהט קינדערלעך, לויפט בעט פאר אייער מאמען“ — זי האט געטראכט איבער דעם, אז זי לאזט עפעס איבער — און וואס לאזט זי איבער, משטיינס געזאגט, „ס׳איז דאך נישט קיין לעבעדיגע“, האט זיך די אידענע אליין געזאגט. דאך אוועקגעהן האט זי נישט געקענט...

זי טראכט ביי זיך: „מען דארף דאך מיך אין דער היים, דאס

בעטגעוואַנד איז נאָך נישט געפּאַקט, — און וואָס שטעה איך דאָ, נאַרישע אידענע?"

און זי האָט זיך ווי עפּעס אַרויסגעגנב'עט פון'ם "גוטען אָרט". אין הארצען ביי זיך האָט זי געהאַט אַ שלעכטען געפיהל, — אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס אַן עולה געטהאָן...

געהענדיג אַהיים האָט זי שוין געטראָפען די מאַנספּערשווינען געהן אין בית־המדרש מנחה דאַווענען, ס'איז געווען נאָך סכות, נאָך שעהנע טעג, די זון איז אונטערגעגאַנגען, און די בוימער האָבען גערוישט.

ביי זיך אין שטוב — האָט זי צוערשט געזעהן דאָס פּעקעל, וואָס איז געלעגען אין מיטען שטוב און משה אהרן דער קרעמער האָט גע־וואַרט דאַרויף, פון פּעקעל האָט אַרויסגעקוקט דאָס הענג־לייכטערל, מיט די קלאָהרע פּאַפּירלעך, וועלכעס זי האָט בעהאַנגען אויף פּסח, זי האָט עפּעס אונוויליענדיג געדענקט וויפיעל ס'איז נאָך צו פריי־טאָג — און ווי זי וועט דעם פרייטאָג די ליכט בענשען — זי האָט יאָסעלען געהייסען דאָס געלד־באָקסעל פון דער וואַנד אַבנעמען און אַרונטערטראָגען אין בית־המדרש אריין.

דערנאָך איז אַריינגעקומען דער פעטער וואָלף אַליין מיט זיין ווייב. דאָס ווייב האָט עפּעס געבראַכט אונטער דעם רזשעקעט פאַר די קינדער'ס וועגען — דער שוואָגער לייביש איז מיט'ן אַגענט גע־קומען — דעם ליטוואַק — האָבען עפּעס גערעדט. אין שטוב איז געווען אַ גרויסער גערודער, די בעטען האָט מען צונומען, די בענק־לעך האָט מען אַוועקגענומען, דאָס ספרים־שראַנקעל אַרויסגעטראָגען, דאָס הענג־לייכטער'ל איז נישט געווען. רחל'ע האָט געפּאַקט דאָס בעט־געוואַנד אין מיטען שטוב. אַ סך שטרוי איז געלעגען אָנגע־לייגט, און די מוהמע שיינדעלע האָט געהוסט און געלאַכט, זי איז עפּעס געשטאַנען אין מיטען שטוב און האָט עפּעס געשריען, נור וואָס געדענקט זי שוין אַליין נישט. פון דענסטמאָל אָן האָט די אידענע געלעבט ווי אין אַ חלום.

# איבער די גרענעץ

די משפחה איז געזעסען אין וואגאן צוזאמענגעדריקט, חנה לאה מיט די קינדער און די פעקלאך, ווי א הוהן זיצט איבער די אייער. און זיי זיינען געפאהרען אין דער ווייטער וועלט אריין. חנה לאה האט קיין קינד נישט געלאזט זיך ריהרען פון ארט — האט ווי מורא געהאט, אז מען זאל איהר איינס נישט אוועקכאפען, און זי האט געהאלטען אין איין שרייען אויף איינעם פון די „קאמאנדע“, אויף חיים׳ן, וועלכער איז זעהר נייגעריג געוועזען צו וויסען אלעס וואס עס טהוט זיך אין וואגאן און אויסער דעם וואגאן. ער האט זיך אלע מאל אוועקגעשלייכט און געווארפען א בליק דא דורכ׳ן פענסטער, דא דורך די טהיר, און ביי יעדעס מאל ווען דער יונג איז אוועקגעקומען פון אונטער איהר האנד, האט זי געמיינט ער איז שוין פערלארען געגאנגען און פערפאלען געווארען. ווארים אויף אלע מענשען אין וואגאן האט חנה לאה געקוקט מיט שרעק און חשד, אלס אזעלכע, וועלכע זיינען אנגעשטאנען אויף איהר לעבען און אויף דעם לעבען פון איהרע קינדער, און זי האט מורא געהאט מיט וועמען א ווארט אויסצוריידען, אדער וועמען עטוואס צו פרעגען (ווארים אזוי האט איהר דער אגענט אנגעזאגט: „מיט קיינעם גאר ניט ריידען“), כאטש די מענשען זיינען נאך געוועזען אונזערע און דער לשון אונזערער.

אזוי איז זי אבגעפאהרען א גאנצען טאג אין וואגאן, און ארום פארנאכט איז זי אנגעקומען צו דער סטאנציע, וועלכע איז געוועזען אויסגעשריעבען אין קוויטעל וואס דער אגענט האט איהר געגעבען, און וועלכעס זי האט געהאלטען די גאנצע צייט אין דער האנד און געהיט ווי אן אויג אין קאפ.

דורך די וואגאנען איז דורכגעגאנגען א יונגער־מאן אין א גומענעם מאנטעל מיט אן אויסלענדישע אכט־קאנטיגע היטעל און האט געווארפען א געהיימען ברום צווישען די פאסאזשירען: „ווער צו

דער גרענעץ". דאָס איז געווען אַ צייכען, וואָס דער אַגענט האָט איהר געזאָגט, און זי האָט איבערגעגעבען דעם יונגען־מאַן דאָס קוויטעל; דאַן האָט ער געגעבען אַ געהיימען ווינק צו איהר: „געהט נאָך מיר" — און זי האָט צוזאַמענגענומען די פּעקלעך. רחל'ע האָט אָנגענומען יאָסעלע'ן ביי דער האַנד. די קאָמאַנדע די פּעקלעך אויף די קליינע פּלייצקעלעך, און ווי צו דער שחיטה זיינען זיי נאָכגעגאַנגען דעם יונגען מאַן. פון דענסטמאָל אָן האָט זיך חנה לאה געפיהלט „געפאַנגען", און די ריכטיגע רייזע „קיין אַמעריקא" האָט זיך ערשט אָנגעהויבען. מענשען האָבען אויף איהר געשריען, איהר בעפעהלען, און געהייסען אַזוי און אַזוי טהאָן, און זי האָט אַלץ אויסגעפיהרט, ווי אַ געפאַנגענע.

דער יונגערמאַן האָט צוגעוואָרפען אַ וואָרט „צו די פוהר", און פלוצלונג האָט ער געגעבען אַ ברום „בעהאַלט זיך פאַר'ן זשאַנדאַרם", און אַליין איז ער פערשוואונדען געוואָרען ווי אין דער ערד אריין. אַ פּאָר מינוט איז חנה־לאה מיט די קינדער מיט די פּעקלעך געשטאַנען אין מיטען סטאַנציע און איז געווען צומישט, האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן און איז בערייט געווען, אַז דער זשאַנדאַרם זאָל צוגעהן צו איהר, און מען זאָל איהר מיט די קינדער אוועקפיהרען כאָטש אין די שאול תחתיה — און זי האָט זיך אַליין געפונען שולדיג עפּעס פאַר אַ גרויסע זינד וואָס זי האָט געוואָלט בעגעהן, „אַריבער די גרענעץ"... און זי האָט זיך שוין געהאַלטען פאַר פאַרפאַלען. ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך ווידער פּלוצלונג געיאַוועט דער יונגערמאַן, און האָט זיך געגעבען אַ ברייזער „צו די פוהר". זיי זיינען צו צו דער פוהר, דאָרט איז שוין געווען פול אידען, ווייבער, קינדער מיט פּעקלעך. מען האָט זי מיט די קינדער אַרויפגעוואָרפען — און — וויאָ! די פוהר איז פלינק אַוועק.

די פוהר איז אָבגעפאָהרען אַ צוויי שעה אין די נאַכט אַריין און חנה לאה איז אָנגעקומען אין אַ גרויסען הויף אַריין. אַרום איז געלעגען די שוואַרצע נאַכט איבער די פעלדער, און אַ וואַסער האָט אויך דאָרט געמוזט זיין — ס'האָט געבלאָזען אַ ווינד. הינד האָבען געוואָיעט, און חנה־לאה'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אָנגעקומען צום טויער פון די מדבריות, דורך וועלכע מען דאַרף דורכגעהן, אַז מען פאָהרט קיין אַמעריקא. אַ טויער האָט זיך אויפגעעפענט און זיי

זיינען אריין אין א גרויסע סטאדאלע, וואו זיי האבען דערזעהן ביי דעם שיין פון א קליין נאפט-לעמפעל, וואס איז געהאנגען אויף דער וואנד, א גאנצע מחנה אויסוואנדלער, וועלכע זיינען געלעגען פאר־מיליען-ווייז ארום זייערע פעקלעך אין די ווינקעלעך פון דער קרעטשמע.

יעדער פון די אנגעקומענע האט זיך אויסגעזוכט אן אנדער ווינ־קעל. חנה-לאה מיט איהרע קינדער האבען באלד געפונען א בינטעל היי, וועלכעס איז געלעגען אן א זייט, האבען דארט אבגעלייגט זייערע פעקלעך און זיך אוועקגעזעצט. חנה-לאה האט זיך אומגעקעהרט און דערזעהן, אז די מענשען, וועלכע געפינען זיך דא, זיינען אידען, און באטש זיי ריידען ליטוויש — מוז עס דאך זיין ליטוואקעס — דאך זיינען זיי אידען; איז איהר פיעל גרינגער געווארען אויפ'ן געמיטה, וואס זי האט זיך געפונען צווישען אייגענע. זי האט געזעהן, אז די קופקעלעך ארום איהר מאכען זיך בעקוועם. די ליטוואקעס בינדען אב די טשאייניקעס פון זייערע פעקלעך, נעהמען ארויס אוגערקעס פון זייערע טיכלעך, צושניידען זיי און צוטהיילען זיי ארום מיט ברויט צו זייעריגע, יעדע משפחה פאר זיך ארום זייערע פעקלעך, האט זיך חנה לאה דערמאהנט אן איהרע שוואלבען, אז זיי האבען א גאנצען טאג היינט אין מויל נישט געהאט, האט אויפגעעפענט איהר פעקעל און ארויסגענומען פון דארט די חלה מיט די וואורשטלעך וואס די רייכע שוועגערין האט איהר מיטגעגעבען אויפ'ן וועג. זי האט צו־טהיילט איהר עסען איהרע קינדער, און רחל'ע, וועלכע איז מעהר ענערגיש געווען פאר די מוטער און האט מעהר מוטה געהאט פון איהר, האט גענומען דעם טשאייניקעל און איז נאכגעגאנגען די ליט־וואקעס אין דעם צווייטען שטיבעל אריין קויפען ווארימע וואסער.

ווען די משפחה האט געטרונקען טהע פון איין גלאז, וועלכעס איז ארומגעגאנגען פון איין האנד צו דער צווייטער, האט זיך צו חנה לאה'ן צוגערוקט א אידענע פון א צווייטען ווינקעל, און אוועקזע־צענדיג זיך נעבען זייערע פעקלעך, האט זי זיי געפרעגט:

— איהר פאהרט אויך קיין אמעריקא?

חנה-לאה, ווען מען האט אנגעזאגט פאר'ן ארויספאהרען, אז זי זאל קיינעם נים זאגען, אז זי פאהרט קיין אמעריקא, נאר אז זי

פאָהרט קיין ברעסלוי מיט אַ קראַנקעם קינד צו אַ דאָקטאָר — האָט דער אידענע אָבגעענטפערט האַלבע ווערטער:

— ניין, איך פאָהר מיט אַ קראַנקעם קינד צו אַ דאָקטאָר קיין אויסלאַנד.

די אידענע האָט מאַהנע די ליפען פערביסען און זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל אין אַ ווינקעל אריין:

— נו, יואָל, זיי פאָהרען אויך צו אַ דאָקטאָר קיין ברעסלוי.

פון ווינקעל האָט ווער אָבגעענטפערט אין אַ לאַבענדען טאָן:

— מיר אַלע פאָהרען קיין ברעסלוי, — אַי פאָהרען מיר נאָך ברעסלוי!

די אידענע האָט ווידער געפרעגט חנה־לאה׳ן:

— וואָס, איהר האָט אַ מאַן דאָרטען?

חנה־לאה האָט פערשטאַנען, אַז דאָ האָט זי נישט וואָס צו בעהאַלטען, האָט זי געפרעגט די אידענע: — און איהר האָט אויך אַ מאַן דאָרטען?

— הלואי וואָלט איך איהם אַזוי נישט געהאַט, ווי כ׳האָב איהם! — האָט די אידענע אָבגעענטפערט מיט אַ קרעכץ.

חנה־לאה האָט זיך פערוואונדערט, און מורא געהאַט ווייטער צו ריידען מיט דער אידענע. זי האָט זיך געוואָלט אויסדרעהען צו די איהריגע, וואָרים אָט טאַקע איז יאָסעלע׳ס קעפעל געפאַלען אין איהר שוים. דאָס קינד איז מיעד געווען און מיט׳ן שטיקעל ברויט אין האַנד, און מיט דער „מוציא“ וואָס ער האָט געמאַכט איבער די ליפען איז ער איינגעשלאָפען אין דער מוטער׳ס שוים.

נור די אידענע האָט זיך נעהנטער אוועקגעזעצט נעבען חנה לאה׳ן, און האָט אָנגעהויבען אַליין צו דערצעהלען:

— איז אַראָבגעפאָהרען פאַר אַכט יאָהר. „אויפ׳ן צווייטען יאָהר נעהם איך דיר אַראָב“, האָט ער געזאָגט. אַזוי זאָל מען נאָך הערען פון איהם ביז׳ן היינטיגען טאָג, מיט אַ קינד ביי דער ברוסט האָט ער מיך איבערגעלאָזט. איך האָב געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבען, ערשט עס שרייבען מיר בעקאַנטע הײמישע מענשען, אַז ער לעבט דאָרט מיט אַן אַנדערער און האָט קינדער מיט איהר. אָט פאָהר איך דאָס אַראָב צו איהם מיט מיינע שוואַלבען — ווייזט זי אין ווינקעל אַריין אויף די שלאָפענדע קינדער. מען זאָגט, מען וועט מיך גאָר

נישט אריינלאָזען אין אמעריקא. אויב ער וועט נישט אראָבקומען צום שיף מיך אראָפּנעהמען — אָט האָסטו דיר אַ פרייע לאַנד!

חנה לאה איז זיצען געבליבען מיט אַ קלאַפּענדיג הארץ. איין מינוט איז איהר איינגעפאלען וואס די שוועגערין שיינדעלע האָט איהר דערצעהלט פאר מאיר'ס אוועקפאהרען. איהרע ליפען האבען גע־ציטערט, און איהרע הענד האבען קראמפּהאפט אנגעטאפּט יאָסעלע'ן, וואס איז געלעגען אין איהר שויס — אפשר איהר מאיר אויך? — אַ קשיא אויף אמעריקא, אין אזא ווייט לאַנד! באלד האָט זי זיך פאר־געשטעלט איהר מאַן. ניין, מאיר נישט, — האט זי זיך בערוהיגט, — ניין, און כאָטש דאס הארץ איז געבליעבען אונרוהיג, — דאך ווען די אידענע האָט געפרעגט אויף איהר מאַן, האט חנה־לאה נישט אָהן גאוה אָבגעענטפּערט:

— מיין מאַן (זי האָט אַקצענטירט דאס וואָרט) נעהמט מיך מיט די קינדער אראָב. אַ יאָהר איז ער ערשט דארטען און נעהמט אונז שוין אראָב.

— אַ גליקליך ווייב — האָט די אונבעקאנטע אידענע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף חנה־לאה'ן. עס זיינען דאָ מענער אויף דער וועלט — און איך — האָט זי געקרעכצט — וואס האב איך נישט געטהאָן! איך האב זיך אין אַ קאפּעלוש געלאָזט מאהלען און מיינע בילדער אראָבגעשיקט — האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. מען זאָגט צו מיר: לאָז דיך אָבפאָטאָגראַפירען אין אַ קאפּעלוש, שיק איהם דיין בילד אראָב, לאָז דיר די באקען רייטלען — ווייז איהם, אז דו ביסט אויך אַ שעהנע ווייבעל. איך האָב זיך געלאָזט די באקען רייטלען, האָב מיך פון דער נגידית'טע אַ קאפּעלוש געבאָרגט, און האָב איהם די בילדער געשיקט. — אוי, — קרעכצט די אידענע, — ס'זיינען פאראַן מענער אויף דער וועלט: ערשט אַ יאָהר דאָרטען, און נעהמט שוין דאס ווייב מיט די קינדער אראָב, — שאָקעלט זי אויף חנה־לאה'ן.

חנה־לאה האָט אויסגעשפּיגען, אַז די אידענע זאָל איהר חלילה נישט קיין עין־הרע געבען, זי האָט די קינדער נעהנטער צוגערוקט צו זיך און גערופען דעם יונג, חיים'ען, וועלכער איז שוין געווען אין אלע ווינקעלעך, האָט זיך שוין געהאט בעקאַנט געמאַכט מיט אינגלעך פון אַן אַנדער משפּחה און קוקט שוין דורך דער טהיר אין די צווייטע שטוב אריין. זי האָט צוגעשריען אויף איהם, אלץ ארומ־

געהאלטען ארום זיך, ווי זי וואלט חלילה מורא געהאט, אז די אידענע זאל פון איהר גאר נישט אוועקנעהמען, און ווי בעוואָרענענדיג זיך שוין פון אן איבערפאל האט זי מעהר זיכער געפיהרט דעם געשפרעך מיט דער אידענע. אין איהר שטימע האט זיך געהערט א צופריע־דענער טאָן:

— און ווער זיינען דאס די? — האט זי געפרעגט אויף דעם ווינקעל, פון וואנען די אידענע איז ארויסגעקומען — אייעריגע?

— ס'איז א חתן מיט א כלה פון אונזער שטעדטעל, פאהרען ביידע קיין אמעריקא אראב.

— אזוי — האט חנה־לאה אבגעענטפערט גאנץ בעל־הבתיש. באלד האט זיך דערהערט א קינד'ס וויינען.

— אהא, מיינס וועקט זיך שוין, — האט זיך די פרעמדע אידענע אויפגעכאפט. נא, נא, מיר וועלען זיין „שיף־שוועסטער", האט זי געזאגט צו חנה־לאה'ן, און איז געלאפען אין איהר ווינקעל אריין.

— וואס איז דאס אזעלכעס? — האט חנה לאה געפרעגט.

— מיר וועלען איינאיינעם אויף איין שיף פאהרען — האט די אידענע אבגעענטפערט פון דערווייטענס.

דער עולם איז דערווייל איינגעשלאפען. פון דא און דאָרט האט זיך געהערט א כראפען, די קינדער זיינען געלעגען ארום זייערע מו־טערס אויף די פעקלעך און זיינען געשלאפען. די פאטערס, אנגע־לעהנט אויף די קעסטלעך, און ביי דעם שיין פון דעם לעמפעל האט דער עולם אויסגעזעהן ווי שאטענס, ווי דורכגעהענדע, ווי אייביגע וואנדלערס, וואס קומען אן פון א פרעמדער וועלט און וואנדלען ער־געץ דורך נעכט, דורך טעג, אין א פרעמדער וועלט אריין. אויף זייערע פנים'ער איז געלעגען דאס געהיימניס־טרויער פון אייביגען גלות. די מוטערס האבען געהאלטען די קינדער אויף זייערע הענד און זיינען געשלאפען. די אינגלעך זיינען געלעגען אין די פאטערס שויסען און געשלאפען. אויף די ווענד זיינען געפאלען די מיעדע שאטענס פון די שלאפענדיגע, מיט זייערע פעקלעך און טשאיניקעס. און זיי האבען אויסגעזעהן ווי ארויסגעטריעבענע פון אן איינגענו־מענער שטאדט, ווי נעכטען וואלט ערשט דאס בית־המקדש חרוב גע־ווארען, און אט ערשט קומען זיי אן פון וועג פון ירושלים, און נבוזרדן

געהט מיט זיי און טרייבט זיי נאָך; און אַט זיינען זיי דאָס אויף דעם וועג צו דעם לאַנגען, לאַנגען גלות...

אין אַ ווינקעל האָט זיך געהערט אַ שטים פון אַן אַלטען אידען, זיין סדור׳ל האָט ער געהאַלטען פאַר דעם שיין פון דעם לעמפּעל און געזאָגט מיט זיין אַלטער טויזענד־יעהריגער אידישער שטימע דאָס שרעקליכע געזאַנג:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק".

אין צוויי שעה אַרום זיינען די גוים געקומען אריבערצופיהרען די מחנה אויסוואַנדלער איבער דער גרענעץ.

חנה לאה איז ערשט וואָס געהאַט איינגעשלאָפען אויף דעם קעס־טעלע, וועלכעס איז געשטאַנען הינטער איהר. און דער יונגער־מאַן מיט דעם גומענעם ראָק איז אַרומגעגאַנגען צו די שלאָפענדע און זיי אויפגעוועקט. פון אַלע ווינקעלעך האָבען זיך געהויבען מענשען־קעפּ. מען האָט פלינק צונויפגעלעגט זיך די פּעקלעך; די מוטערס האָבען פאַרזיכטיג זייערע קינדער אוים דעם שלאָף געוועקט, און אַלעס האָט זיך מיט אַ שטילען ערנסט פּאַרטיג געמאַכט אין וועג אריין.

רחל׳ע האָט יאָסעלען גענומען אויף די הענד. דאָס קינד איז מיער געוועזן און פערשלאָפען און האָט בשום אופן ניט געקענט פער־שטעהן, וואו ער איז און וואָס ס׳טהוט זיך דאָ — ער האָט מורא געהאַט און פעסט זיך געהאַלטען אַן דער מאַמען. די „קאָמאַנדע" האָבען אויך די פליגלען פערלאָרען, זיינען שטיל געוואָרען, טרויעריג און פערדענקט. נור רחל׳ע אליין האָט זיך געהאַלטען — אַן אַלעם געדענקט, און האָט מונטער אויסגעקוקט.

פאָראויס זיינען געגאַנגען די גוים, די מחנה נאָך זיי. מען איז אויף דער גאַס ארויסגעקומען. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע און אַ ליכטיגע. די לבנה האָט זיך געהאַט ארויסגעוויזען פון הינטער די וואָלקענס — און דאָס איז זעהר שלעכט געווען פאַר די פיהרער, האָבען זיי זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, יאָ צו פיהרען, אָדער ניט. נור דער הימעל איז געווען בעוואָלקענט, און די לבנה האָט זיך פון צייט צו צייט בעהאַלטען הינטער די וואָלקענס — דאָס האָט ערוועקט האָפנונג ביי די פיהרער און מען האָט בעשטימט ווייטער צו געהן. מען איז אדורכגעגאַנגען דורך דעם טויער פון הויף און מען איז ארויסגעקומען אויף אַ ברייט פעלד וואָס איז נאָס געווען פון

נאַכט־טוי; פון דערוויטענס האָט זיך געריסעוועט אַ שוואַרצער שאָטען פון אַ וואַלד און מען האָט זיך געמאָסטען צו צוגעהן צום וואַלד.

חנה לאה האָט געדרעפּטשעט מיט די קינדער אין דעם וואַסער. יאָסעלע, וועלכער איז נאָך געווען פערשלאָפען, האָט נישט געוואוסט וואוהין מען פיהרט איהם, האָט מורא געהאַט, און האָט ניט געוואָלט נאָכאיילען די וואַנדלער, וועלכע האָבען געדרעפּטשעט איבער דער נאָר וואָס געאַקערטער ערד. איז זי פון הינטען געבליבען. די גוים האָבען געשריען אויף איהר — און יאָסעלע האָט נאָך מעהר מורא געקראָגען, איז שטיל געוואָרען, און מיט אידישע טרויעריגע אונטערטהעניגקייט וואָס איז שוין אייגען געוואָרען דעם אונטערטהעניגען איד, האָט ער אָנגעהויבען נאָכצולויפען, און זיי זיינען אין וואַלד אַריין.

דער וואַלד איז געווען געדיכט און די נאַכט האָט אָנגעהויבען שוואַרץ צו ווערען. די לבנה האָט זיך בעהאַלטען און די אַגענטען זיינען צופריעדען געווען. פאַר מעהר זיכערהייט האָט מען די מחנה צוטהיילט און מען איז געגאַנגען גרופּען־ווייז צווישען די געדיכטע בוימער. די צווייגען האָבען דעם וועג פערשטעלט און מען איז יעדעם מאָל איינגעטונקט געוואָרען אין אַ פערוואַקסענעם בוש, פון וועלכען מען האָט זיך נישט געקענט אַרויסקריגען. פון אַלע ווינקעלעך האָבען אַרויסגעקוקט טויטע נשמות וואָס האַלטען זיך אויף אין די וועלדער... און יאָסעלע האָט זיי געזעהן ווי זיי וואַנדלען צווישען די בוימער; און אָט באַלד, באַלד וועט מען טרעפען אַ גאַנצע מחנה טויטע נשמות אין ווייסען געהילט ווי זיי ציהען דורך דעם וואַלד דורך צו דעם וואַסער צו און געהען זיך טובל זיין... איידער זיי שטייגען אין הימעל אַרויף צום דין...

אין חדר האָט ער זיך אָנגעהערט מעשיות, און אַליין האָט ער געלייענט אין די „מעשה־ביכלעך“, וואָס ער פלעגט קויפען ביי לייביש איינבינדער יעדען פרייטאָג, פון די ווילדע וועלדער און וויסטע פעלדער, אין וועלכע ס'וואַלגערען זיך נשמות אַרום, אין וועלכע גזלנים האַלטען זיך אויף און פאַנגען דעם „בן־מלך“ מיט די „בת־מלכה“ און פערשליסען זיי אין די טיעפע היילען, און דאָרט אין דעם וואַלד איז דאָ אַ שטיין, וועלכער ליעגט אויפ'ן מויל פון דעם הייל, וועלכעס פיהרט אין גן־עדן התחתון אַריין. יאָסעלע איז געווען זיכער, אַז דאָס איז דער מורא'דיגער שרעקליכער וואַלד, פון וועלכען ער האָט אין די

מעשה־ביכלעך געלייענט; און דורך די שרעקליכע מדבריות און וועל־
דער געהט מען דאָס טאַקע דורך, ווען מען פאָהרט נאָך אַמעריקאַ.
און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז פון די וועלדער געהען אַרויס וועגען
וואָס פיהרען נאָך ארץ ישראל און נאָך אַלע לענדער פון דער וועלט;
און דאָרט, וואו דער וואַלד ענדיגט זיך, ענדיגט זיך די וועלט, — און
כ'ווייזען זיך באַלד די גרויסע, גרויסע מענשען־פרעסער מיט די לאַנגע
בערד, וועלכע האַלטען זיך אויף אין דעם וואַלד. ער האָט געוואַרט
אויף זיי מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, און אָט זיינען זיי שוין דאָ, פון
דערווייטענס הערט מען אַ גאַלאָפּ פון רייטערס און אַן עכאָ שלאָגט
אָפּ. וואָס איז דאָס? אַלע ווערען שטיל, מען געהט נישט ווייטער,
אָט פאַלט מען צו דר'ערד. די מוטער שלעפּט איהם אַראָפּ — בע־
האַלט דיך! אַלע, די גאַנצע פּאַרטיע ליעגט שטיל, אויסגעצויגען
צווישען די בוימער, האַלטען איין דעם אָטהעם, מען הערט נאָר דאָס
קלאַפּען פון די פערדישע פּאָדקאָוועס, וואָס אַמאָל נעהנטערען זיך
די מענשען־פרעסער, אָט באַלד וועלען זיי זיי דערזעהן און אַלעמען
געפאַנגען נעהמען אין זייער הייל, און וועלען זיי האַלטען אין אַ שטייג
און זיי אויספּאַשען אַז זיי זאָלען פעט ווערען, און דערנאָך יעדען טאָג
בראָטען איינעם פון זיי אויף דער „פייער־פאַן". אַ קינד פאַנגט אָן
צו וויינען אין דער מחנה און ס'ווערט פּלוצלונג פערשוויגען, די מו־
טער האַלט איהם צו מיט דער האַנד דאָס מויל. נעבען זיך הערט
ער אַ ציטערענדיג קול תהילים זאָגען אין דער שטיל, ליעגענדיג אויף
דער ערד צווישען גראָז, ער הערט די מאַמעס ליפּען בעוועגען זיך:
„גאָט פון אברהם, העלף אונז!" — רחל'ע בעט אויך ליעגענדיג אויף
דר'ערד נעבען איהם: רבונו של עולם — און זאָגט מיט דער מאַמע'ס
טאָן, ווען זי בענשט ליכט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע ליעגען
גרייט צום טויט און זאָגען שוין אָב וידוי. — אָט באַלד וויל ער
וויינען — ניין! די מאַמע פליסטערט צו איהם צו שטיל, שטיל:
יאָסעלע, יאָסעלע, זיי שטיל, זיי וועלען באַלד דורכרייטען, — ניין,
ער וועט נישט וויינען; ער וועט זיי נישט לאָזען הערען זיין קול, אַז
זיי זאָלען נִיט וויסען וואו זיי זיינען. ער וועט אויך בעטען, ווי די
גרויסע, ווי אַלע בעטען — רבונו של עולם — ניין — הימעל, ניין,
די גרויסע תפילה וואָס מען זאָגט ווען די נשמה געהט אויס, וואָס
אַלע אידען זאָגען, ווען זיי זיינען אין אַ סכנה, און אַז מען דערזעהט

א שד, און ווען מען זאָגט עס, קען ער קיין שליטה ניט האָבען.

— שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד! — האָט דער קליינער איד געצויגען אין איין אָטהעם דעם „אחד“.

און ווער ווייס אויב זיין קליינע תפילה האָט נישט געהאָלפען? מען האָט באַלד געהערט די זשאַנדאַרעז׳ס פערד אַפּרייטענדיג ווייטער טיעף אין וואַלד.

— אין דער שטיל, ווייטער, מאַכט קיין גערודער... — האָט דער אַגענט גערופען צווישען עולם, און מען האָט זיך אויפגעהויבען און מען איז ווייטער געגאַנגען...

געלויבט השם יתברך! — האָט חנה לאה אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, — די אָבות האָבען זיך געמיהט.

אַזוי איז מען דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט.

און אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען די מחנה האָט זיך געפונען שוין אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, וואו מען האָט זיי אריינגע־פיהרט „אין באָד“ אויף דיזענפעקציאָן, — האָט זיך שוין קיינער נישט געפיהלט ווי אייגענע מענשען, נור ווי שטיקלעך „סחורה“, וועלכע מען האָט עקספּאָרטירט קיין „אַמעריקאַ“ און מען וואַרפט עס פון איין האַנד אין דער אַנדערער אַריין, ביז עס קומט אָן צום ברעג...

# שיף־ברידער און שיף־שוועסטער

אין א פאר טעג ארום האט זיך שוין די משפחה געפונען אויף דעם שיף, וואס איז געלעגען אין די וואסערען פון גרויסען אקעאן, דאס שיף איז נאך נישט געהאט ארויסגעפאהרען, עס איז נאך געלעגען אין האפען, און די צווישען דעקענדיגע האט מען א גאנצען טאג צופריהער אויף דאס שיף אויפגעפאקט. א גאנצען טאג איז א גרויס גערודער געווען אויף דעם שיף, פערשיעדענע פעלקער זיינען ארויפגעגאנגען אויף דאס שיף, מעהרסטען קליין־רוסישע גוים, — און חנה־לאה מיט די קינדער זיינען ווי דערטרונקען געווארען אין דעם גערודער. מענשען האבען געשריען אין פערשיעדענע שפראכען, זי איז געגאנגען וואוהין אלע זיינען געגאנגען. א קליין שיפעל האט זי מיט די איהריגע צוגעפיהרט צו דעם גרויסען שיף. זי האט נישט געזעהן דעם ים, זי האט מורא געהאט צו קוקען, זי האט זיך פערלאזט אויף גאט.... א גאנצען טאג האט זיך איינס דאס אנדערע געזוכט, פעקלעך זיינען געלעגען פאר די פיס, קיינער האט נישט געקאנט געפינען דאס זייניגע, און אלעס האט געשריען. מען האט זי דורך קעלערס געפיהרט, אין די טיפעניטשען אראב, זי האט געהאלטען יאסעלע'ן ביי דער האנד און נאכגעגאנגען, זי האט נישט מורא געהאט, זי האט זיך פערלאזען אויף גאט.... צום סוף האט מען איהר אנגעוויזען א סעניק אין א ווינקעלע צווישען א סך, א סך סעניקעס, און זי איז ארויפגעקראכען מיט איהרע קינדער, האט זיך איינגענורעט אין איהר ווינקעל מיט די איהריגע און האט זיך מורא געהאט צו ריהרען. ערשט איצט האט זי אנגעהויבען מורא צו קריגען פאר'ן גרויסען שרעקליכען ים, כאטש זי האט איהם נישט געזעהען, כאטש זי האט איהם נישט געפיהלט, ווארים דאס שיף איז נאך געלעגען אין האפען.

דערווייל איז אין דער קאמער, וואו זי איז געלעגען, געווארען גאנץ היימליך, און אז חנה־לאה האט זיך ארומגעקוקט, האט זי דער־

זעהען, אז זי געפינט זיך צווישען בלויז איינענע. דאָס איז געווען די אבטהיילונג פאר „אידישע פאמיליעס מיט קינדער".

— נא, זי איז דאָך אויך דאָ! וואו זיינט איהר געווען דורך דעם גאנצען וועג?

חנה־לאה האָט זיך אומגעקוקט, ווער עס רעדט מיט די ווערטער — עס איז געווען די אידענע, מיט וועלכער זי האָט זיך בעגעגענט ביי דער גרענעץ, און וועלכע פאָהרט צו איהר אנטלאָפענעם מאַן.

חנה־לאה האָט זיך מיט איהר דערפרעהט, ווי מיט אַן אַלטען פריינד.

— וואו זיינט איהר געווען? איך האָב האָך אייך געזוכט.

און די ביידע שכנות אויף די צוויי סעניקעס האָבען צוזאמענגע־נומען זייערע קינדער און האָבען אָנגעהויבען צו ריידען צווישען זיך דורך די גראטעס, ווי אלטע צוריקגעפונענע פריינד.

דערווייל האָט זיך הינטען איין איד בעקאַנט מיט'ן צווייטען, אַלע האָבען גערעדט אין איינעם, האָבען אויסגעפרעגט אויף בעקאַנטע פון זייערע שטעדט, און איין איד האָט אַזוי לאַנג געפרעגט דעם צווייטען, ביז עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איינער איז מיט'ן צווייטען משפחה. אַזוי איז אַרומגעגאַנגען דער „ספר היוחסין", ביז עס האָט זיך געפונען, אַז אַ האַלבע שיף איז משפחה און איין איד איז מיט'ן צווייטען אַ שני בשלישי.

— אויב אַזוי, טאָ מעגען מיר דאָך טאַקע מנחה דאַוונען, — האָט זיך אָנגערופען אַ פרעהליך קול.

— נו, אדרבא, אדרבא, האָבען זיך געהערט אַרום קולות.

— אידען, איהר ווייסט, אַז מען צינדעט היינט דאָס ערשטע ליכ־טעל? — האָט ווער אין אַ ווינקעל דערמאָהנט.

— אַ גוטער סמן, אין ערשטען טאָג חנוכה אויף דאָס שיף אַרויפ־געגאַנגען.

— ווער איז דאָ פון אונז אַ בעל־מנגן? — פרעגט ווער פון עולם.

— ווי הייסט, מיר האָבען דאָך דעם קעלצער חזן דאָ? — האָט אַ איד געוויזען אויף אַ יונגען מאַן מיט אַ געל בערדעל, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אַ ביסעל אָבגעזונדערט פון'ם גאַנצען עולם.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז דאָס איז דער קעלצער חזן? — פרעגט מען דעם איד.

— מיר דארף מען נישט קיין פינגער אין מויל אריינצולעגען, איך ווייס שוין, — טענה'ט דאס אידעל פלינק, און גיט א וואונק צום געלען יונגען מאן, — איך הערקען שוין, אין זיין באס־שטים דערקענט מען שוין. — נא, זעהסט, ווייזט ער אויף דעם יונגען מאן, דו זעהסט נישט דעם לאנגען נאגעל פון גראבען פינגער, — ווייסט, איך האב דאך איהם אליין דאוונען געהערט.

עס האט אביסעל געדויערט, ביז דער געלער יונגער־מאן האט זיך געלאזט „צו וויסען געבען" פאר זיינע ברידער, אז ער איז טאקע דער קעלצער חזן. דערנאך האט עס א ביסעל געדויערט ביז ער האט זיך געלאזט איינריידען, אז ער זאל געהן „פאר'ן ברעטעל". נור איז א פאר מינוט ארום איז ער שוין געשטאנען פאר צוויי ליכטלעך, וועל־כע האבען געברענט אויף א קעסטעל, און דער יונגער־מאן ח[illegible]ט נעגארגעלט פאר'ן עולם, און אלע ווייבער און קינדער פון שיף האבען מיטגעזאגט קדושה.

א מנחה־דאוונען איז געווען א שעהנס און א חזנ'יש. נאך מנחה־דאוונען — האט מען געפרעגט, ווער האט „חנוכה־ליכטלעך". עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אלע האבען זיך געריכט אויף חנוכה און האבען אנגעגרייט חנוכה־ליכטלעך. האט יעדע משפחה אנגעצונדען די ליכט־לעך אויף איהר קעסטעל. און דער קעלצער חזן האט זיך אוועקגע־שטעלט פאר'ן עמוד, וואס איז בעשטאנען פון איין קעסטעל אויף א צווייטען, דער עולם האט באלד געפונען א פאר קוויטשערלעך פאר איהם, א סאפראנדעל האט ער אליין מיטגעפיהרט מיט זיך, זיינס א אינגעל, א קינד א וואונדער אין דער וועלט — אמעריקא וועט אויפ'ן קאפ שטעהן, — און עס איז געווארען אבגעזונגען א חנוכה־בענשען מיט א מזמור, וואס אזעלכעס האבען נאך די לייט נישט געהערט. חנה־לאה האט זיך פערגעסען, אז זי געפינט זיך אויף דעם שיף. איהר האט זיך געדאכט, אז זי איז ביי זיי אין שטעדטעל אין דער שוהל, עס איז איהר נור ווען געווען, וואס מאיר איז נישטא דא. דאס געזאנג איז געגאנגען וואס אמאל העכער, דאס אינגעל, דאס סאפראנדעל, האט וואונדער געוויזען, און דאס גאנצע שיף אידען האבען אונטערגעהאל־פען (עס איז אריינגעקומען דער שומר און האט געשריען — האט מען איהם דאס מויל פערשטאפט מיט א לא יחרצ'ל), און דאס קול איז גע־גאנגען וואס אמאל העכער און פרעהליכער, און אז דער חזן האט גע־

ענדיגט דאָס זינגען, האָט זיך אָנגערופען דאָס פרעהליכע אידעל, הויך אויפ'ן קול, רייבענדיג זיך די הענד:

— איצט פּאַסט די גוטע „לאַטקע", און די פעטע גריוועו לכבוד חנוכה.

— און אפשר דאָס פיינע קערטעל? — רופט זיך אָן אַ צווייטער.

— און טאַקע האָס פיינע קערטעל אויך! — ענטפערט אָב דאָס אידעל, רייבענדיג זיך די הענד.

— גריוועו זיינען דאָ — רופט זיך אָב אַ ווייבעריש קול פון אַ סעניק אראָב, און דערלאַנגט פון אַ גרויסען פּאַק ארויס אַן איינגע־פּאַקטען טאָפּ קאַלטע גריוועו.

— פון וואַנען האָט איהר גענומען גריוועו? — פרעגט אַ אידענע.

— מיין טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבען אין וועג אריין — דאָס האַרץ צו דערכאַפּען, — ענטפערט די אידענע גאַנץ גלייכגילטיג.

אין אַ פּאָר מינוט ארום זיינען שוין געזעסען די אידען פון פער־שיעדענע געגענדען און לענדער, וועלכע האָבען זיך נאָך נעכטען נישט געקענט, מיט זייערע קידער ארום איין טיש, האָבען געגעסען פון איין טעלער, האָבען זיך געטהיילט די ביסענס און האָבען זיך געפיהלט צווישען זיך ווי מיטגליעדער פון איין משפחה, ווי אַלטע, אַלטע פריינד פון אמאָליגע, אמאָליגע צייטען, וועלכע האָבען זיך געטראָפען נאָך דאַן, ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, זיינען אין איינעם אין די פריהערדיגע גלות'ן געווען, און בעגעגנען זיך ווידער דאָ, אויף דעם וועג קיין גלות־אמעריקא....

---

נור יאָסעלע איז ביי דעם אַלעם ניט געווען, בחנם האָט די מו־טער איהם יעדעס מאָל געצויגען ביים ארבעל, ווען דער חזן האָט גע־דאַוונט. וואו איז יאָסעלע'ס שעהנער „אמן" נאָכזאָגען? וואו איז זיין „יהי שמיה רבה", זיין „קדושה", מיט וועלכען דאָס שטעדטעל האָט געקלונגען? פערגעסען האָט יאָסעלע זיין אידישקייט. זיינע גרויסע גלאַנצענדיגע אויגען קוקען איצט דורך דאָס פענסטער'ל אין די נאַכט אריין אויף דעם ברייטען גרויסען ים. דאָס איז ער, דער ים הגדול, פון וועלכען עס שטעהט אין חומש, וואָס לויפט וייט אַוועק וואו קיין עק איז נישטאָ, וואו די וועלט ענדיגט זיך, וואו די הימלען הויבען זיך אָן. טונקעל איז ער און שווייגענדיג, קאַלט און ערנסט ליעגט ער

אויסגעצויגען און לויפט ווייט, ווייט אוועק. פון דער ווייטער טיע־פעניש פון ים קומט אן צולויפען א וואל, גרויס איז ער ווי א שרעקליך ווילדע חיה, און גיט א שרעקליכען ברום, און א שלאג אן אין דאס שיף. אט שוין האט זי, די חיה — דער וואל — דאס מויל געעפענט דאס שיף איינצושלינגען, און אלע, דאס גאנצע שיף וואלט געווארען איינגעשלונגען אין איהם, נאר גאט שטעהט און זאגט: „נישט", און מיט א געבייזער גיט זיך דער וואל א שלאג אב פון דעם שיף און לויפט ווייט אין ים אריין.... עס פאלען די הימלען איבער'ן ים, עס שטייגט דער ים אין הימעל אויף און טונקעל ווערט איבער זיי ביידע — און מיט אמאל גיבען זיך א צינד אן ליכטלעך אין מיטען ים און שווימען אין דער לופטען, צווישען הימעל און ים, איין ליכטעל, נאך איינס, א גאנצע רייה, הונדערטער, טויזענדער, איינס נאכ'ן אנדערען, און גלייך זיינען זיי, ווי בוימלעך איינגעזעצט, שטערען אויסגעזייהט — וואס איז עס, צי איז ביי זיי אויך חנוכה? — און האט דער ים זיינע חנוכה־ליכט אנגעצונדען? אדער זיינען דאס די ליכט פון די פענסטער פון הימעל, וועלכע זיינען שוין פון יענער זייט ים? —

און שטיל איז שוין געווען אין דער אבטהיילונג פאר די אידישע עמיגראנטען. דא און דארט זיינען די פאמיליעס געפאלען איבער די סעניקעס און זיינען איינגעשלאפען. דא און דארט איז אן עמיגראנט געזעסען ביים שיין פון א צאנקענדיג חנוכה־ליכטעל און האט אויף זיין קאסטען געשריבען דעם לעצטען גרוס פון שיף צו זיין פאמיליע, — און יאסעלע איז נאך אלץ געלעגען ביי דער מוטער'ס זייט אויפ'ן סע־ניק און האט מיט זיינע גרויסע אויגען ארויסגעקוקט אין די נאכט אריין אויפ'ן ים. אין דרויסען איז שוין פינסטער געווען, א שווארצע, שווערע כמארע איז געלעגען איבער'ן ים, און אלץ איז געווען פער־שטעלט, נור פון הינטען, אויף די וואנד פון שיף, האט זיך געהערט דאס ברומען פון די וועלען, וועלכע זיינען אנגעקומען צו לויפען פון ים, און האבען געקלאפט אויף די וואנד פון שיף, און יאסעלע האט גע־טראכט, פון וואנען די וועלען קומען אן צו לויפען — פון דער טיעפע־ניש פון ים, פון דארט ווייט, נאך די ליכטלעך, וואו עס איז שווארץ — דארט, וואו עס ליעגט דער לויתן, און אויף זיין עק שטעהט די וועלט, און עס איז געווג, אז ער זאל אייז ווארף געבען מיט זיין עק, אז די גאנצע וועלט זאל אין ים אריינפאלען, נור גאט שטעהט דערביי און

זאָגט: ריהר זיך נישט — און דער לויתן גיט זיך קיין ריהר נישט. ער האָט איהם איצט בעשייםפערליך געזעהן, דעם לויתן, דאָרט אין דער טונקעלהייט, וואו ער שניידט זיך אויס פון ים ארויס און שטייגט וואָס אמאָל בולט׳ער, בולט׳ער פון ים ארויס, אָט וואקסט זיין קאָפּ, וואקסט זיין עק, און ציהט זיך אויס וואָס אמאָל לענגער, אָט, אָט, ביז ער דערגרייכט שוין דאָ אהער, אָט וועט ער באַלד אָנריהרען מיט זיין עק די װענד פון שיף און אלץ וועט ער אומדרעהען אין ים אריין.

— מאמע! — האָט פּלוצים יאָסעלע געגעבען אַ שריי אויס מיט אזא הארץ־שרעקענדיגען געשריי, אז חנה־לאה האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך אומגעקוקט, וואו זי איז, — האָט גענומען יאָסעלע׳ם קאָפּ הינ־טער איהר טוך ארונטער און איהם דאָס פּנים פערשטעלט.

— לייען קריאת־שמע, יאָסעלע, און שלאָף.

און יאָסעלע האָט מיט הארץ־קלאַפּעניש קריאת־שמע געלייענט הינטער דער מוטער׳ס טוך.

# צום אַמעריקאַנער ברעג

עס איז געווען אַ שעהנער טאָג אויפ'ן שיף. די זון האָט ברייט געשיינט איבער'ן ים, און אַזוי ווי דאָ וואָלט מען זי געלאָזט איי־מאָל אין איהר לעבען אויסציהען זיך אין איהר גאַנצע גרויסקייט, אַז עס זאָלען איהר נישט שטעהן אין וועג קיין שפּיצען פון דעכער און קלויסטערס — האָט זי איבער'ן ים געוויזען איהר פּראַכט און שיין. וויפיעל זי האָט נור געסטייעט, האָט זי זיך פערשפּרייט איבער דעם ברייטען, אונענדליכען וואַסער, און האָט מיט איהר גלענצענדען ליכט, וואָס זי האָט געגאָסען פון זיך, אויפגעקאָכט די קאַלטע גיסענדע וועלען פון ים, דער ים האָט געברויזט געגענאיבער איהר שיין — און דאָס וואַסער האָט געשימערט. איבער די לייגג פון ים, וואו דאָס אויג האָט נור געקאָנט דערזעהן, האָט זיך געוואָרפען איין גרויסע, לאַנגע שימערנדע וועל, וואָס האָט געבלישטשעט אַנטקעגען דער זונן, און האָט אַזוי געלויכטען, אַז דאָס אויג האָט נישט געקאָנט ארייננקוקען אין איהר ליכט, און איבער דער וועל האָט אַלץ דאָס שיף געשטאַרקט זיך דורכצושווימען און האָט נישט געקאָנט, די לויכטענדע וועל איז איהם פאָראויסגעלאָפען דעם גאַנצען וועג, און האָט אויסגעברויזט איהרע וואַסערען הינטער די רעדער פון שיף.

אויף דעם שיף איז היינט געווען יום־טוב. מען האָט זיך דערנעהענטערט צום ברעג פון אַמעריקאַ; כאָטש מען האָט דעם ברעג נישט געזעהען — דאָך האָט מען געפיהלט זיין נאָהענטקייט, און מען האָט איהם ערוואַרט יעדען אויגענבליק צו דערזעהן.

נאָך אַ טאָג צו פריהער האָבען די מאַטראָסען דאָס גאַנצע גרויסע שיף געוואַשען, נאָך אַ טאָג צו פריהער האָבען זיך די מעווען פון דער אַמעריקאַנער זייט געוויזען און האָבען מיט זייער שרעקענדיג געשריי בעגלייט דאָס שיף איבער אַ גאַנצער נאַכט; נאָך אַ טאָג צו פריהער האָבען זיך אונענדליך פיעל קליינע שיפלעך געוויזען אי־

בער'ן ים, נאָך אַ טאָג צו פריהער האָט מען אין די קאַיוטעס איבער'ן גאַנצען שיף אויסגערופען: מאַכט אייך גרייט.

די אַמעריקאַנער פאָהן אויפ'ן מאַסט־בוים פּלאַטערט שטאָלץ איבער דעם ברייטען ים. און די פעלקער זיינען ארויס פון זייערע געצעלטען אויף דעם אויבער־דעק מקבל פּנים צו זיין דעם אַמעריקאַנער באָדען. יעדער איינער האָט דאָס בעסטע ארויסגענומען פון דעם באָדען פון זיין קאַסטען און דערמיט זיך אויסגעצייכענט. און אויסגעפוצט אין יום־טוב־קליידער שטעהען דאָ די פעלקער פון דער וועלט אויף דעם אויבער־דעק פון שיף; זייערע בליקען זיינען געווענדעט מיט בענקשאַפט און זיי ערווארטען מיט קלאַפּענדע הערצער דעם אַמעריקאַנער ברעג. דאָ און דאָרט זעהט מען אַ קליין־רוסישען פויער מיט זיין רויט־העמדעל און שווארצען הוט, שטעהט און קוקט תמ'עוואטע אויף דאָס וואסער, נעבען איהם זיין ווייב, דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַלענעם צלם פון איהר הארץ צו איהרע ליפען; אַ פוילישע פּאַרטיע אין איהר רויטען נאַציאָנאַל־קאָסטיום גרופּירט די קינדער ארום זיך; אַ הויכער ברייטער איטאַליענער מיט זיין רויטען האַלזטוך און צוקנייטשטען קאַפּעלוש האַלט זיין מאַנדאַלינע אין דער האַנד, ער האָט גאָר ניט צו ברענגען פון זיין רייך לאַנד, נור זיין געזאַנג מיט זיין גיטאַרע צום אַמעריקאַנער באָדען; עס וואַרפט זיך דאָס קאָלירטע טוך אויף אַ שפּאַניש שוואַרץ־מיידעלשען קאָפּ אין דעם ים פון פאַרבען; עס בלייכט זיך ארויס צווישען דעם ים מענשען־קעפּ אַ בלייך כריסטוס־פּנים, ארומגערינגעלט אין אַ שווארצער באָרד פון אַ פוילישען אידען. דאָ און דאָרט נעהמען זיך צונויף די רומענישע פויערים ארום אַ צלם, וואָס ווייזט זיך איבער זייערע קעפּ, קניען צו דער ערד און לאָזען שאַלען איבער דעם ברייטען ים אַ ברינסטיג רעליגיעזעס לויב־ליעד. די קאַטוילישע בעפעלקערונג טהוט זיי שוין נאָך: אין צווייטען ווינקעל האָבען זיך די פוילישע פּאַרטיעס און פויערים צוזאַמענגעקליבען ארום אַ צלם און אַ קירך־פאָהן און עס דערהערט זיך דאָס מורא'דיגע קאַטוילישע קירכען־ליעד, וועלכעס איז מעהר ענליך צו הארץ־רייסענדע געשרייען, ווי צו אַ ליעד. און די זונן בעשימערט דאָס וואסער, בעגיסט מיט ליכט דאָס שיף, ברענט צונויף די פאַרבען פון די פערשיעדענע פעלקער אין איין גרויסען קאָלירטען פאָהן; די געזאַנגען ווערען אויסגעמישט, די ליעדער ברומען

איבער'ן ים, די וועללען קלאַפּען הינטער די רעדער פון שיף, און עס ווערט איין גרויסעס, גרויסעס לויב־ליעד צו דעם ברעג, וועלכען אַלע ערוואַרטען מיט בייגקענדע בליקען און קלאַפּענדע הערצער.

אַמעריקא מקבל פּנים זיין איז אויך אונזער חנה־לאה ארויס מיט איהרע קינדער פון דעם שיף־לאַך, אין וועלכען זי האָט זיך אויפגעהאַלטען צוועלף טעג. אָנגעטהאָן אין איהר שעהנסטער שבת־הויב מיט דעם נייעם טוך, שטעהט זי דאָ צווישען די פעלקער פון דער וועלט מיט יאָסעלע'ן ביי דער האנד, מיט דער „קאָמאַנדע" און רחל'ען. אָנגעטהאָן יאָסעלע'ן דאָס שבת'דיגע סאַמעטען היטעל, אָבגעוואַשען איהם דאָס פּנים און פערקרייזעלט איהם די פּאות'לאך, אז ער זאָל אין די אַמעריקאַנער אויגען חן געפינען; די „קאָמאַנדע" אויך אויסגעפּוצט די קאַפּאָטקעלעך, אויסגעשמירט זיי די שטיוועלעך, און רחל'ען פערפּוצט מיט איהר נייעם שבת־קליידעל, — שטעהען זיי דאָ, אונזער פלייש און בלוט, צווישען די פעלקער פון דער וועלט און ערוואַרטען דאָ אויף דעם אַמעריקאַנער ברעג, אויף וועלכען עס געפינט זיך זייער פאָטער, וואו ער איז אַהינגעפאָהרען זוכען פאר זיי — אַן אָברוה און אַן אויפהאַלט.

קיין ליעד זינגט זי ניט, קיין וואָרט זאָגט זי ניט. וואָס זאָל זי ריידען, וואָס זאָל זי זאָגען — וואָס זי וויל, וואָס זי ווינשט אין איהר הארץ — ווייסט גאָט גאַנץ גוט.

אַזוי שטעהט זי, חנה־לאה, מיט איהרע קינדער, און ערוואַרט אַמעריקא מיט איהר מאַן מאיר'ן. די הויב גלייך זיך געמאַכט אויף איהר קאָפּ, אז זי זאָל ביי מאיר'ן אין די אויגען חן געפינען, ווי אַ אידישע טאָכטער די האָר פעסט הינטער דער הויב ארונטערגעשטופּט — גיט זי אַ וואָרף אַ בליק אויף די קינדער, — וואָס וועט ער זאָגען צו זיי, גיט זי אַ רוק צוריק אַ יונג פון דער „קאָמאַנדע", וועלכער האָט זיך ארויסגערוקט, מאַכט גלייך דאָס היטעלע אויף יאָסעלע'ס קעפּעלע, און גלעט איהם דאָס פּנים'ל.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ גרויסער אויסגעשריי אויף דעם שיף, און די מאַסע, ווי איין מענש, האָט זיך געגעבען אַ לאָז אראָפּ אויף די קניע און זיך גע'צלם'ט. חנה־לאה האָט זיך מיט שרעק געגעבען אַ קוק אום. זי האָט דערזעהן פאר זיך אַ לייכטענדען דיקען טומאַן און פון טומאַן האָבען זיך ארויסגעשניטען הויכע פייער־עקעדיגע בערג,

עטוואָס אזעלכעס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען. די מענ־שען אויפ'ן שיף זיינען געבליבען שטעהן און מיט גרויסע אויגען און אויפגעעפענטע מיילער האָבען זיי געהאַלטען אין איין קוקען אהין צו די בערג, צו דעם — וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען. נאָר וואָס אַמאָל איז דער נעבעל שיטערער געוואָרען, דורכזיכטיגער און לייכטענדער, און פון דעם נעבעל האָבען זיך שוין שאַרף אויסגעשניטען פינף הויכע פייער־עקעדיגע אייזערנע קאַסטענס, וועלכע זיינען געשטאַ־נען איינס הארט נעבען אַנדערען, און האָבען געבילדעט ווי אַן איי־זערנע וואַנד אויף דעם ברעג פון ים, וועלכע פערשטעלט אַלץ, וואָס איז הינטער איהר.

דאָס זיינען געווען די ערשטע וואָלקען־קראַצערס, וואָס שטעהען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען.

די מענשען זיינען געוואָרען פערבליפט און זיינען געשטאַנען ווי איין מענש און געקוקט מיט פערוואונדערונג און נייגיעריגקייט אויף דאָס מאָדנע בעשעפעניס. זיי האָבען אויסגעזעהען, די הויכע פייער־עקיגע קאַסטענס, ווי ווילדע בעשעפעניסען, ווי מורא'דיגע לייבען, וואָס שטעהען אויף דעם ברעג פון אַמעריקאַ.

דערווייל האָבען זיך דורכגעשניטען איבער דער לייגג פון וואַסער אונגעהויער גרויסע ליכטיגע שיפען, וועלכע האָבען שרעקליך ווילד געפייפט; פון דערווייטענס האָט זיך פערנומען אַ מורא'דיג ברומען ארויס פון דעם נעבעל, וועלכער איז געלעגען איבער דעם ברעג, ווי דאָרט אין דעם טומאַן, וואָלט זיך אַ ים געקאָכט, און דאָס קאָכעניש ברומט דאָס ארויס פון איהם. דאָס ברומען פון דער ווייטענס און דאָס שרעקעדיגע פייפען פון די לויפענדע שיפען האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפען אויף די מענשען. דאָס קירכען־געזאַנג האָט אויפגעהערט, דער צלם איז פערשוואונדען און אַ גרויסע שטילקייט האָט געהערשט אויפ'ן שיף. אַלע האָבען זיך געפיהלט צוגעדריקט און קליין פון דער גרויסקייט, וואָס עפענט זיך אויף פאַר זייערע אויגען פון טומאַן ארויס. נור איין חנה־לאה האָט ניט מורא געהאַט און איז ניט דער־שראָקען געוואָרען. אומעטום איז דאָ גאָט, און זי האָט דאָך שוין איהרם דאָרט אויף יענער זייט נעבעל — דער פאָטער פון איהרע קינ־דער איז דאָרט.

דערווייל האָט דאָס שיף אַ גרויסען קרעכץ געטהאָן, האָט געגעבען

א גרויסע קראך אין וואסער און איז געבליבען שטעהן. צום שיף איז א קליין שיפעל צוגעפאהרען. אין א פאר מינוט ארום זיינען צוויי מענשען ארויף, אמעריקאנער, מיט אמעריקאנער פעהנדלאך און שטע־רענדלאך אויף די הוט, האבען געגעבען א זאג און דאס גאנצע שיף מענשען האט זיך געשטעלט אין א רייהע, איינער נאכ'ן אנדערען, זיי האבען געמאכט א צוים, געשטעלט זיך און אלע מענשען פון שיף האבען אנגעהויבען דורכצוגעהן פאר זיי.

עס זיינען געווען דער אינספעקטאר מיט דעם דאקטאר פון דער אמע־ריקאנער אינקוויזיציע.

די הערצער האבען אנגעהויבען צו שלאגען פאר שרעק, אלע האבען זיך גלייך געשטעלט, גלייכגעמאכט די היט און די רעק אויף זיך, שטארק געמאכט די ארעמס און מיט פעסטע טריט האבען די פעלקער אנגעהויבען פארבייצוגעהן פאר זיי.

עס זיינען געגאנגען רוטענער, פאליאקען, רוסען, אידען, אי־טאליענער, שפאניער, יעדער איינער און איינער, יעדע פרוי מיט איהרע קינדער, האבען געמאכט שטארק זייערע ארעמס און פעסט זייערע טריט, אז זיי זאלען געזונד אויסזעהן. גוט האבען די אמערי־קאנער זיך בריינגען די "מאנדרע". אנגענומען זיך ביידע ביי די הענד, האבען זיי מיט זייערע געקוקט אין די אויגען אריין, אנגעטאפט די הענד, אויב געזונד איז דאס מענשען־מאטעריאל, וואס ברענגט זיינע הענד אראב, זיי צו בעדיענען, אויב געזונד און שטארק וועט זיין דער דור, וואס וועט פון די געבוירען ווערען, צו בעזעצען זייער לאנד...

און אז עס איז אנגעקומען די רייהע צו חנה־לאה'ן, אז זי זאל זיך און די איהריגע פאר די אמעריקאנער ווייזען, האט זי, ווי יעקב פאר עשו'ן, איהר מחנה צוטהיילט: פאראויס האט זי געשיקט פאר זיך רחל'ען מיט איהרע צוויי שווארצע שבת'דיגע צעפעלעך. — רחל'ע האט חן געפונען — דורכגעלאזט; נאך איהר איז געגאנגען די "קאַ־קאנדרע". אנגענומען זיך ביידע ביי די הענד, האבען זיי מיט זייערע שבת'דיגע שטיוועלעך הויך געשטאפעט אויפ'ן פאל, און זיי זאלען גע־זונד אויסזעהן. בעקוקט די אויגען, דעם האלז, א קלאפ געטהאן זיי אויפ'ן רוקען און מיט א צופריעדענער מינע זיי דורכגעלאזט. דער־נאך איז געגאנגען חנה לאה מיט יאסעלע'ן ביי דער האנד (א מינוט צו פריהער איהם געקרייזעלט די פאות'לאך, אז ער זאל חן געפינען). דער

דאָקטאָר האָט גענומען יאָסעלע'ן פאַר דער האַנד, איהם געקוקט אין די אויגען אריין — יאָסעלע האָט געציטערט, האָט אָנגעכאַפּט די מוטער ביים קאַפּטען — דער דאָקטאָר האָט איהם אויפגעדעקט דאָס קאַשקעטעל, געגעבען א קוק אויפ'ן קעפּעל און האָט א וואונק געטהאָן צום אינספּעקטאָר.

חנה־לאה'ס הארץ האָט עפּעס שלעכטס אָנגעזאָגט. איהרע הענד האָבען א ציטער געטהאָן.

— גאָר נישט, פון לעצטען טיפוס א קראַץ אין קאָפּ, — פערענטפערט חנה־לאה.

דער אינספּעקטאָר האָט געגעבען א וואונק צו נאָך איינעם. קיין איין וואָרט איז נישט געוואָרען געזאָגט, און יענער האָט שוין אָנגענומען יאָסעלע'ן ביי דער האַנד, און אוועקגענומען איהם אַן א זייט.

יאָסעלע האָט אָבער פעסט געהאַלטען דער מאַמע'ס קאַפּטען, זיינע אידישע אויגען האָבען א ציטערנדיגען בליאַסק געגעבען. די פּאות־לאָך האָבען געציטערט.

— פון לעצטען טיפוס א קראַץ אין קאָפּ געבליבען — טענה'ט נאָך אַלץ חנה־לאה פאַר'ן אינספּעקטאָר אויף אידיש, אָנהאַלטענדיג יאָסעלע'ן ביי דער האַנד.

קיינער האָט זי נישט געהערט, מען האָט זי באַלד אוועקגעשטופּט. אויף איהר אָרט האָבען פעלקער געוואַרט.

— אוי, מאַמעלע קרוין ! — האָט די אידענע געגעבען א שריי אויס און איז שוין געווען אין דעם ווינקעל, וואו מען האָט יאָסעלע'ן אהינגעפיהרט.

— און וואו זיינען מיינע שוואַלבען ? — האָט זי געזוכט מיט איהרע בליקען אויף יענער זייט צוים די איהריגע.

נאָר אויף יענער זייט איז שוין געשטאַנען רחל'ע, די „קאָמאַנדע“ האָט זי געהאַט נעבען זיך און האָט די מוטער בערוהיגט מיט א מאַך מיט דער האַנד, אז זי קען זיך פערלאָזען אויף איהר.

# אויף דעם אינזעל פון טרעהרען

מאיר איז אראב צום שיף אבנעהמען די זייניגע.

ער האט געווארט אויף דעם טאג די גאנצע צייט, וואס ער האט זיך געפונען אין דעם פרעמדען לאנד, און ער האט זיך צוגעגרייט צו דעם פון דער ערשטער מינוט פון זיין אראבקומען קיין אמעריקא — געגאנגען אין גאס, אן איבעריגען טאלער געהאט, געזעהן אין א סטאר א קינדערשען מענטעלע, געקויפט, אהיים געבראכט. ביי זיך אין קאסטען האט ער אנגעגרייט אנצוטהאן פאר דעם ווייב מיט די קינ־דער. אראב פון שיף, אריין צו מיר אין שטוב, קודם כל אראב דעם „גרינעם" און טהוט אייך איבער — האט ער זיך געטראכט. א דירה שוין אויך גרייט, געהאלפען איהם דינגען דער מוהמעס זוהן, אין שכנות מיט דער מוהמע אויף דער דריטער סטריט. — א קעלער, אבי זיין אייגען ווינקעל — האט ער געזאגט — און איצט האט ער זיך אנ־געגרייט זיי פון שיף אראבצונעהמען.

געפאהרען מיט זיי דורך דעם גאנצען ים, אלע טאג אין אפיס גע־לאפען, וואו ער האט געקויפט די שיפס־קארטע, און נאכגעפרעגט זיך „וואו דאס שיף האלט". פון נעכטען אן וויים ער, אז היינט 1 אזייגער נאכמיטאג וועט דאס שיף אנקומען אין האבאקען; דארט, וויים ער גאנץ גוט, וועט מען איהם די „זייניגע" ניט ארויסגעבען — דארט לאזט מען נור אראב די ערשטע־קלאסיגע און צווייטע־קלאסיגע; צו די זייניגע וועט ער מוזען פאהרען שפעטער נאך עלים איילענד, נור דארט, אין האבאקען, וועט ער זעהן זיינע פון הערוויטענס אויפ'ן אויבער־דעק.

א נאכט פריהער איז ער געגאנגען צו דער מוהמע'ן; איינינע לאנדסלייט האבען איהם צוגעזאגט, אז זיי וועלען מיט איהם מיטגעהן צום שיף — און איצט שטעהט ער שוין דא צווישען א גרויסען עולם ביי א פענסטער פון דער גרויסער האלע ביי דעם ברעג פון ים און זעהט ווי דאס גרויסע שיף דערנעהענטערט זיך צו דער האלע צו,

לאַנגזאַם גערט עס, שווער, און עס איז אַרומגערינגעלט מיט אַ טורמאַן, ווי עס וואָלט געשוועבט דערויף דאָס טיעפע געהיימניס, וואָס האָט מיטגענומען מיט זיך פון אָפענעם ברייטען מעער. פון וואַנען דאָס שיף שווימט איצט אַרויס, זיין האַרץ קלאַפּט אין איהם, דאָס פּנים איז בלייך, און ער האָט זיך שוין איינינגע מאָל נערוועז מיט דער האַנד איבער דער באָרד אַריבערגעצויגען. באַלד וועט ער זיי זעהן דאָ, וואו ער איז איצט, די וואָס ער האָט זיי אין דער היים איבערגעלאָזט, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס איז גאָרנישט נאַטירליך, אַז דאָס איז עפּעס אַ גרויס וואונדער, וואָס די השגחה פּרטית האָט מיט איהם געטהאָן.... ער האָט זיך דערמאָנט אָן חנה־לאה'ן, — ער האָט די אויגען פּערקנייטשט, — זי איז דאָך אַן אשה צדקנית, האָט ער זיך געזאָגט, און עס האָט איהם געגעבען אַ נעהם אַרום אַזאַ וואַרים געפיהל, אַז ער האָט זיך פּלוצים פאַר זיך זעלבסט פערשעהמט. אַ רויטער שעהם־פלעק האָט זיך איהם אויפ'ן פּנים בעוויזען, און ער האָט מיט אַ כיון אָז עפּעס זיך פערגעסען געמאַכט....

דאָס שיף פאָהרט איצט דערוויל צו, עס דרעהט זיך ווי אַ שלאַנג אין וואַסער און ברומט אויף די וועלען. הונדערטער און איבער הונדערטער מענשען וואַרפען זיך צו די אָפענע גרויסע פענסטער פון האַלע און זוכען מיט די אויגען די זייעריגע; דאָרט, געגענאיבער אויף דעם דיעז, וואָס דערנעהענטערט זיך איצט צו די פענסטער, זעהט מען אויך הונדערטער און איבער הונדערטער וואַרפען זיך צו דער זייט פון שיף און פאָכען מיט די ווייסע טיכלאַך, הויבען אויף פענדלאַך, רויטע טיבער און גיבען צייכענס פון דערווייטענס. אַ מינוט איז נאָך טוידט־שטיל אַרום, נאָר דאָס שיף קרעכצט אַלץ שווערער, צוגעהענדיג צום ברעג, באַלד ברעכען אויף דאָ און דאָרט איינצעלנע אויסרופען, געוואַלדען, היסטערישע אויסגעשרייען, עס דערקענען זיך פאָטערס מיט קינדער פון דערווייטענס, באַלד ווערען די געשרייען עפטער און העכער, און וואָס נעהענטער צום ברעג, אַלץ העכער שטייגען די אויסרופען, ביז דאָס שיף געהט צו צום ברעג און ווערט פערטויבט אין איין גרויסען, גרויסען היסטערישען פריידען־געשריי.

מאיר שטעהט נאָך אַלץ און זוכט מיט די אויגען אונרוהיג און מיט שרעק צווישען די קעפּ. ער זעהט נישט און הערט נישט, וואָס

ארום איהם איז — ער שטופּט אַלעמען אָב און רייסט זיך צו צום פּראָנט פון פּענסטער און זוכט אַלץ מיט די אויגען. ער זעהט נישט, ער ווארפט אַלע אוועק פון זיך — „וואָס איז? וואָס איז?“ — קלאַפּט ער נערוועז מיט די ליפּען און א קאַלטער שוויים האָקט איהם ארוים אַרויפ׳ן שטערן. באַלד האָט ער בעמערקט א גרופּפּע קינדער, ווי זיי שטופּען זיך צווישען דער מענגע צום עק פון שיף. דאָס מיידעל העַ־בער, די אינגלעך נאָך איהם — זיינען דאָס זיי? — ער קוקט. דאָס פּנים ווערט איהם איבערגעצויגען מיט א גרימאַסע פון פריידע, אין די אויגען א בלישטש, ער שטרעקט אוים די הענד, וויל לויפען און דאָס קול איז איהם פערשטיינערט געוואָרען אין האַלז. באַלד קוקען אויף איהם א פּאָר גרויסע ליכטיגע אויגען — חיים איז עס. ער שלאָגט זיך אין דער דעה: איז עס יא דער פּאָטער, נישט דער פּאָטער? — באַלד שטעקט ער אוים די הענטלעך און באַלד האָט עס געגעבען א הילך אין דער לופטען: דער טאַטע! — און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שיף האָט א ציטער געגעבען, און מענשען האָבען זיך ארומגע־קוקט: וואָס איז?

עס איז געווען א יונג פון דער „קאָמאַנדע“. חיים, וועלכער איז גע־שטאַנען אויף דער צווייטער זייט אויפ׳ן שיף, האָט געריסען מיט איין האַנד דעם ברודער מיט די שוועסטער, און מיט דער צווייטער האַנד געוויזען אויף מאיר׳ן, און האָט געהאַלטען אין איין שרייען:

— דער טאַטע! דער טאַטע! דער טאַטע! — און אזוי הויך, און מיט אזא פייער, אז מען האָט געמוזט דעם יונג איינשטילען.

— און וואו איז די מאַמע, יאָסעלע? — האָט מאיר אין זיך גע־פרעגט און געזוכט אַלץ מיט די אויגען.

אין א פּאָר מינוט ארום איז ער פון אַלעם געוואָהר געוואָרען.

---

ער איז געלאָפען איבער דער שטאָדט מיט א לאַנדסמאַן (דער מוהמע׳ס זוהן) זוכען הילף. מען איז ביי אַלע לאַנדסלייט געווען, און אַלע האָבען שוין דעם טאָג געוואוסט פון דעם „מראָבעל“ וואָס מאיר האָט מיט זיינם א קינד. מען איז אין די רעדאקציעס פון די אידישע צייטונגען געלאָפען, האָט מען זיי אָבגעשיקט צו די סאָסייעטיס, די סאָסייעטים צו די לאָיערס, און דאָך האָט קיינער גאָר נישט געקאָנט

מאכען. צום סוף איז מאיר אליין אויף עלים איילענד אראב, — לא־מיך כאטש זעהן די איבעריגע.

אויף עלים איילענד, ביי דעם טויער, דורך וועלכען אלע געהען דורך אין דעם גאלדענעם לאנד אריין, האט זיך געצויגען אן איביגע מענשען־סטענגע פון ברעג ים צו דעם גרויסען פיער־שטאקיגען הויז, דורך וועלכען אלע זיינען דורכגעגאנגען אין דאס לאנד אריין. ביי פינף אייזערנע גראטקעס זיינען געשטאנען אמעריקאנער טשינאווני־קעס און האבען אויסגעפרעגט יעדען פערבייגעהענדען: ווי און ווען? — פאר וועלכע זיי האבען בעדארפט זייער געלד ווייזען, און די גע־זונדע הענד זייערע, וואס זיי האבען מיט זיך מיטגעבראכט. די סטענגע האט קיינמאל נישט אויפגעהערט, יעדעם מאל זיינען נייע שיפען צו־געפאהרען צום ברעג, האבען נייע מענשען ארויסגעווארפען — און די מענשען, וואס איינער איז געשטאנען הינטער דעם צווייטען, האבען זיך געהאלטען אין איין ציהען. עס זיינען געגאנגען יונגע און אלטע, ווייבער און מענער, ערוואקסענע און קינדער, ס'זיינען געגאנגען פערשי־דענע פעלקער, נאציאנען, אין פערשיעדענע פאסאנען און קאלירען, די שפראכען פון דער ערד האבען זיך געהערט דורך דער סטענגע ריי־דען, און קיינמאל, קיינמאל האבען זיך די רייהען נישט געענדיגט און ציהען זיך נאך ביז'ן היינטיגען טאג און ביז צו דער איצטיגער מי־נוט.....

און א שרעק ליעגט אויסגעגאסען אויף די פנים'ער פון די פעל־קער, וועלכע ציהען דורך דעם טויער אין גאלדענעם לאנד אריין. מען זעהט, ווי זייערע הערצער קלאפען, ווי זייערע הענד ציטערען, און יע־דער איינער רופט אן דעם נאמען פון זיין גאט אין זיין שפראך און בעט אום הילף — און אלע פיהלען זיך נאהענט, איין מענש מיט'ן צווייטען. צום ערשטען מאל הערען זיי די שפראך, און דאך פיהלט מען זיך נאהענט. איין גרויסע אימה בינדט צוזאמען די הערצער פון די פערשיעדענע מענשען פון די פערשיעדענע נאציאנען אין דער איינער רייהע....

מאיר איז אראפגעקומען. זיין הארץ איז געווען פערביטערט און זיינע ליפען פערקלעמט. ער האט זיך גע'חזר'ט א גאנצע רעדע וואס ער וועט האלטען פאר זיי, פאר די אמעריקאנער. „ווי הייסט?“ — האט ער געשריען אין זיך — „אז מען זאל נעהמען א קינד פון א פא־

טער און אוועקרייסען. אין סדום איז דאך אזעלכעס ניט געווען"!
— שרייט ער אין זיך — „ווי הייסט, וואס זאל איך טהאן, ארייגוואר־
פען מיין קינד אין וואסער אריין, צוריקשיקען" !

און א גרויסער שרעק האט איהם ארומגעכאפט פאר דעם ווארט.
ער האט מורא געהאט צו טראכטען ווייטער, אבער עס האט איהם גע־
פויקט אין קאפ „צוריקשיקען", א קינד אליין איבער'ן ים, איבער דעם
גרויסען ים !

ער איז געלאפען אהין צו דעם אידישען אדוואקאט, וואס זיצט
דארט פאר די אידישע עמיגראנטען, א בריעף האט ער געהאלטען אין
זיינע הענד, אנגעגרייט פאר איהם פון עפעס א סאסייעטי, „אלעס וועל
איך איהם זאגען. וואו איז דאס געהערט געווארען? עס איז דאך
עפעס אין אמעריקא, אין פרייען אמעריקא" !

אהין געקומען צום טישעל פון אדוואקאט, האט ער געזעהן, אז ער
איז ניט דא איינער — ארום טישעל זיינען געשטאנען אייניגע גא־
ליציאנער אידען און ווייבער און האבען געמאכט אזעלכע געוואלדען :
„אמעריקא, פערשאלטען זאל ווערען קאלומבוס און זיין מדינה!"
א אידענע איז געשטאנען און האט געוויינט, מען לאזט איהר די טאכ־
טער ניט אריין, און עפעס א יונגער־מאן האט זיך געקלאגט וועגען א
כלה, און אלע האבען געשריען איבער דעם יונגען־מאן, דעם אדוואָ־
קאט, אז ער זאל צולאזען זייערע משפחות. דער יונגער־מאן איז גאנץ
רוהיג געזעסען און האט זיך גלייכגילטיג אויסגעהערט די געוואלדען
פון די אידען מיט די ווייבער און רוהיג זיך עפעס פערשריבען אין א
ביכעל אריין. מען האט געזעהן, אז ער איז שוין געוואהנט געווארען
צו דעם.

מאיר האט זיך דערשלאגען צו איהם און האט איהם איבערגע־
געבען דעם בריעף פון די סאסייעטי. דער יונגער־מאן האט גאנץ גלייכ־
גילטיג דעם בריעף דורכגעלעזען (ביי מאיר'ן האבען געציטערט הענד
און פיס), דערנאך גענומען דעם בריעף און איהם גלייכגילטיג אויף
דעם טיש אוועקגעלייגט, געגעבען א נעהם אראב די פאנסנע פון די
נאז, א פינקעל געטהאן מיט די אויגען און געגעבען א ציה מיט די
פלייצעס :

— איך קען גאר נישט טהאן.

— אבער א קינד, א קינד, א קינד ! — האט מאיר ארויסגעריסען

די ווערטער פון צווישען די צייהן, וועלכע האבען זיך געשארפט איי־נער צווישען אנדערע.

דער יונגער־מאן האט א ציה געגעבען מיט די פלייצעס.

— אן אפעלאציע נאך וואשינגטאן קען מען אנגעבען — האט דער יונגער־מאן געזאגט. מאיר האט ניט געהערט זיינע ווערטער.

— אבער זעהן, זיך, זעהן זיך, זעהן זיך — האט מאיר ווידער געשריען און געקריצט מיט די צייהן.

— דאס יא — האט דער יונגער־מאן געענטפערט, זיך אויפגעהוי־בען און ערגעץ־וואו געפיהרט מאיר'ן. מאיר איז נאכגעגאנגען נאך איהם אויף טרעפען. ער האט איהם אריינגעפיהרט אין א שטוב אריין און געהייסען איהם ווארטען.

באלד האט מען געגעבען א פיהר אריין צו איהם חנה־לאה'ן.

א סעקונדע האבען זיך ביידע ניט דערקענט. באלד האט די אי־דענע געגעבען אזא הארץ־געשריי: „מאיר!" און האט געגעבען א בראך ארוים אין אזא געוויין, אז מאיר'ן האט דאס הארץ פערצי־טערט.

ער איז צוערשט בייז געווען אויף איהר, איבער איהר פינסטער מזל, נור עם האט איהם יעצט אזא טיעף רחמנות־געפיהל ארומגענומען אויף די אונגליקליכע אידענע, דאס הארץ איז איהם אזוי צוגאסען גע־ווארען, אז ער האט אויף גאר נישט געקוקט, נור איז צוגעגאנגען צו איהר און האט געמאכט מיט די האנד איבער איהר פנים, איבער איהר צורודערט שייטעל, איבער איהר קאפטען און האט די ליפען געביסען פאר צער און האט קיין ווארט ניט גערעדט.

און זעה, חנה־לאה שטעהט אזוי און נעהמט צו די לאסקעס פון מאן, וואס זי האט קיינמאל, קיינמאל פון קיינעם ניט געהאט און איהר הארץ געהט אוים אין כליפען.

— איך וויים, איך בין שולדיג — כליפעט די אידענע מיט טרעה־רען — מאיר, מיין שווארץ פינסטער מזל איז אזוי... איך בין שול־דיג, איך בין שולדיג — שלאגט זיך די אידענע מיט די הענד איבער'ן קאפ.

און מאיר שטעהט אלץ און מאכט איהר מיט די האנד איבער'ן פנים, און איבער'ן צושויבערטען שייטעל, און איבער דעם קאפטען.

— וואָס ביזטו שולדיג? — נאַרישע אידענע — וואָס ביזטו שול־דיג! — און פערשטעלט זיך מיט די האַנד די אויגען.

איין מינוט זיינען זיי ביידע אזוי געשטאַנען פערגעסען פון אַלעס, פעראייניגט אין איין גרויסען צער — און מיט פיעל רחמנות — און אפשר איז עס געווען די איינציגע מינוט אין זייער ביידענס צוזאַ־מענלעבען....

— און וואו זיינען די קינדער? — האָט זיך מאיר באַלד דערמאָנט.

— איך ווייס? — האָט חנה־לאה אונשולדיג געענטפערט.

נור באַלד האָט זיך די טיהר געעפענט און מען האָט פאַר זיי אריינגעפיהרט די קינדער, און אז די „קאָמאַנדע" האָבען דערזעהען דעם פאָטער מיט די מוטער, האָבען זיי פערגעסען אָן אַלעס און עס איז געוואָרען דאָרט אזא געשריי און אזא שמחה און אזא געוויין, אַז די בעאַמטע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען פון די ארומיגע צימערען, זיי צו בערוהיגען; אָבער חנה לאה האָט אַלץ געהאַלטען אין איין וויינען און זיך געשלאָגען מיט די פויסטען אין קאָפּ.

— יאָסעלע, יאָסעלע, מיין אָרים, אָרים קינד!

מאיר האָט זיך געגעבען א כאַפּ אויף, האָט געלאָזט אַלע שטעהן און געגעבען א לויף צו די טרעפּען, און איז צוגעלאָפען צום יונגען־מאַן, צום אַדוואָקאַט, האָט געגעבען א נעהם ארויס דאָס געלד, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך און געגעבען א וואָרף דעם יונגען־מאַן אויפ'ן טיש און האָט געגעבען א געשריי:

— איך וויל איהר זאָלט מיר שרייבען א בריעף צום סאַמע פּרע־זידענט, און איהר זאָלט איהם זאָגען, אז דאָס איז, אז דאָס איז — נור מאיר האָט נישט געקענט קיין וואָרט ווייטער פון מויל ארויס־ברענגען.

דער יונגער־מאַן האָט געגעבען א קוק אויף איהם און האָט זיך מיט שרעק אָבגערוקט פון איהם. זיין געזיכט איז בלייך געווען ווי א ליילעך, נור זיינע אויגען האָבען געפינקעלט און די בלייכע צייהן האָ־בען זיך איבערגעביסען איבער די ליפּען, און דער איד האָט אַלץ נים געקענט ארויסברייגען פון מויל קיין וואָרט אויף דעם וואָס איז איהם געשעהן; נור איבער זיין פּנים איז געלעגען אויסגעגאָסען אזא צער און אזא כעס, אז דער יונגער מאַן האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס איז דעם אידען געשעהן און האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאַר איהם.

# יאסעלע

יאסעלע איז דערווייל געזעסען אין א גרוים צימער צווישען א סך מענשען און האט געווארט אויף די מוטער. ער האט ניט געוויינט, ער האט ניט די מאמען צוריקגעהאלטען, אז מען האט זי גערופען, ער האט געשוויגען. פון די ערשטע מינוט אן, ווען עס האט זיך מיט איהם דאס אונגליק געטראפען, האט ער גאנץ גוט פערשטאנען, וואס עס איז דא געשעהן מיט איהם, און האט זיך געפונען שולדיג, עפעס איבער א געהיימער זינד. און עס האט זיך ערוועקט אין דעם קליינעם איד די גאנצע הכנעה און געדולדיגקייט, מיט וועלכע זיין פאלק טראגט איבער זיינע צרות, און ער האט זיך געפונען צוגעגרייט צו די צרות אזוי, ווי זיינע עלטערען און אור־עלטערען פון אלע דורות וואלטען פאר איהם א וועג אויסגעטראטען צו די צרות.... שווייגענדיג און בעהאלטען אין זיך איז ער געזעסען ביי זיין מוטער, ווי אן ערוואקסענער, דענקענדער מענש, אזוי ווי ער וואלט די אלע זאכען פילאזאפיש גענומען און האט נור אייגענטליך פערדרוס געהאט וואס מען האט די מאמע אוועקגעריסען פון זיינע ברידער און עס איז איבער דעם פערשטערט געווארען די שמחה פון זעהען זיך מיט'ן טאטען.

און דאס ארט, וואו ער האט זיך געפונען, האט געהייסען אין לשון פון פאלק „דער אינזעל פון טרעהרען“. און עס איז ווירקליך דארט געווען דער טרעהרען־אינזעל. אין דעם צימער, וואו יאסעלע איז געווען, האבען זיך אויפגעהאלטען די אלע, וועלכע זיינען געווען פעראורטהיילט צוריקגעשיקט צו ווערען מיט די שיפען, וועלכע האבען זיי געבראכט, אדער, איבער וועלכע עס האט זיך נאך אונטערהאנדלונגען געפיהרט מיט וואשינגטאן. עס זיינען מעהרסטענס דארט געווען פעראייניזאמטע, פער'יתום'טע מענשען, וועלכע האבען ניט געפונען קיין גואל, קיין קרוב, וועלכער זאל זיי פון שיף ארויסנעהמען; אדער גאר עלטערע מענשען שוין, אדער גאר יונגע נאך, וואס האבען מיט

זייער אייגענעם כח נישט געקענט גוט־זאָגן פאַר זיך אַליין, און האָ־
בען בעדאַרפט האָבן אַן אייגענעם מענשען, וועלכער זאָל גוט זאָגן,
אַז ער וועט זיי נעהמען צו זיך — און זיי האָבן אַזעלכע ניט געפונען;
זיי זיינען פרעמד געווען אין דעם לאַנד. און זיי האָבן אויסגעזעהען
ווי „רעשטלאַך", ווי עס וואָלט דאָ פאַרגעקומען אַ גרויסע „חלוקה"
פון מענשען צווישען איראָפּאַ און אַמעריקא, און אַ „רעשטעל" איז
איבערגעבליבען צווישען די שיפען, ווי קערענדלאַך גערשטען, וועלכע
וואַלגערען זיך ביי די ברעגען פון די פאַרטען אַרום, ווען מען טראָגט
איבער תבואה פון איין שיף אויף די צווייטע....

עס זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נאָך געהאַט אַ האָפ־
נונג, אַז מען וועט זיי אַריינלאָזען אין לאַנד, האָבן געהאַט דאָ איי־
גענע, ווייט אין די מדינה און מען האָט געשריבען נאָך זיי. זיי זיי־
נען געווען גליקליכער, רייכער פאַר די אַנדערע און האָבן שוין יענע
צוגעזאָגט הילף, אַז גאָט וועט העלפען, אַז מען וועט זיי אַריינלאָזען,
וועלען זיי זיך זעהן סטאַרען, אַז די איבריגע זאָל מען אויך אַריינלאָ־
זען. איבערהויפּט איז דאָרט געווען אַן עלטערע „מוהמע", וואָס האָט
געהאַט אַ „פלימעניק" אין שיקאַגאָ וואָהנען. דער פלימעניק האָט גע־
זאָלט זיין גאָר אַ גאַנצער מאַכער און אַ גאַנצער אַמעריקאַנער. זאָל
ער נור קומען — האָט זי געזאָגט — וועט ער שוין אַלע אַרויסנעהמען,
און יעדען מענשען וואָס זי האָט בעגעגענט אין קאָרידאָר, ווען מען
האָט זי עסען געפיהרט אין גרויסען שפייזע־זאַאַל, האָט זי געפרעגט
אויף איהר פלימעניק, אויב ער פאָהרט שוין, אַזוי ווי יעדער איינער
וואָלט געדאַרפט קענען איהר פלימעניק פון שיקאַגאָ, וואָס איז אַ גאַנ־
צער מאַכער און אַן אַמעריקאַנער. די אַנדערע זיינען געזעסען שטיל.
די אַלטע אידען, וואָס האָבן ניט געקענט געפינען זייערע קינדער,
זיינען געזעסען און געזאָגט תהלים, די ווייבער האָבן געוויינט און די
קינדער, וואָס האָבן זיך דאַרטען געפונען, האָבן זיך שטיל אין די
ווינקעלאַך בעהאַלטען. אויף אַלע איז געלעגען דער אומעט פון אַן
„אַרויסגעשטויסענעם" און עס האָט איבער זיי געוועהט אַ פורכט
פאַר דעם ים, איבער וועלכען זיי שטעהט צוריק צו פאָהרען, אין די
היימאַטה־לאָזיגקייט.

— מיר איז ניט קיין חילוק, זאָלען זיי מיך אפילו שיקען קיין
גושן, איז עס מיר שוין אויך אַלץ איינס. צו וועמען וועל איך פאָה־

רען, ווען מען האָב איך אין דער היים? — האָט אַ אידענע גע׳דרשו׳ט פאַר די אַנדערע.

— אוי, אהיים — האָט זיך אַ צווייטע געקלאָגט, — אז דו האָסט, מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס ביסעלע בעטגעוואַנד געגומען און פערקויפט, אין די וויסטע וועלט זיך געלאָזט.

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט, אז דו זאָלסט ניט פאַהרען, שרה, פאַהר ניט. דער יונג איז ערגעץ־וואו פערפאַלען געוואָרען. האָט פאָטאָגראַפיעס געשיקט, ווייס איך, ווער גלויבט זיי — האָט דער איד פון תהלים מפסיק געווען און געזאָגט אין אזא טאָן ווי ער וואָלט אין גאַנצען אין אַמעריקא מסופק געווען, אויב עס איז גאָר מעגליך אַזעלכעס.

— און בעטגעוואַנד איז שוין אַלעס? — מישט זיך אַ דריטע אַריין.

— אז וואָס בעטגעוואַנד, און אַ שטוב האָט ער יאָ? און צו וועמען וועט ער געהן? — ווייזט זי אויף דעם מאַן, ווי פאַר זיך וואָלט זי געווען פערזאָרגט.

ווי די ווייבער ריידען אַזוי צווישען זיך, האָט זיך דערוויי׳ל יאָסעלע געפונען אַ חבר. דאָס איז געווען אַ אינגעל אין זיינע יאָהרען, וועלכער האָט זיך אויך דאָרט אין דער שטוב אַרומגעדרעהט. ער האָט שוין איינינגע מאָל געוואָלט צוגעהן צו יענעם, יענער צו איהם, און האָבען זיך ביידע אַרום איינס געדרעהט מיט אַ געוויסע שעמעוודיגקייט און געשוויגען. צום סוף זיינען זיי דאָך בעקאַנט געוואָרען, האָבען זיך ביידע ביי די הענד אָנגענומען, אין אַ ווינקעל זיך געזעצט און ווי די גרויסע אָנגעהויבען צו ריידען.

— מען שיקט דיר אויך צוריק?

— יאָ, און דיך?

— אויך.

— פאַר וואָס?

— מען זאָגט, אז איך האָב טריבע אויגען.

— און מיר איז פון לעצטען טיפוס אַ קראַטץ אין קאָפּ געבליבען,

— און יאָסעלע נעהמט אראָב דאָס היטעל און ווייזט דאָס קעפּעל.

— דו האָסט אַ טאַטען דאָ?

— יאָ, און דו?

— איך בין א יתום, איך בין צו א פעטער אראפגעקומען — ענט־פערט דער צווייטער.

יאָסעלע האָט גרויס דרך ארץ געקראָגען פאר'ן צווייטען אינגעל, ווייל ער איז א יתום און האָט זיך געהאַלטען פאר נידריגער פאר איהם, און ווי די צוויי געטרייע קינדער פון זייער פאָלק, האָט זיך קיין שמייכעל אויף זייערע ליפּען ניט געוויזען, די יוגענד פון זייערע גע־זיכטער איז אויסגעשטאָרבען, ווי קלוגע אלטע ערוואַקסענע מענשען זיינען זיי געזעסען און איינער פאר'ן צווייטען דאָס הארץ אויסגע־גאָסען.

באלד איז אריינגעקומען יאָסעלע'ס מאַמע. איהרע טרעהרען זיי־נען נאָך געווען פריש און זי האָט מיט נאַסע אויגען א צערטליכען רחמנות־בליק געוואָרפען אויף יאָסעלע'ן. יאָסעלע האָט פערשטאַנען זיין עלענד, זיין אונגליק און זיין שלים־מזל — אלעס איבער איהם... און האָט זיך געפיהלט ווי שולדיג, ווי ער וואָלט דאָס אלעס אָנגע־מאַכט....

---

אין א פּאָר טעג ארום איז צוריקגעקומען די ענטשיידונג פון וואַ־שינגטאָן. עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. יאָסעלע האָט געמוזט מיט דאָס נעקסטע שיף צוריקפאָהרען.

די פאַמיליע איז געשטאַנען צוזאַמען. אלע האָבען געשוויגען און אלע האָבען געוואוסט ווענען וואָס עס געהט, כאָטש מען האָט דערפון קיין וואָרט נישט גערעדט. עס האָט זיך געהאַנדעלט אין דעם, ווער עס זאָל יאָסעלע'ן אהיים בעגלייטען.

די מוטער האָט דאָך בעדאַרפט דאָ בלייבען מיט די איבריגע קינדער, מען איז דאָך שוין פאָרט דאָ. די מוטער האָט געוויינט:

— איך וועל ניט לאָזען דאָס קינד אליין: עס וועט מיר פערלאַ־רען ווערען, איך וועל עס ניט לאָזען, איך וועל אלעס אין מיטען ים איבערלאָזען און וועל מיט'ן קינד מיטפאָהרען.

האָט זיך רחל'ע אָבגערופען ווי אן ערוואַקסענע.

— אויף וועמען וועסטו די קינדער לאָזען, דער טאַטע מוז דאָך ארבייטען געהן, בלייב שוין דאָ, בלייב שוין דאָ. איך וועל שוין פאָהרען — און זי האָט זיך דאָס טיכעלע גלייך געמאַכט אויפ'ן קאָפּ, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט אום א גאַנג צום פעטער צו געהן.

מאיר האָט געשוויגען און האָט נור בלויז געקוקט אויף רחל׳ען. די מאַמע האָט ווייטער געוויינט.

— וואו וועל איך אייך אליין לאָזען? — ביסט דאָך נאָך אויך א קינד, איבער א ווייטען ים וואו וועל איך אייך אליין לאָזען?

— גיעב נור א קוק, איך וועל מיר שוין אַן עצה געבען, איך וועל מיר שוין — ענטפערט רחל׳ע און מאַכט זיך ווידער דאָס טיכעל גלייך אויפ׳ן קאָפּ, ווי זי וואָלט שוין גרייט געווען צו פאָהרען.

— מיין אָרים קינד, מיין אָרים קינד — פאַלט די מוטער ארויף אויף איהר.

און רחל׳ע צוקושט זיך מיט די מוטער אין טרעהרען, ווי זי וואָלט שוין אַן אַלטע אידענע געווען. דער פאָטער האָט גאָר נישט געזאָגט, געשטאַנען, געקוקט און די ליפּען זיך געביסען.

און אַז מען האָט יאָסעלע׳ן צו דער שיף צוגעפיהרט, אויפ׳ן שיף איהם ארויפצוזעצען, האָט ער גאָר נישט געזאָגט, אַזוי ווי ביי דעם קליינעם איד וואָלט דאָס הארץ פערשטיינערט געוואָרען. שווייגענדיג האָט ער פערנומען דעם פאָטער׳ס קושען, האָט געפיהלט די מוטער׳ס וואַרימע טרעהרען רינען אויף זיין קאָפּ; ער האָט גאָר נישט געזאָגט, ער האָט זיך געפיהלט שולדיג, שולדיג אין אַלעם. מילא, ער איז פערפאַלען, נור ער שלעפּט רחל׳ען מיט זיך מיט. ער האָט גוט גע־וואוסט און פערשטאַנען וואָס עס איז פאַר די שוועסטער יעצט צו פערלאָזען אַלעם און צוריק פאָהרען מיט איהם.

ער האָט געשוויגען, געשוויגען און דאָס קעפּעל געבויגען צו דר׳ערד.

דאָך, ווען ער איז ארויף אויפ׳ן בריקעל וואָס פיהרט צום שיף און האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן די מוטער מיט׳ן פאָטער, האָט זיך דאָס קינד אין איהם ערוועקט און ער האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו וויינען:

— מאַמאַ!

און דאָס איז אַזוי נישט פּאַסענד געווען פאַר דעם אַכט־יאָהרי־גען איד.

# אידישע רחמנות

די נאכט איז געלעגען א שווארצע איבער'ן ים. האט אלעס אריינגענומען אין זיך און פערהוילען פון מענשען'ס אויגען. דאס שיף איז אליין געגאנגען איבער'ן ים. קיין מענש האט זיך דערויף נישט געוויזען, אזוי ווי די מענשען וואלטען עס איבערגעלאזען אויף גאט'ס חסד, אז עס זאל זיך אליין אין דער פינסטער זיין וועג אויסשניידען. א געדיכטער נעבעל איז געפאלען איבער אלעס און האט אלעס פייכט געמאכט. דאס גאנצע שיף איז דורכגעווייקט געווען. דעם ים האט מען נישט געזעהן. ער איז געלעגען פערהוילען אין די שווארצע נאכט ארום. מען האט נור פערנומען זיין שווער אטהעמען פון דער נאכט ארויס. דאס איז געווען א שרעקליך ברויזען פון די וועלען, וועלכע מען האט נישט געזעהן, נור מען האט געהערט זייער גיסען זיך איינס אין דאס צווייטע אריין דארט אין דרויסען, אין די נאכט, און דאס האט נאך מעהר געשראקען און אנגעזאגט עפעס אונהיימליכעס, ווי עס וואלטען דארט אין דרויסען שרעקליכע לעבעדיגע ים־בראים געלעגען און געביסען זיך איינס דאס אנדערע און געוואיעט אונהיימליך.

אין אזא נאכט האט זיך קיין לעבעדיגער נפש נישט געוויזען. די מוזיק שפיעלט אין דער ערשטער קלאס און דארט אין ליכטיגען עלעגאנטען זאאל איז פערזאמעלט דאס ערשטע קלאסיגע פובליקום, אנגעטהאן אין באל־קלייד און פראק. בריליאנטען און פערל בלישצען געגענאיבער דאס עלעקטרישע ליכט. די פיינע זיידענע שפיצען שאמען זיך ארום די פיס פון די שעהנע דאמען און שימערן ווי דער שוים פון ים ביים ברעג שטראנד.... דער קאוואליער פיהרט די דאמע צום טאנץ אונטער דעם קלאנג פון אן עלעגאנטען וויענער וואלצער, וואו זיינע אבגעריסענע טענער קומען אהער צו בלאנדזשען און ווערען פערלוירען אין דעם געברום פון די גיסענדע וועלען אין דרויסען אין דעם ים, וואס ליגט פערהוילען אין די שווארצע נאכט.

פופצעהן מעטער הינטער דעם רייך־בעלויכטענדען זאַאַל פון וואַגנען עם פערנעהמט זיך יעצט די מוזיק, אין אַ טונקעל ווינקעל פון אַ לאַנגער ניעדריגער קאַמער, העלפּט אויף טאַפּטשאַנען — העלפּט אויף דר׳ערד, איז יעצט פערזאַמעלט אַ קליינער עולם. אויפ׳ן טיש לייכט זיך אַ שטיקעל ליכט, אַ פּאָאָר דאָמענעס זיינען צו־וואָרפען, אַ גלאָז און איבערגעבליבענע שטיקלעך עסען. אין אַ ווינקעל־טיש שרייבט ווער אַ בריעף. קיינער בעמערקט איהם נישט; דער עולם איז יעצט פערנומען אין אַן ערנסטען געשפּרעך.

עס פערצעהלט יעצט אַ הויכער שוואַרץ בעוואַקסענער מענש מיט טונקעלע אויגען און זעהר שאַרפע טונקעלע ברעמען, און אַלע האָרכען זיך איין צו איהם מיט אויפמערקזאַמקייט — וואָרים ביז יעצט האָט ער געשוויגען און קיינער האָט נישט געוואוסט ווער ער איז אַזעלכער, כאָטש די אַלע רייזענדע פון שיף האָבען זיך שוין געהאַט בעקענט פון ערשטען טאָג אָן, און ער פערצעהלט גאָר וואונדער.

אויסגעוועזען איז ער שוין די גאַנצע וועלט. אפריקא קען ער ווי זיינע פינף פינגער און דאָרט וואו נור אַ איד פאָהרט, איז ער שוין געוועזען, און דאָך פערלאָזט ער דאָס אָרט און פאָהרט אַוועק, נישט ווייל עס געהט איהם שלעכט, — אומעטום וואָלט ער זיין שטיקעל ברויט געקענט פערדיענען, נור ער קען זיך נישט געפינען קיין אָרט. „עס בינדט איהם ניט צו“ — זאָגט ער — קומט אויף אַן אָרט, קוקט זיך אַרום, קריעגט אַרבייט און איז אָפּ אַ חדשים צוויי, דריי, אַ האַלב יאָהר און נעהמט באַלד דאָס פּעקעל און — היידא ווייטער. און אַזוי פון קליינערהייט אָן. ער איז אַ קינד געוועזען, ווען ער איז פון דער היים אוועק. ער וואָלט שוין ראָטשילד געוועזען, ווען ער וואָלט אויף איין אָרט געזעסען, נור ער קען נישט, — עס לאָזט איהם נישט. יעצט פאָהרט ער צוריק נאָך רוסלאַנד אין דעם קליינעם שטעדטעל, פון וואַנען ער קומט אַרויס, ער פאָהרט צו קבר אבות; ווייל דעם פאָטער־מוטער׳ס קברים זעהן; דער פאָטער איז איהם צו חלום געקומען. האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער פאָטער איז טויט. נו, ווייס ער נישט, אויב רוסלאַנד וועט איהם צוריק אַריינלאָזען, צום מיליטער נישט געקומען. שטעלט ער זיך דאָס לעבען איין — ביים פאָטער׳ס קבר מוז ער דאָך זיין — עס לאָזט איהם נישט רוהען.

אַלע האָבען איהם אויסגעהאָרכט אויפמערקזאַם און מיט פורכט

אביסעל געקוקט אויף זיינע שווארצע ברעמען, ווי אין זיינע שווארצע אויגען וואלט געלעגען א טראפען פון דעם אונענדליכען גרויסען ים, וואס גיסט זיך פון איין עק וועלט צו דער אנדערער, וואס ער וואל־גערט זיך איבער זיינע ברעגען ארום.

— אין אפריקא אויך געווען? — פרעגט א אידענע פון א ווינקעל ארויס.

— געווען — ענטפערט דער שווארצער אפ אויף זיבער.

— דארט האב איך א זוהן — זאגט די אידענע — איהר האט איהם נישט געזעהן?

— אודאי איהם געזעהן, נור ווער קען וויסען — ענטפערט דער פרעמדער אב אויף געווים.

— אין ארץ ישראל אויך געווען? — פרעגט אן אלטער איד פון א ווינקעל ארויס, וועלכער פאהרט פון אמעריקא שטארבען אין דער היים.

— געווען — ענטפערט אב דער פרעמדער.

— און די מאמע רחל'ס קבר געזעהן?

— דארט געווען, שטיינדלעך פון קבר אראבגענומען, — ווייזט דער פרעמדער און נעהמט ארויס פון הינטער די וועסט א זעקעלע מיט ערד, וואס ער טראגט אויפ'ן הארצען.

— אה וועה! — בעקוקען אלע.

— כלעבען, גלייכער ווי אין אמעריקא — קרעכצט דער אלטער איד — הלואי וואלטען מיינע ביינער די זכיה געהאט דארט צו ליגען, אז שוין יא איבער'ן ים געפאהרען.

— איך טראג עס שטענדיג אויפ'ן הארצען — ווייסט ניט וואו דו וועסט ליגען, אין דער פרעמד, צווישען גוים קענסטו שטארבען. דאס (ווייזט ער אויפ'ן זעקעלע) זאל מען מיר שטענדיג אויף די אויגען לעגען, איז עס ווי דו וואלסט אין ארץ ישראל געלעגען.

אוי איז עס וואהר, אוי איז עס וואהר! — הלואי וואלט איך עס געהאט — כלעבען אביסעלע מעהר ווי אין אמעריקא געווען — קרעכצט דער אלטער איד, וואס פאהרט אהיים שטארבען — צוועלף יאהר ביי מיין זוהן אין אמעריצקע געווען, גאלדענע רינגען האט ער מיר אנ־געהאנגען, א גאלדענעם שטעקען מיר געגעבען. וואס, אין דעם (ווייזט דער איד אויף די רינגען מיט'ן שטעקען) וועט מען מיך בעגראבען?

— אז דו וועסט איהם בעטען, וועט ער דיר אפשר אביסעלע שטיינדלאך געבען — זאָגט די אַלטע אידענע, וואָס זיצט נעבען איהם — זעהט זיך אוים זיין ווייב.

— וואָס, אזא מתנה — עס איז דאָך טהייערער פון בריליאַנטען און פערל — דאָס אוועקשייגקען? — זאָגט אַן אנדער אידענע.

— עס קאָסט דאָך ניט קיין געלד, וועד עס וויל קען עס דאָך נעהמען.

— מען דאַרף אָבער דאַרט זיין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער פרעמדער איז דאָך געוועזען געריהרט פון אַלטען און האָט איהם אביסעלע ערד אָבגעלאָזט פון זע־קעלע. דער אַלטער איד האָט עס צוגענומען, איינגעבונדען עס זיך אין ציצה־כנפות און מיט אזא דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף דעם פרעמ־דען, אַז טרעהרען האָבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען.

— אפשר איז מיין פאָטער אויך אַזוי געווען, — זאָגט דער פרעמ־דער, — איך האָב דאָך מיין פאָטער נישט געזעהן, — אז איך זעה אַן אַלטען אידען, דאַכט זיך מיר, אַז עס איז מיין טאַטע.

— און איך וויל מיין היימאַטהס־לאַנד נישט פערלירען. וואָס עס וועט זיין, דאָך אַ היימאַטהס־לאַנד.

אַלע האָבען זיך אַרומגעקוקט, וועד וויל דאָס נישט זיין „היי־מאַטה־לאַנד" פערליערען. עס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געזאָגט די ווערטער. ער האָט געוויזען אויף זיך מיט די האַנד און געזאָגט נישט אָהן פּאָזע: „כאָטש איך ווייס מען וועט מיך צו די סאָלדאַטען נעהמען, דאָך פאָהר איך אהיים, איך וויל מיין היימאַטהס־לאַנד נישט פערליערען".

— מילא היימאַטהס־לאַנד, איך ווייס גאַר נישט אויב מען וועט מיך אריינלאָזען אין מיין „היימאַטהס־לאַנד" אריין.

— פאַר וואָס זאָל מען אייך נישט אריינלאָזען?

— איך האָב דעם פּאַס אָבגעגעבען אַן אַנדערען, יעצט שיקט מיך אַמעריקאַ צוריק.

— וואָס הייסט מען וועט דיך נישט אריינלאָזען? — נור ווער דען זאָל דיך צוריקנעהמען? דו ביסט דאָך אַ רוסישער?

— אַ קשיא אויף רוסלאַנד.

דאַ האָט זיך עפּעס בעוויזען אין אַ ווינקעל אַ קינד פון אַ יאָהר־

צוועלף, איז צוגעגאנגען צום קופּקעלע מענשען, זיך איינגעהאָרכט און איהרע שוואַרצע אויגען האָבען מיט שרעק אָנגעהויבען אַרומצו־קוקען די מענשען. זי האָט זיך שוין אָנגעהויבען ערנסט צוצוהאָרכען צו די רייד, און אָנגעהויבען אויסצופרעגען אַ אידענע וואָס איז גע־זעסען נעבען איהר, וועגען דעם וואָס מען רעדט דאָ.

— וואָס, מען וועט נישט צוריק אין רוסלאַנד אַריינלאָזען? — האָט די מיידעלע געפרעגט. אין איהרע אויגען איז אַ שרעק געלעגען און איהרע ליפּען האָבען געציטערט.

— וואָס איז דען? — פרעגט די אידענע.

— מען שיקט צוריק מיינעם אַ ברודער'ל — איך פאָהר מיט איהם צוריק; וואָס זאָגט דער איד, מען וועט נישט צוריק קיין רוס־לאַנד אַריינלאָזען?

— און אַ פּאַס האָסט דו? — פרעגט די אידענע.

— אַ פּאַס? — שטאַמעלט רחל'ע און פערליערט זיך נור אויף איין מינוט, — וואָס הייסט אַ פּאַס, מען לאָזט דאָך איהם ניט אַריין. וויזט זי אויף דעם קליינעם יאָסעלע, וועלכער איז געלעגען איינגע־קאָרטשעט אין אַ ווינקעל און האָט געשלאָפען, צוגעדעקט מיט רחל'עס קאַפּטאַן און האָט אויסגעזעהן ווי אַ אָרימער וואָרים וואָלט געלעגען.

דער עולם איז שטיל געוואָרען און האָט זיך אָנגעהויבען איינצו־האָרכען צו רחל'ען. זיי האָבען זי שוין באַלד פון ערשטען טאָג בע־מערקט, נור רחל'ע האָט זיך אַזוי פון דערוויטענס געהאַלטען פון אַלע רייזענדע און האָט מורא געהאַט מיט ווער אַ וואָרט אויסצו־ריידען (אַזוי האָט מען איהר אָנגעזאָגט), אַז קיינער פון די רייזענדע האָט נישט געוואוסט פון די קינדער'ס צרות און מ'האָט געמיינט, אַז זיי זיינען מיט אַ מוטער צוזאַמען. יעצט אַז זיי האָבען געהערט, אַז דאָס פאָהרט זי צוריק מיט אַ ברודער'ל, האָבען אַלע אָבגעהאַקט דאָס געשפּרעך און אָנגעהויבען זיך מיט איהר צו פעראינטערעסירען.

— וואָס הייסט מען שיקט אייך צוריק? פאַר וואָס שיקט מען אייך צוריק?

— ער האָט אַ ראַצעל אין קעפּעל, פון טיפוס געבליעבען — פער־צעהלט רחל'ע, וויזענדיג מיט'ן פינגער אויף דעם שלאָפענדען יאָ־סעלע, אין אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט זיין מוטער געוועזן.

— האָט מען אייך נישט אַריינגעלאָזט? אַמעריטשקע גנב, אַזאַ

אומגליקליך קינד, — זאָגט אַ אידענע און נעהמט דאָס ליכט און בע־
קוקט דעם שלאָפענדען יאָסעלע — אַזאַ מלכות'דיג קינד — און וואו
איז די מאַמע?

— די מאַמע האָט דאָך געמוזט בלייבען מיט די איבריגע קינ־
דער, פאָהר איך אליין מיט איהם צוריק.

— פאָהרסט דו מיט איהם צוריק. — וואָס זיצט דו ניט? גיב
איהר אַ בענקעל, לאָז זי זיצען, קום אהער דאָ מיידעלע, זעטץ זיך
דאָ, — ווייזט איהר אָן פּלאַטץ אַ אידענע, וועלכע האָט זיך אויפגע־
הויבען. נאַ זעץ דיך, די פיס מוזען דאָך נעבעך דיר וועה טהאָן.

— נאַ־דיר, דערכאַפּ דיך דאָס הארץ, — טראָגט איהר אַ אידענע
אונטער אַ שטיקעל לעקעך, — און וועה די אומגליקליכע מאַמע! איך
פיהל נעבעך איהר ביטער הארץ, — קרעכצט די אידענע און ווישט
זיך אַ טרעהר פאַר חנה לאה'ן.

— מילא זי שלאָפט שוין נישט דאָרט קיין נאַכט, די אומגליק־
ליכע מאַמע, — קרעכצט אַ צווייטע אידענע און רופט דעם מאַן:
שמואל, שמואל! נעהם נור אַרויס פון קעסטעל די פּאָמעראַנצען, די
מיידעל איז דאָך נעבעך שוואַך.

— שווייגט, שווייגט! — איהר וועט דאָך דאָס קינד אויפ־
וועקען, — רופט זיך אָפּ אַ דריטע אידענע און נעהמט אַראָפּ איהר
טוך פון זיך און דעקט צו דערמיט דעם שלאָפענדען יאָסעלע'ן — דאָס
קינד נעבעך, עס איז דאָך קאַלט אויפ'ן שיף.

אין אידען האָט זיך געגעבען אַ דערוועק דער רחמנות. אַ גע־
פיהל וואָס קען נור האָבען אַ פאָלק וואָס לעבט שוין אַזוי לאַנג, וואָס
איז שוין אַזוי משפחה'דיג צווישען זיך, וואָס האָט שוין אַזעלכע צרות
דורכגעלעבט. דאָס געפיהל פון רחמנות האָט געגעבען זיך אַ צינד
אָן אין אַלע אידישע הערצער אויפ'ן שיף צו די צוויי קינדער און אַלע
האָבען זיך געפיהלט משפחה'דיג מיט די קינדער, אַזוי ווי זיי וואָלטען
געמוזט די ערטער פון זייער פאָטער־מוטער פערטרעטען.

רחל'ע האָט ניט געוואוסט וואו זיך אהינצוטהאָן מיט די אַלע
מתנות, וואָס האָבען זיך געגעבען אַ שאָט צו איהר פון אַלע זייטען.
וואו עס האָט זיך נור געפונען אַ אידענע אויף דעם שיף, איז זי אהער
געקומען אויסצוגיסען איהר מוטערליכען געפיהל צו איהר... ווער עס
האָט נור עטוואָס זיסעס געהאַט אין זיין קאַסטען בעהאַלטען, האָט

מען עס געבראכט צו רחל׳ען. איינע האט איהר איהר געלעגער אָב־געבאָטען, די צווייטע האט איהר מיכעל אויסגעטהאָן און רחל׳ען אָנ־געטהאָן, פּאָמעראַנצען איהר געבראכט, א שטיקעל שאָקאָלאדע ווער עס האט נור געהאט, אלעס אין איהר שוים אריינגעלייגט.

— וואס טויג מיר די נארישקייטען — רופט זיך א איד אָן — מען הארף געוואָהר ווערען אַט וואָס, דעם עיקר — גיט ער א וואונק און א געה צו רחל׳ען און רוימט איהר איין אין אויער:

— און עפּעס געלד האט אייך דער טאטע מיטגעגעבען?

— אודאי, ווייזט רחל׳ע אויף א זעקעלע, וואס זי טראגט אויפ׳ן האלז.

— דאס איז גאר נישט — זאגט דער איד, נישט זעהענדיג וואס אין זעקעלע — מען דארף אַט וואָס:

— שמואל! — גיט ער א רוף א אידען אין א ווינקעל אריין, — גיב נור אהער א פּאָר גילדען. איז א פּאָר מינוט ארום זיינען שוין די אידען אין א ווינקעל געשטאנען און געלד צוזאמענגעלייגט פאר די קינדער.

און אז יאָסעלע איז פון שלאף אויפגעשטאנען, האט ער זיך גע־פונען ווי אין א גן־עדן, מען האט איהם אויף די הענד געטראָגען. „לאָזט צו, לאָזט צו", האבען אידען געשריען און איהם אוועקגעזעצט אויבען־אָן און געבראכט צו שלעפּען, וואס איינער האט נור געהאט. יאָסעלע האט זיך ארומגעקוקט, האט ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך און האט מיט שרעק געקוקט אויף רחל׳ען.

— עס דאס עפּעלע, מיין קינד, — זאגט צו איהם א אידענע און בעקוקט איהם דערווייל מיט ליעבע דאס קעפּעלע, — א ראטע, — זאגט זי, — גאר נישט קיין ראטע, אמעריטשקע גנב. איך שמיר איהם איין מיט אביסעלע שפּיריטוס, איז אוים ראטע. איבער דעם נעהמט מען א קינד און מען רייסט עס פון א מאמע אוועק. גוים, ימח שמם!

— ווארים א אידיש קינד נעהט זיי דען עפּעס אָן? א אידיש קינד — זאגט א צווייטע, און בעטראכט אויך יאָסעלע׳ס קעפּעלע.

— און איך ווייס פון א דאָקטאָר אין בערלין, ער זאל נאָר ווע־לען, מיט איין מאך מיט דער האנד, איז אוים ראטע, — דערצעהלט א אידענע.

— וואָס הייסט ער וועט ניט וועלען? — מען וועט איהם בע־צאָהלען דערפאַר, — זאָגט אַ איד.

— אודאי בעצאָהלען, וואָס הייסט ער וועט ניט וועלען? — שטימען אונטער די אידען.

— יענער איז אַ פּראָפעסאָר, אַ גרויסער מאַן, ער היילט קיסרים סאַמע, האָט מיר מיין דאָקטאָר פון ניו יאָרק מיטגעגעבען אַן אַדרעס צו איהם, ער זאָל מיר מיינע שטיינער גרינגער מאַכען. אוי, איך האָב שטיינער! — קרעכצט די אידענע.

— ווייזט נור דעם אַדרעס, לאָזט נור זעהן, — זאָגט אַ איד.

די אידענע האָט אַרויסגענומען פון אַ הינטער־קעשענע אַ שטיקעל פּאַפּיער און געוויזען דעם אַדרעס פון גרויסען דאָקטאָר, וועלכער היילט סאַמע קיסרים.

— נו, שוין גוט. איך וועל אודאי דורכפאָהרען דורך בערלין, וועל איך שוין אַליין מיט זיי אַרויפגעהן. מיר וועלען זעהן, אויב ער וועט ניט פאַר אונזער גראָשען געלד דעם קינד'ס קאָפּ אויסהיילען, — זאָגט דער איד און בעהאַלט זיך דעם אַדרעס אין קעשענע.

---

אין אַ פּאָאָר טעג אַרום האָט מען געקענט בעמערקען פאַר אַ שעהן הויז אויף דער פריעדריך שטראַסע אין בערלין זיינען געשטאַנען צוויי קינדער, אַ מיידעל און אַ קליין אינגעל, רוסישע „אויסוואַנדלער", און האָבען זיך געאַמפּערט מיט'ן שווייצער, וועלכער האָט אויף זיי חושד'יג געקוקט און זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזען. די מיידעל האָט אָבער זעהר ענערגיש גע'טענה'ט און געבעטען און געוויזען אויף יאָ־סעלע'ס קעפּעלע, אַז זי וויל צום דאָקטאָר קאַהאַן, וועלכער היילט נור קסרים. נאָך אייניגע מינוטען אונטערהאַנדלונג, איז זיי דאָך גע־לונגען אַריינצוקומען אין הויז, און די זעלבע סצענע האָט זיך אויך אָפּגעשפּיעלט אין די טהיר פון דר. קאַהאַן מיט די שיקסע פון דר. קאַהאַן. רחל'ע האָט אָבער אויף גאָר נישט געקוקט, גענומען פעסט יאָסעלע'ן ביי דער האַנד און אַריינגערוקט זיך אין שטוב אַריין. יאָ־סעלע האָט זיך געלאָזט שווייגענדיג נאָכשלעפּען מיט אַ מינע פון יאוש „עס איז מיר גאַנץ גלייך".

זיי האָבען לאַנג געוואַרט אין עמפּפאַנגס־צימער צווישען די געסט. אַז אַלע זיינען שוין אַוועק, האָט מען זיי אַריינגעלאָזט צום

דאָקטאָר. דער דאָקטאָר, אַ ניעדריגער און אַ פולער מיט אַ הוילען קאָפּ און אַ פּאָאַר גע׳ממזר׳טע אויגעלעך, וועלכע לויפען ארום אין פּנים, מיט אַ פּאָאַר אראָפּגעפאַלענע וואָנסעלעך, האָט זיי צוגערופען אביסעל פערוואונדערט מיט די הענד פון דערווייטענס. רחל׳ע האָט די געלד געהאַלטען אין איין האַנד און מיט די צווייטע האַנד געוויזען אויף יאָסעלע׳ס קעפּעלע, האָט זיך ניט דערשראָקען, גע׳טענה׳ט מיט אַ פול מויל אידישליך צום דאָקטאָר אַזוי:

— פּאַני דאָקטאָר, האָט רחמנות, די מאַמע מיט׳ן טאַטען זיינען אין אַמעריקאַ, מיין ברודער׳ל לאָזט מען ניט אריין — ער האָט אַ קעפּעל, — ווייזט זי אויף יאָסעלע׳ן — היילט עס איהם אויס, איהר קענט דאָך; האָט רחמנות אויף אַ אידיש קינד. די מאַמע מיט׳ן טאַטען זיינען אין אַמעריקאַ, — האָט רחל׳ע געזאָגט אין טרעהרען, און האָט דערלאַנגט דאָס געלד מיט דער האַנד.

זעהט זיך אויס, אַז דער גרויסער פּראָפעסאָר, וואָס היילט נור סאַמע קיסרים, האָט פערשטאַנען רחל׳עס שפּראַך — האָט דאָס געלד צוגענומען פון רחל׳ען, אויפ׳ן טיש אַוועקגעלעגט און גוט זיך די הענד געוואַשען און בעקוקט יאָסעלע׳ס קעפּעלע און געשאָקעלט מיט דער גאָמבע.

— איהר זייד וואָהל אויסוואַנדלער, רוסישע אויסוואַנדלער, וואָס?

כאָטש רחל׳ע האָט נישט פערשטאַנען וואָס דאָס איז, נור כדי צוליעב צו טהאָן דעם דאָקטאָר, האָט זי צוגעשטימט: „יאָ, יאָ“, און יאָסעלע האָט איבערגעגעבען דאָס קעפּעל אין דאָקטאָר׳ס הענד.

ער האָט געהייסען וואַרטען אויף די צייט און פערשריעבען אַ רעצעפּט.

אַז די קינדער זיינען אַהיים געקומען אין די אַכסניא אריין אין אַ פערוואָרפען געסעל, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אייניגע וואָס זיינען געפאָהרען מיט זיי אויפ׳ן שיף און אונטער וועלכע עס איז אויך געווען די אידענע וואָס האָט געהאַט דעם אַדרעס פון דאָקטאָר, האָט מען זיי אויסגעפרעגט און אַלע האָבען זיך געפרעהט, וואָס דער בעריהמטער פּראָפעסאָר האָט זיי צוגענומען און געריהמט רחל׳ען פאַר איהר בריה׳שאַפט.

צווישען די רייזענדע האָט זיך אויך געפונען דער איד פון שיף,

וואָס האָט צוגענומען דעם אדרעס פון דער אידענע. ער איז דאָס געפאָהרען מיט זיי פון דער שיף אָן און נישט פערלאָזט די קינדער. ער האָט אויך געהאַט אַ פּאַס, אויף וועלכען עס זיינען געווען פער־שריעבען זיינע קינדער, און מיט איהם האָבען דאָס געזאָלט רחל'ע מיט יאָסעלע'ן אריבערפאָהרען דעם גרענעץ אויף זיין פּאַס, אַלס זיינע קינדער. ער האָט זיך גענומען יעצט יאָסעלע'ן אויסלערנען דעם נאָ־מען, ווי ער וועט הייסען ביי דער גרענעץ, — שמואל גאָלדמאַן.

— אלזאָ, ווי הייסט דו? — פרעגט דער איד.

— שמואל גאָלדמאַן — ענטפערט יאָסעלע אָפּ פּעסט.

— אָט אזוי, וועסט ניט פערגעסען?

— ניין, איך וועל נישט פערגעסען. שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן — חזר'ט זיך יאָסעלע פאַר זיך.

— אָט אזוי זאָגט דער איד. און ווי הייסט דו? — פרעגט ער רחל'ען.

— חנה גאָלדמאַן.

— וואויל. גוטע קינדער, גוטע קינדער — פרעהט זיך דער איד.

און יאָסעלע האָט טאַקע נישט פערגעסען, ווי אַ געניטער רייזענ־דער וואָס איז שוין אזוי פיעל מאָל די גרענעץ אריבערגעגאַנגען, און ווייס, אז מען דארף זיך אָן עצה געבען, האָט ער אויפ'ן גרענעץ דעם זשאַנדאַרם געוויעזען אויף דעם פרעמדען אידען, אז ער איז זיין פאָטער.

עס איז געווען דאָס איינציגע מאָל אין לעבען, וואָס יאָסעלע האָט זיין פאָטער פערלייקענט. דאָס הארץ האָט איהם נישט גע־שלאָגען דערפאַר. ער האָט געוואוסט, אז עס דארף אזוי זיין.

נאָך דער גרענעץ האָבען זיי זיך הערצליך געזעגענט מיט זייער „גרענעץ־פאָטער", וועלכער איז אוועקגעפאָהרען אין אַן אַנדער ריכ־טונג און מיט די אַנדערע ווייבער, וואָס זיי האָבען געטראָפען אויף דער רייזע. מען האָט זיך אָנגעוואונשען אַל־דאָס־גוטס, געדאַנקט און מיטגעגעבען זיך גוטע זאַכען.

און אז זיי זיינען מיט די פוהר צוריק אין זייער שטעדטעל אריינ־געפאָהרען צו די מוהמע שיינדעלע, האָט יאָסעלע'ס הארץ אָנגעהויבען צו קלאַפּען און אז די מוהמע שיינדעלע האָט זיי דערזעהן, האָט זי

זיך גארנישט געוואונדערט, נור האט געשמייכעלט מיט איהרע רויטע בעקעלעך און בלייכע ליפען.

— כי, כי, כי! — האט זי געזאגט — איך האב באלד געוואוסט, אז עס׳ וועט אזוי זיין.

# דער נס מן השמים

ווי נור די געקומענע האָבען די אַמעריקאַנער לופט דערשפּירט, זיינען זיי ווי מיט דער האַנד פערענדערט געוואָרען און מאיר איז ווי אַ פרעמדער צווישען זייניגע ארומגעגאַנגען. צייט ער האָט דאָס ווייב מיט די קינדער אַראָבגענומען און די קינדער האָבען אָנגעהויבען צו געהן אין סקוהל אריין, זיינען זיי פאַר זיינע אויגען ווי פערפרעמדט געוואָרען פון איהם. ער האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי עס איז געוואָרען, נור מיט יעדען טאָג זיינען דאָס אַנדערע קינדער געוואָרען, נישט זיינע, נור פרעמדע, וועלכע ער האָט נישט געקענט און פאַר וועלכע ער האָט אָנגעהויבען מורא צו קריעגען.

מאיר, דער יודע סופר, וואָס איז דאָרט אין דער היים געווען אַ איד אַ חסיד, אַ מפורסם, איז קליין און פערשעהמט געוואָרען פאַר זיינע אייגענע קינדער, וועלכע זיינען ערשט נאָר וואָס אין חדר געגאַנגען. קוים זיינען זיי נאָר אַראָבגעקומען, און האָבען אָנגעהויבען אין סקוהל צו געהן, זיינען זיי ווי מיט דער האַנד פערענדערט געוואָרען, האָבען נאָר צווישען זיך ענגליש גערעדט און זיינען געווען איינגעטונקט אין ספּאָרט, ווי דאָס וואָלט נישט געווען מאיר דעם אידענ׳ס פון קליינעם פוילישען שטעדטעל, נאָר אויפגעוואַקסען אין אַ גאָר אַנדערע סביבה, פעראינטערעסירט אין די פוס־באל (פוט־באל), וואָס איין שטאדט שפּיעלט מיט די צווייטע, און ספּאָרט־צייטונגען געלעזען. זיי האָבען דעם פאָטער געהאַלטען פאַר אַ „גרינעם“ און פעראַכטעט איהם וואָס ער קען ניט אַזוי רעדען ענגליש ווי זיי און פעראינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, מיט וואָס אין אמעריקא פּערינטערעסירט מען זיך.

קיין זאַך אסימילירט נישט אַזוי אין אמעריקא ווי די סקוהלס און מיט יעדע לעקציע, וואָס די יונגען האָבען גענומען אין די סקולס, זיינען זיי אַנדערש געוואָרען פון מאיר׳ס שניט. דאָס זעלבסטשטענ־

דיגקייט, וואָס איז איינגעפּלאַנצט אין דעם אַמעריקאַנער באַי (איני־געל), האָט זיך אויך ביי זיי ערוועקט. קוים האָבען זיי נאָר ענגליש געקענט ריידען, האָבען זיי שוין געפּרובירט אליין צו פערדיענען. אהיים געקומען פון דער סקוהל, זיינען זיי אין די רעדאַקציאָנען גע־לאָפען, גענומען „פּייפּערס" (צייטונגען) צו פערקויפען, אָדער זיך געשטעלט אין טעלעגראַמען־קאָנטאָרען טעלעגראַמען אָבטראָגען. און קוים האָט דאָס קינד די ערשטע פּאָר קוואָדערס (האַלבע רובל) אהיים געברענגט די מוטער, האָט עס זיך שוין געפיהלט זעלבסטשטענדיג; קיינער האָט שוין קיין דעה נישט אריינצורעדען אין זיינע „ביזנעס" (עסקים). די אידעאַלע זעלבסט־בעוואוסטזיין און אכטונג צו פּערזענ־ליכע פריי־הייט, וועלכע די אַמעריקאַנער פּובליקום סקוהל פּלאַנצט איין אין די צוקינפטיגע בירגער פון די יונייטעד סטייטס, האָט זיך באַלד ערוועקט מיט די גאַנצע קינהייט אין די יונגען פון דעם קליי־נעם שטעדטעל, איבער וועלכע דער פּאָטער האָט דאָ ערשט ניט לאַנג געהאַט אַזאַ גרויסע הערשאַפט. און זיי זיינען גרייט געווען, ווי יע־דעם אַמעריקאַנער קינד, צו פערטהיידיגען זייער פרייהייט מיט די „פּייטס", וועלכע זיי האָבען זיך אזוי גוט אין די סקולס אויסגעלע־רענט. דורך דעם איז דעם פּאָטער'ס וואָרט קיין וואָרט ניט געווען פאַר זיי. זיי זיינען געגאַנגען אין חברה אריין דעמאָלט, ווען זיי האָבען געוואָלט, און געדאַווענט, ווען עס האָט זיך זיי געגלוסט. נישט געוואַשען זיך צום עסען, נישט קיין ברכה געמאַכט, מעהרסטען אָהן היט ארומגעלאָפען און געטהאָן וואָס זייער האַרץ האָט זיך געגלוסט.

מאיר האָט זיך באַלד איבערצייגט, אז אַמעריקא איז ניט לענשנע. אין לענשנע האָט ער געקענט זיין אַ געוועלטיגער אי־בער זיינע קינדער, אָבער אין אַמעריקא איז אַן אַנדער מאָדע; דאָ האָבען טאַטעס איבער קינדער גאָר נישט צו זאָגען, און אויף אַלע פּאָרווירפע, וואָס ער האָט זיי געמאַכט, האָבען זיי איהם צוריק אָב־געענטפערט:

— מיינד יור אָון ביזנעס (היט דיר דיינע געשעפטען). און חנה־לאה פלעגט פערשילטען קאָלומבוס'עס ביינער, כאָטש זי האָט נישט געוואוסט ווער און וואָס אזעלכעס איז דאָס געווען דער קאָלומבוס, נאָר זי האָט געהערט, אז אַלע וויבער אין אַמעריקא שילטען קאָלומ־בוס'ן, האָט זי אויך געשאָלטען.

— אראָבגענומען מיר קיין אמעריקא מיין מאַן צו קאָלומבוס'ען! אוי, קאָלומבוס, איינליעגען אין ד'ערד זאָל ער נישט קענען!

און ניט דוקא די „קאָמאַנדע", נאָר אפילו רחל'ע (לאַנג איז זי שוין געווען צוריק אראָבגעקומען מיט יודעל שניידער, איבערלאָזענדיג יאָסעלע'ן ביי דער מוהמען), — אפילו רחל'ע איז דאָ אויך אַ גאַנץ אַנ־דער מיידעל. געגאַנגען איז זי אין שאַפּ און האָט זיך אויסגעלערענט פון חבר'טאָרינס, אין קאָפּעליושען האָט זי זיך געפּוצט און אין די טהעאַטערס געגאַנגען (האָט חנה־לאה'ן אויך אַמאָל מיטגענומען).

זיינען זיי ביידע, מאַן און ווייב, געזעסען און געבענקט נאָך יאָסעלע'ן, וועלכער איז איבערגעבליעבען אויף יענער זייט ים ביי דער מוהמען. דאָס „איינציגע קינד" האָבען זיי איהם גערופען און האָבען איהם געגאַרט צו זעהען.

---

און יאָסעלע איז דערווייל אַן ערוואַקסען איינגעל געוואָרען, וואָ־רים עס איז שוין געוואָרען אַ יאָהר אַנדערטהאַלבען, צוויי, ווי ער האָט די עלטערען נישט געזעהען; לענגסט שוין אָנגעהויבען גמרא צו לערנען, לענגסט שוין איבערגעגאַנגען צו יעקב יודעל'ם אויף „שיעור" און נישט מאיר און נישט חנה־לאה האָבען די זכיה זיין גמרא־נגון צו הערען. עס הערט זיין לערנען יעדען שבת נאָכמיטאָג, ווען ער פער־הערט זיך ביים פעטער, די מוהמע שיינדעלע, נאָר די מוהמע שיינדעלע „חיהערט" אַזוי, אַז מען וויים נישט צו זי פרעהט זיך דעריבער, צו זי טרויערט. איהר געזיכט ווערט וואָס אַמאָל בלייכער און די פלעקען אויף די באַקען וואָס אַמאָל רויטער און די אויגען וואָס אַמאָל מעהר גרינער. זי זיצט אַ גאַנצען טאָג און נייהט זיך אַליין תכריכים. „מען מוז זיין גרייט" — זאָגט זי — „יעדער מענש דאַרף זיין גרייט". זי איז געוואָרען אַ חברה־קדישא אידענע. און ווי עס שטאַרבט ווער אין שטאָדט, היט זי די נשמה אָב, און יאָסעלע וויסט פון אַלע טוידטע, ווי אַזוי זיי זיינען געשטאָרבען און וואָס פאַר אַ גרימאַסען זיי האָבען געמאַכט ביים טוידט... און נישט דאָס דוקא וויסט ער. נור ער וויסט אויך, ווער עס וועט דער נעקסטער שטאַרבען, וואָרים די מוהמע זיצט דורך די גאַנצע ווינטער־נעכט און רעכענט אויס די, וועלכע וועלען באַלד שטאַרבען, און יאָסעלע זעהט זיי אין גאַס און איהם דאַכט זיך, ווי ער זעהט דעם מלאך המות וואָס טאַנצט פאַר זיי

פּאַראַויס.. און דער פּעטער זיצט גאַנצע טעג און שווייגט, קיין איין איבעריג וואָרט הערט מען נישט פון זיין מויל, נור דאָס וואָס ער דאַרף, ווי ער וואָלט אין אַן אנדער וועלט געשטעקט דורך זיין גאַנץ לעבען און קומט נור טהייל־מאָל צוריק דאָ אהער אין אַן אנדער וועלט אריין, ווען ער דאַרף עסען.... יאָסעלע רעדט זיך דורך מיט די עלטע־רען דורך בריעף.

און דאָס בענקשאַפט צווישען פּאַטער און זוהן איז געווען זעהר גרויס. אַ ים איז געלעגען צווישען זיי, און דער ים האָט זיי אריבער־געבראַכט בריווועלעך פון איינעם צום אַנדערען, אין וועלכע זיי האָבען זיך די הערצער אויסגעגאָסען. יאָסעלע האָט דעם פאָטער מיטגע־טהיילט פון יעדען נייעם שיעור, וואָס זיי, די חדר־אינגלעך, הויבען אָן און פון יעדען שטיקעל פּלפּול, וואָס דער רבי לערענט מיט זיי, און דאַגעגען דער פאָטער איהם פון אַלעס, וואָס עס פּאַסירט אין אמע־ריקא.

וואָרים דער פאָטער האָט זעהר געבענקט נאָך איהם. פון די „קאָמאַנדע“ דאָרט אין אמעריקא האָט ער געהאַט גרויס שברת הלב. הויבען זיך אויף אין דער פריה און כאַפּען דאָס עסען און פערגעסען צו דאַווענען. זיי זיינען גאַנצע טעג אין די סקוהלס, וואו מען לערענט נור מיט זיי גוי'יש און לויפען ארום אַהן היט אונטער דעם פרייען הימעל אין די גאַסען, וואו זיי צינדען אָן גרויסע פייערס, און זיי האָ־בען פערגעסען אַ אידיש וואָרט, און רעדען נור גוי'איש, און הערען נישט, וואָס דער טאַטע זאָגט און וואָס די מאַמע זאָגט — וואָרים דאָרט איז אַ מנהג, אַז קינדער האַלטען נישט כבוד אב ואם, און רחל'ע איז אויך אין גאַנצען געענדערט געוואָרען, קליידט זיך אין קאַפּעליר־שען און געהט ארום אין טהעאַטערען און צירקען. יאָסעלע האָט זיך זעהר פערוואונדערט איבער זיינע ברידער. עסען זיי אונגעדאַוונט! ווי עסט מען אָהן דאַווענען? ווי קען דאָס אַ איד לעבען אָהן דאַווענען? און ער האָט זיי בריעף אראָבגעשריבען, אין וועלכע ער האָט זיי דער־מאָנט די מצוה פון כבוד אב ואם, אין מעשה ביכעלעך זיי אראָבגע־שיקט, אין וועלכע עס ווערט דערצעהלט ווי גרויס די מצוה איז פון כבוד אָב ואם בדרך משל, אַז זיי זאָלען זיך אַ מוסר אראָבנעהמען, אָבער זיי האָבען זיך צו איהם נישט צוגעהערט.

און וואָס גרעסער די קינדער זיינען געוואָרען אין אמעריקא, אַלץ

פרעמדער האָט מאיר זיך געפיהלט צו זיי. פאר זיינע אויגען זיינען זיי אויפגעוואקסען און אויסגעוואקסען זיינען זיי אונפערשטענדליך און פרעמד צו איהם, דעם פאָטער'ס העויות און פרומקייט האָט ביי זיי געלעכטער ערוועקט, זיי האָבען שוין ניט געוואָלט מיטגעהן אין די חברה אריין צו קדוש השבת, זיינען ווי עשו אום שבת אויף דעם „געיעג" געלאָפען. דער „געיעג" האָט געהייסען ביי חנה־לאה'ן דער באל־שפּיעלען, צו וועלכען די יונגען האָבען גרוים חשק געהאַט. אהיים געקומען יעדען פאר־נאכט אָבגעריסען, אָהן היט, מיט א צו־דראפּעט פּנים, און ריידען זיי א וואָרט האָט מען ניט געטאָרט. און אַמעריקא איז אזא לאנד, וואו שלאָגען קינדער טאָר מען נישט און די גאַנצע אימה פּאר'ן טאַטען איז מיט די האנד אָבגעווישט געוואָרען. און מאיר געהט ארום אין זיין הויז ווי א פרעמדער, ער זעהט ווי זיינע קינדער וואקסען אוים גוים, גוים ממש און זיינען עובר אויף הונ־דערט עברות יעדען טאָג און ער קען זיי גאָר נישט זאָגען, און נאָך מעהר: זיי הויבען דעם פּאָטער אָן צו האַלטען פאר א חסר־דעה, פאר א נאר, פאר א „גרינהאָרן", און זיינען איהם מבטל מיט זיין גאַנץ ביסעל לערנען, מיט זיינע ספרים. און זיין אידישקייט זעהט גאָר אוים ביי זיי ווי חוכא וטלולא. און דאָ קריעגט ער יאָסעלע'ס בריעף, „מלא אהבה על כל גדותיו", און די פּשט'לעך, און דער שעור! יאָ־סעלע איז זיין איינציגע כשר'ע אידישע קינד, — איז מאיר'ס האַרץ אויסגעגאַנגען נאָך איהם. ער האָט איהם געוואָלט זעהן, מיט איהם ריידען, ביי איהם, יאָסעלע'ן, וועט ער זיין דער פּאָטער מאיר, יאָסעלע וועט איהם מכבד זיין, וועט זיך פערהערען ביי איהם, וועט מיט איהם אין די חברה געהן. — האָט ער געשריעבען צום שוואָגער לייבוש בריעף און צו יאָסעלע'ן בריעף, למען השם, אז יאָסעלע זאָל קענען אראָב־קומען.

---

עס איז געווען א פאר־פּורים טאָג. די זון האָט זיך שוין אָנגע־הויבען בעוויזען אין שטעדטעל, דער שנעע האָט אָנגעהויבען צו צו־געהן און אין דער לופט האָט מען שוין געפיהלט ווי עס בלאָזט דער ווינד פון פריהלינג. די קינדער פון חדר האָבען שוין אָנגעהויבען צו ריידען וועגען די גייע קאַפּאָטקעלעך, וואָס זייערע עלטערען מאַכען זיי אויף פּסח און האָבען געוויזען זייערע חברים די פּראָבקעס סחורה און

זיינען געגאַנגען צו די שניידערס אָנמעסטען. האָט זיך יאָסעל'ען שרעקליך פערבענקט נאָך טאַטע־מאַמע. ער האָט נור געוואָלט איין טאָג, איין אויף־דער־נאַכט דאָרט זיין, שטעהן הינטער זייער טהיר און אריינקוקען דורך דעם שליסעל־לאָך און זעהען וואָס דערינען טהוט זיך. די מאַמע'ן זעהען, דעם פאָטער. ער איז אהיים געגאַנגען פון חדר פאַר־נאַכט, מען האָט דאַן שוין אויפגעהערט צו לערנען ביינאַכט, די טעג זיינען שוין געוועזן גרעסער געוואָרען און די נעכט קלענער. און זעהענדיג, ווי זיינע חברים איילען זיך מיט שמחה אהיים, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פאָטער און מוטער און האָט זעהר ביטער גע־קרעכצט און האָט די אויגען אויפגעהויבען צום הימעל און זיין הארץ האָט אזא תפלה געזאָגט: „רבונו של עולם! ווי לאַנג נאָך וועל איך גלות אָבריכטען! (יאָסעלע האָט געהאַלטען דאָס, וואָס ער מוז זיין אָבגעריסען פון זיינע עלטערען, פאַר גלות אָבריכטען). ווי לאַנג נאָך, רבונו של עולם!" און ער האָט זיך זעהר, זעהר צוואוויינט.

אז ער האָט זיך געהאַט גאַנץ גוט אויסגעוויינט פאַר גאָט, איז איהם אויפ'ן הארצען לייכטער געוואָרען, ווי מען וואָלט איהם אָנגע־זאָגט, אז די ישועה איז נאָהענט און גאָט האָט געגעבען א מחשבה אין זיין הארץ און ער האָט אָנגעהויבען א טראַכט צו טהאָן וועגען זיין קעפּעל.

צו מאָרגענס אין דער פריה האָט ער זיך פאַר קיינעם נישט ווי־סען געמאַכט (א פאַר גראָשען האָט ער שטענדיג ביי זיך געהאַט. דאָס טאַשען־געלד, וואָס דער פאָטער האָט איהם געשיקט, האָט ער נישט אויסגעגעבען) איז ער געגאַנגען צו שמואל רופא פון זייער שטעדטעל און האָט איהם געוויזען דעם קראַטץ, אז ער זאָל איהם געבען א רפואה.

שמואל רופא האָט איהם דאָס קעפּעל איינגעשמירט מיט אזא שמירעכץ און, זעה גאָט'ס וואונדער, דאָס וואָס דער פּראָפעסאָר פון בערלין, וועלכער היילט סאַמע קסרים, האָט נישט געקענט בעוויזען, דאָס האָט שמואל רופא בעוויזען. דער קראַטץ האָט אָנגעהויבען צו פערשווינדען, ווי אונטער די האַנד. מען האָט געזעהן גאָט'ס נס בע־שיינפּערליך. נישט בחנם האָט דאַן די זון געשיינט אכט טאָג כסדר ווי אין מיטען זומער. שמואל רופא האָט געזאָגט, אז דאָס איז א גרויס וואונדער, וואָרים דאָס שמירעכץ היילט נור בימות החמה, ווען

די זון שיינט — אָבער יאָסעלע האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ נס מן השמים, וואָרים דער רבונו של עולם האָט זיינע קרעכצען געהערט און וויל איהם העלפען.

אַז יאָסעלע'ס קעפּעלע איז ריין געוואָרען, האָט ער דעם פאָטער געשריעבען אַ בריעף און האָט איהם מודיע געווען, אַז פון דעם קראַטץ איז ניט איבערגעבליעבען קיין שריד ופליט און די שרים פון דעם גרענעץ וועלען גאָר ניט נעגען איהם האָבען. דער פאָטער האָט באַלד צוריקגעשריעבען אַ בריעף צום שוואָגער און מען האָט איינגעזעהן, אַז מן הסתם וויל גאָט, אַז פאָטער און זוהן זאָלען זיך צוזאַמען קומען, וואָרים עס האָט זיך פונקט געמאַכט, אַז יודעל שניידער האָט אַראָבגענומען זיין משפחה קיין אַמעריקא, איז געבליעבען, אַז יאָסעלע זאָל מיטפאָהרען מיט יודעל'ס משפחה. אין די רייזע האָט מען זיך גע־קליעבען באַלד נאָך פסח.

זעהר ריהרענד איז געווען דאָס צושיידען זיך פון יאָסעל'ן מיט דעם מלמד און זיינע חברים. און דער רבי האָט איהם אויסגעלערענט אַ נייעם פּלפּול מקיים צו זיין די גמרא, אַז איין תלמוד חכם שיידט זיך מיט'ן צווייטען, געהען זיי אוועק מיט דברי תורה.

ווי די רייזע איז צוגעגאַנגען און די נסיעה איבער'ן ים וועלען מיר ניט בעשרייבען, וואָרים דאָס איז ביי יאָסעל'ען נישט געווען קיין נייעס. ער האָט געקענט דעם ים ווי זיינע פינף פינגער. אַ קלייניג־קייט נאָך די נסיעות וואָס יאָסעלע האָט שוין געהאַט געמאַכט!

און אַז עס איז געקומען, אַז ער זאָל זיך ווייזען פאַר די פּריצים פון אַמעריקא, האָט זיין האַרץ נישט געקלאַפּט ווי דעם ערשטען מאָל. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מן השמים וויל מען, אַז ער זאָל דאָס מאָל זיך בעהעפטען מיט זיין פאָטער, אַז זיין גלות האָט זיך געענדיגט, האָט ער מיט ברייטקייט אַראָבגענומען דאָס היטעל און געוויזען דעם גאַנצען קאָפּ.

און שמואל דעם רופא'ס רפואה האָט טאַקע געהאָלפען, וואָרים די שרים האָבען גאָר נישט געהאַט דערקענט, אַז עס איז אַמאָל דאָ גע־ווען אַ קראַטץ און איבער דעם קראַטץ האָט מען איהם נישט געהאַט אַריינגעלאָזט, וואָרים פון דעם קראַטץ איז מיט השם יתברך'ס הילף קיין שריד ופליט ניט געבליעבען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַז יאָסעלע האָט דערזעהן דעם פאָטער

און די מוטער און אז מאיר האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און האָט איהם פון שיף אראָבגענומען און זיי האָבען געשטעלט דעם ערש־טען טריט אויף דעם אמעריקאַנער באָדען און ווי ער האָט זיך מיט זיינע ברידער בעקענט און מיט רחל׳ען, און אַלע לאַנדסלייט זיינען גע־קומען צוגעהן, האָט יאָסעלע פאר אלעמען זיין היטעלע אראָבגענומען און יעדען געוויעזען זיין ריין קעפּעלע, ווי דאָס וואָלט קיינער אין דער וועלט נישט פערמאָגט, נור ער בלויז אליין... און די שמחה איז דאָרט געוואָרען אזוי גרויס, — נור דאָס וועל איך נישט בעשרייבען, וואָרים דאָס איז אַ מענשען׳ס פעדער נישט אימשטאַנד אויסצושרייבען.

# דער ערשטער טאג אין סקוהל

און יוסף האט זיינע ברידער ניט דערקענט. דורך די צוויי יאהר, וואס ער האט זיי נישט געזעהען, זיינען זיי גאר אנדערע געווארען און ער האט פאר זיי מורא געקראגען. זיינען דאס זיינע ברידער בעריל און חיים? ניין, די פנים'ער גוי'שקע, ווי די שקצים, און געהען א גאנצען טאג אהן א הוט ארום, אין קורצע קליידער, און ריידען צווי־שען זיך אויף א שפראך, וואס ער פערשטעהט ניט. פאר'ן טאטען האבען זיי נישט קיין מורא און עסען אונגעדאווענט, אונגעוואשען, און נישט דוקא זיי זיינען אנדערש געווארען, נור אלע. רחל'ע געהט שוין אנגעטהאן ווי א גרויסע פריצטע און איז א גאנצען טאג אין שטוב נישטא, און די מאמע איז אנדערש. זעהט ווי חיים און בעריל עסען אונגעוואשען, און זי זאגט זיי גאר נישט. זיי צוברעכען האלץ אום שבת און צינדען פאפיער אונטער, און דער טאטע איז פערשטעלט, א קורצען ראק געהט ער אנגעטהאן און קומט אהיים אויף דער נאכט און לעזט א צייטונג, און אלע געהען דא פערשטעלט ארום. שוין צוויי וואכען איז ער דא, יאסעלע, און קיינעם איז נאך נישט איינגעפאלען, מען זאל איהם אין חדר פיהרען צו א רבי'ן. מען זאגט, מען וועט איהם אין א שקאלע פיהרען, דארט וואו חיים און בעריל געהען. און דארטען וועט ער אויך אהן א הוט זיצען און לערנען ווי זיי. דערווייל דרעהט ער זיך אין שטוב ארום מיט דער מאמען (ער האט מורא אין גאס ארויסצוקוקען). וויפיעל די ברידער האבען איהם נישט אין גאס ארויסגעצויגען, האט ער נישט געוואלט. ער האט מורא געהאט פאר די פרעמדע גאס. אזא גרויסען רעש הערט מען פון די גאס ארוים, דרעהט ער זיך ארום, ווי נאך עפעס אין א פרעמדער שטוב און ער קען זיך אליין ניט צוגעוועהנען צו דער שטוב. אלעס קומט איהם אוים פרעמד דא: די שטוב, די ברידער און אפילו די מאמע אויך. עפעס אנדערש געהט זי אנגעטהאן ווי אין דער היים און רעדט אנדערש ווי אין דער היים. וויים ער נישט אויף וואס פאר א וועלט ער איז.

געהמט ער טהיילמאָל די גמרא, וואָס שטעהט אין שראַנק, און זעצט זיך אוועק איבער׳חזר׳ען דעם „שיעור“, וואָס ער האָט געלערענט אין דער היים. די מאַמע שטעהט אין אַ ווינקעל און וויינט פאַר פרייד. קו־מען די ברידער אריין, לאַכען זיי איהם אויס און רייסען איהם פון דער גמרא אוועק. דורך די אָפענע טהיר און פענסטער רייסט זיך דער רעש פון די גאַס אַריין. מען קלומפּערט אין דרויסען, מען שרייט און אַ שפּיעל־קאַסטען שפּיעלט און צוטומעלט איהם דאָס לערנען. שלע־פּען איהם די ברידער אויף דער גאַס אַרויס. אין די גאַס איז ליכטיג און אזוי פיעל קינדער זיינען דאָ, און אַ קאַסטען שפּיעלט, און די קינ־דער שטעהען ארום דעם קאַסטען און טאַנצען; דאָרט זאַמלען קינדער פּאַפּיערען פון די גאַסען, ליגען עס צונויף און צינדען אַ פייער אונ־טער. יונגען שפּיעלען אין פּאַלענט און אַלע פרעהען זיך און לאַכען און שרייען און די קינדער שלעפּען איהם מיט צום שפּיעל און ער שטעהט פון דער וויטענס, האָט מורא צוצוגעהן. די ברידער שלעפּען איהם און ער רייסט זיך פון זייערע הענד אַרויס. האָט מורא פאַר די פרעמדע קינדער, האָט מורא פאַר דעם רעש און לויפט צוריק אין שטוב אריין און בעהאַלט זיך אין אַ ווינקעל. די מאַמע נעהמט איהם אליין ביי די האַנד און פיהרט איהם אויף דער גאַס אַרויס. פיהרט איהם צו די שפּיעלענדע קינדער צו, שטופּט איהם צו: „געה, יאָ־סעלע, געה, שפּיעל זיך“. יאָסעלע האָט מורא, רוקט זיך אָן אַ זייט אָפּ, קומט צוריק אין שטוב אריין. זעצט זיך אָן אַ זייט אוועק, נעהמט זיך צוריק צו זיין גמרא, אָדער זוכט זיך אַ ספר׳ל אויס און קוקט זיך אריין, ווי אַן אַלטער, ערוואַקסענער מענש.

טהיילמאָל נעהמט איהם אַ בענקעניש אָן צוריק אַהיים, כאָטש ער ווייס, אַז אין דער היים איז שוין נישט קיין היים, אַז דאָ איז זיין פאָ־טער און מוטער. אָבער ניט דאָ איז די היים, נאָך וועלכע ער האָט געבענקט דאָרט ביי די מוהמע, יענע היים פון אַמאָל. ניין, ערגעץ־וואו איז דאָ יענע היים, וואו דער טאַטע האָט ביינאַכט געלערענט און ער איז אויפ׳ן טיש איינגעשלאָפען ביים טאַטען׳ס גמרא־נגון, ערגעץ־וואו איז זי דאָ, יענע היים — פון די מאַמע, וואו זי איז געשטאַנען און האָט די ליכט אָנגעצונדען.

נאָך טהיילמאָל אויף דער נאַכט, ווען דער טאַטע איז דאָ און ער נעהמט די גמרא און געהט צו צום טאַטען און מישט איהם אויף דעם

לעצטען שיעור און דער טאַטע זעצט זיך אַנידער מיט איהם און לע־רענט מיט איהם דורך דעם שיעור הויך אויפ'ן קול מיט'ן גמרא־נגון, דאכט זיך איהם, אז ער איז ווידער אין דער אַלטער היים, אז ער האָט עפּעס צוריק געפונען, און ביידע, פאָטער און זוהן, פיהלען זיך צוריק באַהענט און האָבען זיך ביידע פערבענקט נאָך דער אַלטער, אַלטער היים, פון וועלכע זיי זיינען ביידע אָבגעריסען געוואָרען.

אזוי האָבען פאָטער און זוהן אַלע אויף דער נאַכט זיך צוריקגע־פונען ביי דער גמרא לערנען אין דעם גרויסען פרעמדען ניו־יאָרק.

עס איז געקומען די צייט, מען האָט געמוזט יאָסעלען אין שקאָלע אָבגעבען.

מען איז שוין געווען אייניגע מאָל פון דער שקאָלע און געפרעגט אויף איהם. די מוטער האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען. בעריל איז מיטגעגאַנגען און מען האָט יאָסעלע'ן צו דער שקאָלע געפיהרט.

אריינגעקומען אין א גרויס הויז. יאָסעלע האָט מורא געקראָגען, נור געזעהן, ווי בעריל פיהרט זיך היימיש דאָרט, גריסט זיך מיט אַלע, איז ער א ביסעל רוהיגער געוואָרען. בעריל האָט זיי אריינגעפיהרט אין דער קאַנצעלאַריע אריין, וואו מען האָט יאָסעלע'ן פערשריעבען (לאַנג האָט די מוטער געמוזט טענה'ן מיט איהם, ביז זי האָט גע־פועל'ט, אז דאָס אינגעל זאָל דאָס היטעל אויסטהאָן — ער האָט זיך פערהאַלטען מיט ביידע הענד דעם קאָפּ). ער האָט פערוואונדערט אָנגעקוקט בעריל'ען, ווי ער שטעהט און טענה'ט זיך אוים מיט א הוי־בען גוי אויף גוי'יש און ער האָט גאָר קיין מורא נישט. דערנאָך האָט בעריל יאָסעלע'ן ביי דער האַנד אָנגענומען און אריינגעפיהרט איהם אין א גרויסען זאַאַל אריין.

יאָסעלע האָט נישט געוואָלט אריינגעהן, ער האָט מורא געהאַט און מיטגעצויגען די מאַמע — „קום מיט!“

— געה, קינד, געה, האָב נישט קיין מורא, זעהסט דאָך, בעריל איז דאָך אויך דאָרט.

נור ווי יאָסעלע איז אין דעם גרויסען זאַאַל אריינגעקומען, אזוי איז ער ערשטוינט געבליבען. אַזא שטוב האָט ער נאָך נישט געזעהען, גרעסער ווי א שוהל, להבדיל, און אַלע קינדער זיצען ארום אויף שטוה־לען. ער האָט נישט בעמערקט, ווי מען האָט איהם אוועקגעזעצט אויף א שטוהל. ער האָט געקוקט אויף דעם בעלעמער. דאָרט זיינען גע־

שטאנען שרים און שררות'טעם און מען האט געשפיעלט אויף א כלי־זמר, וואס האט געמוזט זיין אן ארגעל און וואס א איד טאר נישט הע־רען, ווארים אין בית המקדש האט געמוזט זיין אזא כלי־זמר, דער אר־געל האט געשפיעלט און די קינדער האבען אלע מיטגעזונגען א ליעד, וואס ער האט נישט פערשטאנען. נור עס איז אזוי שעהן געוועז, אז מען האט עס אודאי נישט געטארט הערען... נור איבערהויפט דער ארגעל. דער קול איז עפעס געוועזן אזוי מאראליש און עס האט אזוי געדונערט איבער דעם הויכען גרויסען זאאל, אז יאסעלע איז געבליבען זיטצען און איז דערשראקען געווארען פאר'ן קול און טרערען האבען זיך איהם געוויעזען אין די אויגען, ווארים דער קול איז געוועזן זעהר זיס און שטארק און עס האט געצויגען דאס הארץ. אין בית המקדש האט מען געמוזט אזוי שפיעלען, און דא זיצט ער אהן א פערדעקטען קאפ און הערט זיך איין צום ארגעל. נור באלד האט דער געזאנג אויפגעהערט, די קינדער האבען זיך אנגעהויבען מיט רעש צוזוגעהן און ער איז פערוואונדערט געווארען, דערזעהענדיג ווי בעריל געהט צו צו איינע פון די שררות'טעם און רעדט מיט איהר אזוי גלייך און פרעהט זיך מיט איהר און האט גאר נישט קיין מורא פאר איהר. און באלד קומט די זעלבע שררות'טע צו צו איהם. בעריל ווייזט עפעס מיט די האנד אויף איהם און רעדט מיט איהר. די שררות'טע געהט צו צו איהם און נעהמט איהם אן מיט דער האנד ביים הענטעל און קוקט איהם אן מיט א ליעבליכען שמייכעל און רעדט עפעס צו איהם. יאסעלע ווערט פערשעהמט פאר איהר, לאזט אראב דאס קעפעל, בע־האלט די אויגען. זי הויבט איהם אויף דאס פנים און וויעדער שמייכעלט זי אזוי ליעבליך צו איהם און גלעט איהם מיט'ן האנד אי־בער'ן קעפעל. יאסעלע ווערט זעהר פערשעהמט און דאס פנים ווערט איהם רויט — א פרעמדע שררות'טע דאך, נישט די מאמע... באלד נעהמט זי איהם אן ביי דער האנד און פיהרט איהם ארויס פון זאאל. ער קוקט זיך אום נאך בעריל'ען. בעריל איז שוין לאנג נישטא און דא נעהמט איהם אן די שררות'טע ביי דער האנד און שפרינגט מיט איהם און האפסט מיט איהם איבער'ן זאאל ארויף אויף די טרעפען און רעדט אלץ צו איהם, און שמייכעלט אלץ צו איהם, און דערצעהלט איהם און ווייזט איהם מיט די הענד. יאסעלע ווייס ניט וואס זי וויל, ווייסט איבערהויפט נישט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם מעהר. עפעס

איז עס ווי א חלום, און וואָס טהוט ער דאָ, און ווער איז די שררות'טע? באַלד ברענגט זי איהם ווידער אין אַ זאַאַל אריין, קינדער זיינען דאָרטען, און ווי זיי האָבען זי דערזעהען, זיינען זיי זי בעפאַלען מיט לאַכען און פרייד, זי ווייזט די קינדער אויף יאָסעלע'ן און אלע קוקען יאָסעלע'ן אזוי נייגיעריג אָן. און זי נעהמט איהם ביי דער האַנד און זעצט איהם הינטער א סטענדער אוועק, און נעהמט פאַפּיער און לעגט פאַר איהם, און אַ בליי־שטיפט גיט זי איהם אין האַנד אריין און ווייזט איהם אויף אַ מענשעלע, וואָס שטעהט אויסגעמאָהלט אויף אַ טאַבליצע און הייסט איהם, אז ער זאָל נאָכמאָהלען דאָס מענשעלע און געהט איבער צו די אַנדערע קינדער.

יאָסעלע זיצט מיט די בליישטיפט אין דער האַנד און הויבט זיך אָן ביסלעכווייז ארומצוקוקען, וואו ער געפינט זיך דאָ. די זון שיינט אריין דורך די גרויסע אָפענע פענסטער, די זעלבע זון, וואָס האָט אריינגעשיינט ביי דעם רבי'ן יצחק יודעל'ס דאָרט אין לענשנע, נור דאָרט איז געווען אַ שטיקעל זון און דאָ איז א גאַנצע זון. און דאָ איז אַלץ גרעסער; דאָרט זיינען געווען בלויז אינגלאַך חברים. משה'לע דעם רב'ס איז געזעסען נעבען איהם, און נעגענאיבער האָט ער געהאַט שלמה יעקב'ן דעם חזן'ס, און די גמרות זיינען אָפען געלעגען און אלע האָבען געזאָגט הויך אויפ'ן קול און דער רבי האָט זיך ארומגעדרעהט מיט'ן קאַנטשיק אין דער האַנד און האָט אכטונג געגעבען, אַז מען זאָל נישט ארויסקוקען פון דער גמרא ארויס; און קוים האָט נור אַ יונג בעלמוטשעט אויף אַן אויגענבליק, איז דער קאַנטשיק געגעבען אַ פאַל איבער די נאָז. מען האָט געפיהלט דעם עול, דעם תכלית פון לערנען, און דאָ גיט מען איהם פאַפּיער מיט אַ פעדער און מען הייסט איהם בעלמוטשען און מענשעלעך מאכען. און מיידלעך זיצען דאָ אויך און מען לאַכט ארום און מען שפּיעלט זיך מיט די שררות'טעס און אַלע בעלמוטשען.

און ווי ער קוקט אזוי אויף די זון, וואָס שיינט אריין דורכ'ן פענסטער, האָט איהם אַ גרוים בענקעניש אָנגענומען נאָך יצחק יודעל'ס חדר. אוי, וואָלט ער געוואָלט זעהען יעצט משה'לען און שלמה־יעקב'ן און אין איינעם הויך אויפ'ן קול אָבזאָגען דעם שיעור און אויסטייטשען גוט דעם תוספות'ל! און ווי ווייט מוזען זיי שוין יעצט זיין, אודאי הויבען זיי שוין אָן אַ נייע מסכתא און דער שיעור

איז שוין אודאי לאנג געענדיגט, און דא זיצט ער גאר און מען גיט איהם מענשעלעך צו מאכען. און וואס טהוט ער דא? ווי קומט ער דא אהער? וואו געפינט ער זיך? וואס איז?

ער האט געוואלט וויינען, נור ער האט זיך געשעהמט פאר די אלע קינדער ארום, איז ער געבליעבען זיצען, ווי אין א פרעמדע וועלט, ווי דאס וואלט אלץ אין חלום פארגעקומען.

באלד רופט זיך עמעס אן צו איהם ווער. ער קוקט זיך אום און דערזעהט, אז דאס איינגעל, וואס איז געזעסען נעבען איהם מיט צו־שויבערטע האר און שרעקליכע ווילדע גוי'שע אויגען, רעדט עפעס צו איהם אויף אזא לשון, וואס נישט ער און נישט די קינדער ארום האבען פערשטאנען.

עס איז געווען אן איטאליענישע איינגעל פון סיציליען, קאטע־קאמבאס, וועלכער איז אויך, ווי יאסעלע, פון סיציליישען דארף אנגעקו־מען אין דעם גרויסען אמעריקאנער טאפ, די אמעריקאנער סקוהל, און זיצט שוין דא פיער טעג און פערשטעהט נישט קיין ווארט, וואס די קינדער ריידען און קיינער פערשטעהט איהם נישט.

דאס איטאליענישע איינגעל האט געפרעגט יאסעלע'ן, אויב ער קומט אויך ארויס פון דעם דארף ציראנע, פון וואנען ער קומט אליין. יאסעלע האט נור מיט שרעק איהם אנגעקוקט און זיך אבגערוקט פון איהם. זעהט זיך אוים, אז די פרעמדע סביבה און דאס אונפער־שטענדליכקייט ארום זיך האט דעם איטאליענישען איינגעל אזוי אויפ־געערגט, אז ער האט זיך געווארפען אויף יאסעלע'ן מיט די קולאקעס שלאגען.

די לעהרערין האט עס באלד בעמערקט, צוגעקומען און בערוהיגט דאס הייסע איטאליענישע בלוט פון דעם סיציליאנער איינגעל. יא־סעלע'ן איבערגעזעצט אויף אן אנדער בענקעל, געקוקט אויף איהם אזוי ליעבליך און בערוהיגט איהם מיט דער האנד אויפ'ן קעפעלע און גע־זאגט צו איהם די אידישע ווערטער: „האב נישט קיין מורא".

יאסעלע, וועלכער האט דערהערט די אידישע ווערטער פון די שררות'טע, האט זי אנגעקוקט פערוואונדערט. פון וואנען קען זי אי־דיש? נור פון דענסטמאל אן האט איהר בליק פון איהרע מילדע אוי־גען איהם בערוהיגט און ער האט געהאט צו איהר צוטרויען.

די לעהרערין, וועלכע איז אליין ארויסגעקומען פון רוסישע אי־

דען און האָט אַלס קליין קינד פערלאָזט רוסלאַנד, וועלכעס זי האָט נישט מעהר געדענקט, האָט אָבער נאָך תמיד געבענקט נאָך רוסלאַנד און האָט צו רוסלאַנד געפיהלט ווי צו אַ צווייטע היימאַטה, אָבער מעהרסטען איז איהר הארץ געווען צוגעבונדען צו אידישע עמיגראַנטען־קינדער, וועלכע קומען פון רוסלאַנד. אין זייער צושראָקענהייט האָט זי דערפיהלט דעם גאַנצען גלות פון אידען אין רוסלאַנד און אַ גרויס רחמנות האָט זי אַרומגענומען צו די אידישע קינדער. זי האָט זיך אליין פאַרגעשטעלט אַלס אזא עמיגראַנטען־קינד, ווען זי איז קיין אַמעריקאַ אַראָבגעקומען. דאָס האָט זי זעהר נאָהענט צוגעבונדען צו יאָסעלע׳ן. אין זיינע דערשראָקענע אויגען און זיין ציטערען האָט זי דערזעהן די גאַנצע עלענד, פערלאָזענקייט פון אידישען קינד אין רוסלאַנד. יעדעס קינד, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, האָט איהר אַ גרוס געבראַכט פון גלות. איבער דעם האָט זי זיך מיט בעזונדערע ליעבע געווענדעט צו יאָסעלע׳ן.

יאָסעלע האָט דערפיהלט די ליעבע אין איהרע אויגען, און כאָטש ער איז אַזוי פרעמד געווען דאָ, דאָך האָט איהר בליק און די פּאָר אידישע ווערטער איהם דערנעהענטערט און היימישער געמאַכט. דאָך איז יאָסעלע דורך די גאַנצע צייט פון די לעקציע געזעסען, ווי אין אַ צווייטע וועלט, און אַז בעריל איז דערנאָך געקומען און האָט איהם מיטגעשלעפּט אויף די גאַס אַרויס אין אַ פּאַרק אריין, ווייזען ווי די יונגען ברעכען זיך, האָט ער נישט געוואָלט געהן אַהין און געוויינט, אַז ער זאָל איהם אַהיים פיהרען.

אַהיים איהם געבראַכט, האָט זיך יאָסעלע אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל. בחנם האָט איהם די מוטער געבעטען, ער האָט גאָר נישט גערעדט, נור ער איז געזעסען און געשוויגען, געשוויגען און עפּעס בעהאַלטען אין זיך. די זון האָט אַריינגעשיינט, פון די גאַס האָט זיך אריינגעריסען דאָס געשריי און פרייד פון די קינדער.... ווידער האָט זיך דערהערט דאָס קאַסטען־שפּיעלען. די מוטער האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען און געוואָלט איהם אַרויספיהרען צו די קינדער, האָט איהם אַרויסגעשטופּט פון שטוב, צוגעפיהרט איהם צו די שפּיעלענדע קינדער. יאָסעלע האָט זיך אָבער צוריקגעקעהרט אין שטוב אַריין, זיך צוריק אוועקגעזעצט אין זיין ווינקעל און געשוויגען, געשוויגען. קיין וואָרט האָט ער נישט געוואָלט דערצעהלען פון דער שקאָלע. נור אַז

דער פֿאָטער איז אויף דער נאַכט אהיים געקומען, האָט יאָסעלע נאָכ'ן עסען ארויסגענומען די גמרא פֿון שראַנק, צוגעגאַנגען צום פֿאָטער, זי אויפגעמישט און האָט אָנגעהויבען מיט'ן פֿאָטער צו לערנען הויך אויפ'ן קול. און אַז זיי זיינען אין מיטען בעסטען נגון געווען, האָט זיך יאָסעלע פלוצלונג אַזוי ביטער צעוויינט און נאָך איהם האָט זיך חנה־לאה צעוויינט, און מאיר האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען שפּרייזען איבער'ן שטוב אהין און צוריק מיט גרויסע טריט און געביסען זיך די באָרד אין מויל און קיינער האָט נישט געפרעגט, וואָס איז געשעהן, פאר וואָס און ווען — זיי אַלע דריי האָבען עס גאַנץ גוט געוואוסט.

פֿאָטער, מוטער און קינד האָבען געבענקט נאָך די „אַלטע היים“.

# א זומער טאג אין ניו יארק

עס איז געווען א ווארימער זומער־טאג. ביי אונז וואלט עס שוין געהייסען א הייסער תמוז־טאג, אין ניו יארק איז עס געווען איינער פון די מאי־טעג. א פייכטער ווינד האט געבלאזען פון אפענעם ים און געלעגט זיך ווי א טומאן איבער די ניו יארקער לופט. די פענסטער פון די טענעמענט הייזער האבען זיך אנגעהויבען צו עפענען, און אלעס וואס האט זיך געשטיקט אין זיי א גאנצען ווינטער האט זיך אנגעהויבען ארויסצורייסען אין גאס אריין. די באלקאנען פון די הייזער (פייער עסקייפס) און די פענסטער זיינען פול בעלעגט געווארען מיט זאכען, בעט־געוואנד און ווינטער־קליידער; מאטראצען און קישענס האבען זיך פון יעדען פענסטער־לאך געוויזען. די טרעפלעך פאר די טהירען האבען די איינוואהנער אנגעהויבען צו בענוצען אלס פארט־זעצונג פון דער שטוב, און די שטוב האט זיך ארויסגעריסען פון פער־מאכטען הויז און איז ארויסגעגאנגען אין דער גאס ארויס. מען האט זיך ארויסגעצויגען אויף די טרעפלעך אין גאס מיט קינד און קייט, מיט נאסע ווינדעלעך, און ברודיגע האנדטיכער; ווייבער אין אויס־געטהאנענע קאפטאנס זיינען געזעסען אויף די טרעפלעך אין גאס ארויס, און האבען די קינדער געשטילט מיט זייערע נאקעטע בריסטען, און האבען זיך ניט געשעהמט פאר די פארבייגעהענדע, ווי עס וואלט זיך ניט געווען מיט וואס צו שעהמען. ביי קיינעם איז ניט בעסער, און יעדען ניו יארקער איינוואהנער טרייבט דער זומער פון שטוב אין גאס ארויס. פון די אויסגעלעגטע זאכען, איז די לופט פול געווארען מיט פעדערען און עפעס שטיקענדעס; און איבער די קעפ, איבער די גאסען איז געלעגען אויסגעשפרייט דער אייזערנער וועג פון דער שטאדט־באהן, און פון מינוט צו מינוט האט זיך געהערט דער רעש פון א דורכלויפענדען צוג, און האט איבערגעלאזט נאך זיך א גערוך און א קארזש.

איבער דער גאס האט זיך פלוצלינג דערהערט א קינדישע מוזיק

שפּיעלען, פּייקעלעך האָבען געפּויקט און פלייטלעך האָבען געקוויטשעט אן אמעריקאַנער סאָנג. באַלד דאַרויף האָט זיך געוויעזען אַ שאַאר פון קינדער; פערשטעלטע און אויסגעצירטע אין פערשיעדענע קאָלירטע פּאַפּיער־קאָסטיומען זיינען זיי געגאַנגען אונטער די טענער פון אַ קינדער־מוזיק. דאָס איז געווען אַ „מאַי־פּארטיע". די פּובליק שול, אין וועלכער יאָסעלע האָט געלערנט, האָט געפיהרט איהרע קינדער אין צענטראַל פּאַרק (אין שטאדט גאָרטען) צו פערגוויילונג. פריהער איז געגאַנגען די לעהרערין, מיסס איזאָבעל, די זעלבע וועלכע האָט יאָסעלע'ן אזוי פיין צוגענומען ביי זיין ערשטען אריינטריט אין דער שולע. זי האָט ביי דער האַנד געהאַלטען יאָסעלע'ן, וועלכער איז גאָר ניט געווען צו דערקענען. יאָסעלע האָט געזאָלט זיין דער פּאַקעל־טרעגער פאַר דעם „קעניגליכען פּאָר", וועלכע זיינען געגאַנגען נאָך איהם הינטער אַ בלויע שטערען־בעזעצטע חופּה. יאָסעלע האָט געהאַט אויף זיך אַ וויים העמדעל מיט אַ בלויען לאַמפּאַס און אַ פּאַפּיערענעם הוט מיט אַ טראָלט, און האָט געהאַלטען אַ שטורקאַץ אין דער האַנד. אָבער יאָסעלע האָט זיך פּאָראוים געשלעפּט אין דעם פערשטעלטען אנצוג מיט זעהר אַ שווערען אידישען געמיטה, און זיין קאָפּ איז איהם ניט געלעגען צו די נאַרישקייטען און ער האָט גאָר ניט געוואוסט צו וואָס מען שלעפּט איהם מיט אין דעם הולך. די קינדער, וועלכע זיינען בעשטאַנען אויס אַלע נאַציאָנען פון דער וועלט, אויס אַלע טהיילען פון דער וועלט, זיינען יעצט געווען גרופּירט אין איין קינדער־לעגענדע. נאָך דעם „קעניגליכען פּאָר" איז נאָכגעגאַנגען זייער פעלד־יעגער, דאָס איז טאַקע געווען דאָס איטאַליענישע אינגעל קאַטעקאַמבאָס, וועלכער האָט שוין יעצט ענגליש פערשטאַנען. אין אַ רויטען הוט, ווי אַ גלית, האָט ער נאָכגעפיהרט זיין געליעבטען הונד, וועלכער איז געווען בעפּוצט פון קאָפּ ביז צום ווידעל אין פערשיעדענע קאָלירטע פּאַפּיע־רען. און נאָך איהם די קינדער אַלס פּאַזשען, גענערעלע, וואַלד־גזלנים און שקלאַפּען. די קינדער זיינען געווען אויפגעראַמט. די מוזיק האָט געשפּיעלט פּאָראוים פאַר זיי און זיי האָבען זיך געהאַלטען אין טאַקט. די יונגען זיינען געגאַנגען שטרענג, געקלאַפּט מיט די פיס זעלנעריש, די מיידלעך האָבען בלומען פערשפּרייט איבער די טראָטואַרען און געמאַכט פּאַראַד פאַר דעם „קעניגליכען פּאָר". אַ סך מוטערס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך די קינדער; האָבען אין די קינדער־וויעגעלעך נאָכ־

געפיהרט די אינגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע האָבען אויך געוואָלט זיין ביי דעם „סאַי פּאַראַד“, אָדער האָבען אין די קער־בעלעך זיי עסען נאָכגעטראָגען, און צווישען אַלע האָט געהערשט אַ פריינדליכע שטימונג.

אַלע זיינען געווען גליקליך איבער די ליעבע זון, וואָס האָט זיך אריינגעריסען צווישען די אייזערנע וועגען, וועלכע זיינען געלעגען איבער זייערע קעפּ און האָט בעגאָסען די קינדער מיט פרעהליכע זומער שטראַהלען. נאָר יאָסעלע, איין יאָסעלע, נישט ער האָט דאָס פּלייטען־שפּיעל געהערט, נישט ער האָט דאָס קינדער־לאַכען פערנומען, וואָס האָט ווי פרישעס וואַסער אַרום און אַרום אָפּגעקלונגען, נישט דאָס פרעהליכע זומער ליכט האָט זיין מוטה ערהייטערט, ווי אַן אַלטער איד, זאַט פון צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין דער וועלט, געהט ער דאָ צווישען די קינדער אַ פערשטעלטער מיט אַן אָבגעקריידט פּנים, אין אַ פּאַפּירענעם הוט און מאַכט זיך משוגע אין מיטען שעהנעם טאָג. און וואָס וועט דער תכלית זיין? דער „תכלית“ האָט צום מייסטען געפּוּקט אין דעם קעפּעל פון דעם קליינעם איד. — דאָרט אין דער היים, לערנען די חברים ביי יצחק יודעל׳ס און ווייט, ווייט האַלטען זיי שוין אודאי אין דער מסכתא! און וואָס וועט דער סוף זיין?... און דער טאַטע איז אַ גאַנצען טאָג אין שטוב נישט דאָ, ארבייט, אויף דער נאַכט, ווען ער קומט אַהיים, איז ער מיעד, שלאָפט ער; און די ברידער זיינען גוים, גוים ממש, און אַרום און אַרום איז גלות, און וויפיעל מאָל קומט אויס איהם אַליין בייצושטעהן דעם יצר הרע, מען איילט זיך מיט׳ן דאַוונען — מען פערפּעהלט שטיקער, און היינט דעם גאַנצען טאָג אָהן אַ הוט זיצען און קיין צורת אות נישט זעהן. ער פערגעסט, פערגעסט אַלעס... — בחנם האָט איהם די מים איזאַבעל, וועלכע האָט איהם יעצט געהאַלטען פעסט ביי דער האנד, אייניגע מאָל אויפגעוועקט: „יאָסעלע“, געקוקט איהם ליעבליך אין די אויגען אריין און געפּרופט איהם צו ערהייטערען, איז מיט איהם אַליין פּאַראויס געגאַנגען און אָנגענומען די מינע פון די קינדער און געטרעטען מיט די פיס אַזוי ערנסט, ווי זיי, און איהרע ווייכע האָאַר האָבען זיך איהר צולאָזט און אין די קורצע קליידעל, פון וועלכע מען האָט איהרע קליינע קינדישע פיסלעך ארויסגעזעהן, מיט דעם קינדישען שמייכעל אויף די ליפּען איז זי אַליין געגליכען געווען צו איינס פון די קינדער און מיטגעפרעהט

זיך מיט די קינדערס פרייד. אָה, בחנם האָט זי געפּרופּט יאָסעלען צו ערהייטערען — האָט איהם ליעבליך אין די אויגען געקוקט און גערופען איהם „דארלינג" און ליעבליך געפרעגט: „וואט איז דהי מעטער מאי דיער באָי"! און זי האָט איהם ביי דאָס הענדטעל געצויגען און פאָר־אויס געגאנגען, געלאָפען מיט איהם, דערהויבענדיג הויך זיין האנד מיט'ן פאַקעל. בחנם איז דאָס אלעס געווען. — יאָסעלע האָט דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגען און פערשעהמט זיך פאר איהר.

די מענשען אין גאָס האָבען מיט ליעבע נאָכגעקוקט די קינדער און מיט יענעם „קולט", מיט יענער בעגייסטערטער בעציהונג צו קינדער, ווי נאָר די אַמעריקאנער פערשטעהען, האָט מען די שפּאַציר־רענדע קינדער מיט פרייד אויפגענומען. די מענשען האָבען זיי נאָכגע־פּאַטשט בראוואָ מיט די הענד, די פּאָליסלייט האָבען אָבגעשטעלט אַלע טראַמוויען און וועגען, און די קינדער דורכגעלאָזט. פון די הייזער האָבען מוטערס זייערע קינדער ארויסגעפיהרט און צוזאַמענגעהעפּט מיט די מאַי־פּאַראַד, און וואָס לענגער זיי זיינען געגאנגען, איז די גרופּע געוואָרען גרעסער, זיינען וואָס מעהר מוטערס צו זיי צוגעקומען און די קינדער אין גאָרטען בעגלייט.

אין דעם שעהנעם גאָרטען פון ניו יאָרק, אין „צענטראל פּאַרק", וועלכער שטעהט אין מיטען דער שטאָדט, האָט די שטאָדט דעם שענ־סטען מיט גראָז־בעזייהטען פּלאַץ פאר די קינדער אָבגעגעבען צו שפּיע־לען זיך. דאָס גרויסע אונענדליכע גרינע פעלד, וועלכע האָט זיך געצויגען אויף אַ הינעל ארויף און דאַן זיך אראָבגעלאָזט אין אַ גרינעם אויסגעבעטענעם טהאָל, איז געווען אויסגעזייהט מיט קינדער, וועלכע האָבען אין זייערע בונטע פערשיעדען־פאַרביגע פּאַפּי־רענע קליידער אויסגעזעהן, ווי אַ פעלד, וועלכעס איז בעשאָטען אין גאַנצען מיט פערשיעדען־פאַרביגע טיולפּאַנען, וואָס לויפען ארום איבער אַלע ווינקעלעך פון פעלד... די קינדער פון פערשיעדענע שקאָלעס האָבען זיך באַלד צוזאַמענגעמישט. די לעהרערינס האָבען איינגעאָר־דענט פאר זיי פערשיעדענע שפּיעלען און זיינען אליין ארומגעלאָפען מיט די קינדער. די מיס איזאַבעל האָט זיך געיאָגט מיט איניגע מייד־לעך, דערביי זיינען איהר די ווייכע האָאַר צופאַלען, און זי האָט זיך מיט די קינדער אָנגעהויבען ארומקייקלען איבער דעם גרינעם ערשט אָבגעשניטענעם גראָז. פון פערשיעדענע אַנשטאַלטען האָט מען די קינ־

דער פּראָוויאַנט צוגעשיקט. דאָ און דאָרט האָבען זיך קינדער אויסגע־זעצט עסען און אַ קינדער מוזיק האָט געשפּיעלט פאַר זיי.

די מיס איזאַבעל האָט זיך געהאַלטען אין איין יאָגען מיט איהרע צוויי חבר'טאָרינס און איינס האָט דאָס אַנדערע מיט אָבגעשניטען גראָז בעשאָטען. אין דעם האָט זי דערזעהן יאָסעלע'ן, ווי ער זיצט אַליין הינטער אַ בוים אָבגערוקט פון די קינדער און קוקט זיך צו צו די שפּיע־לענדע, און אַ שמייכעל, וואָס דריקט אויס אי צער, אי איראָניע, אי גלייכגילטיגקייט צו אַלעם און צו זיך, שפּיעלט אויף זיין בלייך פּנים'ל. זי האָט זיך נעבען איהם אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבען מיט איהם צו רעדען.

יאָסעלע האָט נאָך נים פערשטאַנען קיין ענגליש, כאָטש ער איז שוין צוויי־דריי וואָכען אין שוהלע. דאָך האָט ער שוין פערנומען דעם קלאַנג פון די שפּראַך און נעפּעל'דיג בעגריפען דעם אינהאַלט פון אַ זאַץ, אָהנע צו פערשטעהן די בעדייטונג פון יעדען וואָרט בעזונדער. נור אַם בעסטען האָט ער פערשטאַנען די מיס איזאַבעל'ס ענגליש. ער האָט אין איהרע אויגען, אין דעם שמייכעל פון איהרע ליפּען געפיהלט וואָס זי וויל זאָגען, און צייט ער האָט געהערט פון איהר די צוויי אידישע ווערטער, איז ער געווען צו איהר זעהר נאָהענט. מעהרסטענס האָט ער געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט, און האָט זיך זעהר געשעהמט אין איהר געגענוואַרט און איז רויט געוואָרען. מיס איזאַבעל האָט זיך אויך געפיהלט צום קינד זעהר נאָהענט, און האָט איהם זעהר ליעב געהאַט. און וואָס מעהר יאָסעלע האָט זיך געפיהלט פרעמד אין דער שוהלע, אַלץ גרעסער איז געוואָרען איהר רחמנות־געפיהל צו איהם. זי האָט אין דעם שווייגען, אין דעם טרויעריגען געמיטה פון קינד געזעהן דאָס גאַנצע אַריסקייט פון אידישען קינד, און אין יאָסעלע'ס פערזאָן מיט די ליעבע וואָס זי ווייזט אַרוים צו דעם פער'יתום'טען קינד, האָט זי בעצאָהלט איהר חוב צו איהר פאָלק, דאָרט ווייט אין דעם פרעמדען רוסלאַנד.

וואָרום אין דעם פרעמדען ווייטען רוסלאַנד האָט זי אַ פאָטער געלאָזען. די מוטער איהרע האָט זיך גע'גט מיט איהם און איז אַראָב־געקומען מיט אַ פרעמדען מאַן, ווען זי האָט אַ מאַן געהאַט. איהר פאָטער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזעהן און קיינמאָל נישט געהערט פון איהם. אין יאָסעלע'ס בלייכע געזיכט, טרויעריגע אויגען האָט זי

געוואָלט איהר פּאָטער דערזעהן, דעם פרעמדען פאָטער, וואָס זי האָט געלאָזען אין דעם וויטען, פרעמדען רוסלאַנד.

ווען זי האָט יעצט יאָסעלע'ן מיט אַן איינגעבויגענע קעפּעלע דער־זעהן היינטער'ן בוים זיצען, האָט זי אַ געפיהל ארומגענומען „איהר פּאָטער". זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, זיך אוועקגעזעצט לעבען איהם. לאַנג האָט זי איהם געקוקט אין די שווארצע אויגעלעך אריין און בעטראַכט זיין בלייך געזיכטעל, וואָס איז וואָס אמאָל מעהר בלייכער געוואָרען צייט ער איז אין אַמעריקא, און גאָר נישט קיין וואָרט צו זאָגען, האָט זי אַלץ נאָכאַנאַנד דאָס איינגעל בעטראַכט און פון איהר פּאָטער געקלעהרט, וואָס זי האָט ערגעץ דאָרט. זעהט ער אויך אַזוי אויס ווי ער? און האָט אויך אַזאַ שווער אידיש געמיטה? און אַזעלכע טרויעריגע אויגען? און וועגען וואָס קלעהרט ער? וואָס טהוט זיך שוין דאָ אין דעם קליינעם קעפּעל? — האָט זי ביי זיך געטראַכט. וואָס זוכט עס? און פאַר וואָס איז עס אַזוי טרויעריג? גאָט, אַזוי טרויעריג — האָט זי זיך געטראַכט — און עס האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אַ בילד פון איהר פּאָטער מיט אַזעלכע טרויעריגע אויגען ווי יאָסעלע, אַזוי געהט ער ערגעץ דאָרט איבער די וויטע סטעפּעס פון רוסלאַנד, מיט זיין פּעקעל איבער די פּלייצעס שפּרייזט ער דאָרט ערגעץ־וואו איבער די לאַנגע וועגען פון דעם גרויסען רוסישען לאַנד און האָט אַזאַ טרויעריג געזיכט און אַזעלכע טרויעריגע אויגען, ווי דאָס קינד האָט, און אַלע אידען האָבען דאָרט אַזעלכע טרויעריגע אויגען און געהען אַזוי די קעפּ אַראָבגעלאָזט אין אַזעלכע שווערע געמיטהער.

זי האָט יאָסעלע'ס קעפּעל אויפגעדעקט און געפרעגט איהם, וואו ער האָט דעם ראַטץ געהאַט, וועגען וועלכען זי האָט שוין געוואוסט פון בערל'ען, אַז מען האָט יאָסעלע'ן דערפאַר צוערשט נישט אריינגעלאָזט קיין אַמעריקא.

יאָסעלע האָט געוויזען אויף אַן אָרט אין קעפּעלע. זי האָט לאַנג בעטראַכט יאָסעלע'ס קעפּעלע און האָט אין דעם ראַטץ געזעהן דאָס גאַנצע אָרימקייט פון אידישען פאָלק, ווי עס וואָלט אַ סימבאָל געווען איבער דעם אונגליק פון אידישען לעבען.

— און איבער דעם האָט מען דיך צוריק געשיקט?

— יאַ, — האָט יאָסעלע אָבגעענטפערט אויף אידיש, פערשטע־הענדיג איהר פראַגע.

— און ווי אזוי ביזטו אליין אהין געקומען? — האט זי געפרעגט האלב אידיש, האלב ענגליש.

— גוטע מענשען האבען רחמנות געהאט און מיך אבגעפיהרט אהיים.

זי האט זיך איין מינוט דערמאנט אין זיך און האט זיך געזעהן אלס יעהריג קינד, ווי די מוטער איז מיט איהר אנגעקומען צום ברעג פון אמעריקא מיט דעם קינד אויף דער האנד, וואס האט געקענט האבען דעם אייגענעם אידישען ראטע, ווי דאס קינד וואס זיצט דא אונטער'ן בוים, און זי וואלט אויך געהאט אזעלכע טרויעריגע אויגען און אזא שווער געמיטה, ווי דאס קינד דא האט, און זי האט מיט אמאל דער־פיהלט די גאנצע נאהענטקייט, איהר גאנץ בשותפות'דיגעס, וואס זי האט מיט דעם אידישען קינד.

זי האט פלוצלינג ארומגענומען יאסעלע'ס קעפעל און מיט קושען עס בעדעקט, און פון איהר הארץ האבען זיך ארויסגעריסען די איינציגע אידישע ווערטער, וואס זי האט געקענט:

— ארים, ארים אידישע קינד!

און יאסעלע האט דערפיהלט אויף זיין פנים'ל איהרע ווארימע טרעהרען.

---

אז יאסעלע איז אהיים געקומען איז דאס גאנצע געסעל, וואו זיי האבען געוואוינט, פול געווען מיט ליכט און לעבען. אלע קינדער זיינען אין גאס געווען און אלע פאמיליעס האבען אויף די טרעפלעך פון זייערע הייזער געוואוינט. דא און דארט האבען זיך שטורקאצען אנגע־הויבען אנצינדען פאר די שטענדערס מיט די סחורות וואס זיינען געשטאנען אין געסעל. און די גאס וואס האט א גאנצען טאג נור ווייבער און קינדער געזעהן, האט זיך אנגעהויבען אנצופילען מיט מענער און יונגע לייט. צוערשט זיינען זיי געגאנגען גרופענווייז, נור וואס אמאל מעהר. ווי די נאכט־שטונדען האבען זיך אנגעהויבען אנצו־רוקען, האט דאס געסעל אנגעהויבען שווארץ ווערען פון מחנות מענשען. דאס זיינען געווען די ארבייטער, וואס האבען זיך אגעהויבען ארויסצו־שיטען פון די שעפער און די ווערקשטאטען צו געהן אהיים אויסרוהען פון א גאנצען טאג שווערע ארבייט. פון מינוט צו מינוט האט געקלאפט דער עלעווייטעד (די הויך־באהן) איבער'ן קאפ, אבגעשטעלט, ארויס־

געשפּיגען פון זיך א שמוציגע מחנה און ווייטער געקלאפּט. און ווי ווערימלעך האָבען זיך די מענשען אָנגעהויבען צו צושיטען איבער אַלע זייטען פון גאַס. די וועגלעך האָבען אָבגעטראָטען פון די טראָטוארען, זיינען אין די ברייטע גאַס ארויס, די פּעדלערס האָבען אָנגעצונדען זייערע שטורקאצען און אויסגערופען זייערע סחורות. און וואָס מעהר די נאַכט־שטונדען האָבען זיך אָנגערוקט, אַלץ לעבעדיגער זיינען די גאַסען געוואָרען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די איינוואוינער פון דער גאַס האָבען זיך פערשפּעטיגט דעם טאָג און הויבען ערשט זייער פריה־מאָרגען אָן, קויפען ערשט יעצט די מאָרגען־צייטונגען, וואָס אינגלעך לויפען מיט זיי אין גאַס ארום. אַלע באַהנען, אַלע שענקען פילען זיך מיט מענשען אָן. אַלע קענדי־סטאָרס זיינען פול מיט יונגע לייט; ווייבלעך לויפען אין די קראָמען ארום, קויפען איין עסען; פאָטערס שטעלען זיך פאַר די וועגלעך אָב, קויפען זייערע קינדער מתנות. און וואָס אמאָל מעהר ווערט דאָס לעבען גרעסער אין געסעל. קינדער פילען אָן די גאַס, וואַלגערען זיך אין די רינשטאָקען, צווישען די פיס פון די פערבייגעהענדע. קיינער האַלט זיי ניט איין, קיינער קוקט זיך נישט אויף זיי ארום, ווי די גאַס וואָלט איין גרויסע שטוב געווען. די טראָטוארען ווערען פול מיט שפּאַציערענדע מיידלעך און בחורים, וועלכע געהען אָנגעטהאָן אין קאַפּעליושען מיט ברייטע ראַנדען. די עלעקטרישע לאָמפּען הויבען זיך אָן אָנצוצינדען פאַר די טהעאַטער־האָלס און קינאָמעטאָגראַפען (מואווינג פּיקטשור פּלעצער) און בעגיסען דאָס גאַנצע געסעל מיט ליכט. די קאָמעדיאַנטען באַפּען די פערביי־געהענדע אין זייערע צירקען, זייערע קאַסטענס שפּיעלען, קינדער טאַנ־צען אין גאַס און זינגען, קרעמער שרייען, רופען, אינגלעך שלעפּען צונויף פּאַפּיערען און שמאַטעס און צינדען אונטער, ווייבער לויפען ארום מיט אייז־קרים און סאָדאַ־וואַסער, מענער, ווייבער, קינדער האַלב נאַקעט עסען אויף די טרעפּלעך פון זייערע הייזער ביי דעם ליכט פון די שטורקאַצען און עלעקטרישע לאָמפּען. די פענסטער פון די הייזער זיינען פינסטער, די הייזער ווערען פערלאָזען און די גאַנצע גאַס ווערט איין גרויסעס, גרויסעס לעבען, אין וועלכען אַלע איינוואוי־נער מישען זיך אויס, קאָכען זיך צונויף מיט ווייב און קינד אין דעם עלעקטרישען ליכט פון די צירק־האַלען, ווערען פערטרונקען אין די טענער פון די שפּיעל־קאַסטענס און אין די געשרייען פון די סוחרים,

און איבער זייערע קעפּ קומען צולויפען פון מינוט צו מינוט די עלע־ווייטעדס, ווי חיות רעות, מיט פלאַמענדע אויגען און אַלעס ווערט פערטויבט אין זייער רעש.

ווי אויף אַן אַנדער וועלט איז יאָסעלע געזעסען אין אַ ווינקעל אויף די טרעפּלעך און האָט מיט שרעק געקוקט אין גאַס אַריין. די ליכט און די געוואַלדען, וואָס האָט אין זיך דאָס גאַנצע געסעל אַריינגענומען, האָט אויף איהם אַ שרעק אָנגעוואָרפען און ער האָט זיך בעהאַלטען אין דער טונקעלער שטוב. נור אין שטוב איז זעהר דושנע געווען — האָט איהם די מוטער קוים אויף די טרעפּלעך אַרויסגעשלעפּט פאַר'ן הויז. דער פאָטער, מאיר, ליגט אין העמד און קאַפּעל אויף אַ שטוהל. ער איז געפאַלען פון מיעדקייט און שלאָפט. ווייט דאָרט אין געסעל לויפען חיים און בעריל אַרום. די מוטער זיצט אויך אויף די טרעפּלעך און דרעמעלט אין רעש, וואַרפט דעם מיעדען קאָפּ אַהין און צוריק, און יאָסעלע קוקט אַמאָל אויפ'ן פאָטער, אַמאָל אויף דער מוטער און חלומ'ט פון עפּעס ווייט, גאַנץ ווייט. ער הערט ניט דעם רעש, ער זעהט נישט דאָס ליכט. ער דערמאָנט זיך אָן געסעל אין לענשנע דעם זומער פאַר־נאַכט. פון בית־המדרש הערט זיך דעם פּרוש'ס קול תורה, די לבנה שפּאַציערט אַליין איבער'ן געסעל אויפ'ן בית־עולם אַרום — און זיין פאָטער, און זיין מוטער — ער קוקט זיך אַרום אין די גאַס, אויף זיינע עלטערען און פיהלט זיך מיט אַמאָל אַזוי פרעמד, אַזוי עלענד און אַליין דאָ. דאָס איז נישט דער פאָטער, וועגען וועלכען ער האָט גע'חלומ'ט דאָרט, אין לענשנע, אַ מיעדער בעל־מלאכה זיצט און שלאָפט, אָבגעאַרבייט אַ גאַנצען טאָג. קיין קול תורה הערט מען שוין נישט פון זיין מויל אַרויס, קוים וואָס ער דאַווענט. און עפּעס איז די מאַמע דאָ אויך אַן אַנדערע געוואָרען, און אַלעס, אַלעס איז אַנדערש — די מוטער וועקט זיך און רופט האַלב אין שלאָף: — „געה, יאָסעלע, געה צו די קינדער זיך שפּיעלען", און מיט אַמאָל נעהמט עס איהם אַזאַ וועהטאָג אַרום. דער קעפּעל הויבט איהם אָן צו דרעהען, די אויגען צו שווינדלען. ער לעהנט אויך אָן דעם קאָפּ אויף די שטיינערנע טרעפּלעך, די אויגען פערמאַכען זיך און אַ מיעדקייט פאַלט אָן אויף איהם. קוים, קוים קלעהרט ער נאָך פון עפּעס. אין פינסטערקייט, צוגעמאַכט די אויגען זעהט ער דאָס בית המדרש'ל פון לענשנע האַלב אין טומאַן, יצחק יודעל'ס חדר, דאָס שיינקעל געגען איבער דעם טיש. צוויי בוימער

שטעהען פאר דעם גוי'אישען בעדנערס טהיר; די בוימער רוישען יעצט און אינגלעך ווארפען שטיינער אויף די בוימער און קלייבען כראבאנדזשעס, זשאבעס ברומען אין טייך — און ווער לערענט דארט? איז עס דעם טאטענ'ס קול? זיס, זיס ציהט עס זיך איבער דער שטוב. פערצעהלט עס דען פון חורבן בית המקדש, וואס שטעהט אין די גמרא? — און טונקעל ווערט אלעם מיט אמאל. א מינוט ליכטיג, א מינוט טונקעל. פלוצים ווערט אלעם מיט אמאל אבגעהאקט...

יאסעלע'ס צוהיצטער קערפער'ל האט זיך א מיעדער ארומגעוואלגערט ווי א שמאטע, ווי א שטיק פאפיר איבער די טרעפלעך אין דעם רעש און געוואלד פון גאס און די שטורקאצען האבען געברענט, דאס עלעקטרישע ליכט האט זיך געגאסען און דער שפיעלקאסטען האט געשפיעלט און די ווייבער, מענער און קינדער האבען געשריען און דער עלעווייטער האט געקלאפט און איבער דעם האט געבלאזען א נאסער ווארימער שטראם פון ים, די צוהיצטע מויערען, שטיינער און אייזענס האבען פון זיך דאס ווארימקייט ארויסגעלאזט, וואס זיי האבען געהאט אין זיך אריינגענומען דורך דעם גאנצען טאג פארען זיך אין די זון, און די לופט איז פול געווארען מיט א שטיקענדען פייכטען ווארימען שטראם, וואס האט ווי מיט בליי אלע אברים אנגעגאסען און געווארפען א מיעדקייט אויף אלעמען.

# יאָסעלע'ס טויט

ביי דעם בעט איז געזעסען די מיסס איזאַבעל און האָט געהאַלטען יאָסעלע'ס שוואַכע, בלייכע הענטעל און אריינגעקוקט איהם אין די אויגען אריין.

יאָסעלע איז געלעגען אויפ'ן בעט. זיין פּנים איז רויט געווען און די הייטלעך האָבען זיך אריבערגעצויגען איבער זיינע הויכע ארויס־געזעצטע אויגען. אויף זיינע ליפּען האָט די מיסס איזאַבעל בעמערקט דעם שוועבענדען, גלייכגילטיגען שמייכעל, און דער דאַרער האַלז וואָס האָט זיך ארויסגעצויגען פון דעם ביינענדיגען לייבעלע האָט שווער־אָטהמענדיג געאַרבייט. פון צייט צו צייט האָט די מיסס איזאַבעל איהם צולעגעגט אייז צום קאָפּ, וועלכע חנה־לאה האָט איהר צוגעטראָ־גען אויף אַ טעלער. חנה־לאה האָט שוין ניט געוויינט, מען האָט אין איהר פּנים געזעהן, אז זי איז שוין מיעד וויינענדיג. מאיר האָט זיך אהין און אהער איבער דעם שטיבעל געדרעהט, געביסען די באָרד אין די צייהן, איבערגעריבען די האַנד איבער'ן שטערן, געקרעכצט: „אוי, טאַטע!“ און איז יעדעס מאָל צום בעטעל צוגעגאַנגען, אַ קוק געוואָרפען אויף יאָסעלע'ן.

אין שטוב איז שטיל געווען, טונקעל און דושנע. מען האָט דעם לאָמפּ אראָבגעדרעהט, אז עס זאָל ניט זיין אזוי הייס, און דאָך איז די לופט אין שטוב געווען אזוי ווי אויסגעשטאָרבען און אזא פייכטקייט און מיעדקייט איז געפאַלען אויף אַלעמען, אז רחל'ע און די „קאָמאַנדע“ זיינען געלעגען צונויפגעוועלגערט אויף דער ערד, די קעפּ געהאַלטען אויף די שטיינערנע טרעפּ פון קאָררידאָר, אז עס זאָל זיך קיהלען, און זיינען געלעגען אזוי פער'חלש'ט, אז מען האָט ניט געוואוסט צי זיי שלאָפען אָדער זיי ליעגען וואַך, וואָרים די לופט איז אויסגעגאַנגען אין אויר. — עס איז ניט געווען וואָס צו אָטהעמען און זיי זיינען געפאַלען ווי פליעגען.

עס איז געווען איינע פון יענע זומער־נעכט אין ניו יאָרק, ווען די

לופט נעהט אוים אין אויר, ווי מען וואלט מיט א פייער אויסגעברענט די לופט, און די מענשען הויבען אן אנידערצופאלען, די גליעדער ווערען ווייך, צוגאנגען — און ווערען לויז איינם פון דאס צווייטע אזוי, אז דער מענש האט ניט די מעגליכקייט זיך מיט זיי צו בעדיענען. עס איז געווען איינע פון יענע זומער־נעכט, ווען מען הויבט אן מורא צו קריגען אז ניו יארק וועט ניט צו־מארגענס אויפשטעהן; איינע פון יענע נעכט, ווען די נאטור פערגעסט זיך אז דער מאנהעטען אינזעל איז שוין א ישוב און בלאזט אלץ מיט יענעם טראפישען זומער ווי ווען די אינדיאנער האבען נאך דא געוואהנט און די בופעל־אקסען זיינען נאך צווישען די בוימער געלעגען...

צייט דריי וואכען, זינד די גרויסע היצען האבען איינגעטרעטען, איז יאסעלע קראנק. קיינער האט ניט בעמערקט ווי דאס אינגעל איז ארומגעגאנגען ווי א שאטען צווישען זייניגע און האט קיינעם ניט פערטרויט דאס, וואס האט איהם געדריקט. א גרוים בייגקעניש האט אין זיין הארץ געגליהט נאך דער אלטער היים, נאך דעם אלטען לעבען, נאך דער אידישקייט, און אלעס איז דא איהם פרעמד געווארען, אפילו זיין אייגענער פאטער, וועלכער האט א גאנצען טאג געארבייט און בייגאכט אנידערגעפאלען א מיעדער, א טויטער, און האט קיין צייט ניט געהאט מיט איהם א ווארט אויסצורעדען; זיין אייגענע מוטער, וועלכע איז געווען איינגעטונקט אין ווירטהשאפט און אבגעגעבען זיך מיט די אנדערע קינדער, איז באלד צוגעוועהנט געווארען צו זייער אויפפיהרונג און צו זייער לעבען, און זיינע ברידער אודאי שוין.

דער איינציגער מענש, מיט וועלכען ער האט זיך געפיהלט נאהענט איז געווען די מיסם איזאבעל, וועלכע איז צו איהם אזוי גוט געווען — נור זי איז איהם אזוי פרעמד... איז דאס קינד ארומגעגאנגען א פרעמ־דער, און האט געביינקט, ניט געגעסען און אן איינזאמער בעהאלטען אין די ווינקעלעך, איז זיין קערפער אויסגעמאגערט געווארען. קיין געזונד קינד איז ער קיינמאל ניט געווען. די צרות וואס ער איז שוין אויסגעשטאנען דורך זיין קורצען לעבען, האבען זיין גוף צובראכען און אז עס האבען זיך אנגערוקט די גרויסע היצען, צו וועלכע ער איז ניט געוועהנט געווען, האט עס איהם אין גאנצען אנידערגעלעגט. ער איז אין היץ אריינגעפאלען, די דאקטוירים האבען איהם רעצעפטען פערשריבען, ער אבער האט די רעצעפטען ניט געוואלט נעהמען, גאר

נים געוואָלט, נור געלעגען בעהאַלטען אין זיך, ווי ער וואָלט אין אַן אַנדער וועלט אריינגעגאַנגען. די מיסס איזאַבעל האָט איהם פון צייט צו צייט בעזוכט, אבער צו איהר איז ער אויך געוואָרען פרעמד. מעלאַנכאָליש שווייגענדיג, מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגעטוישט, ליעגט ער דאָ אַזוי מיט זיין אויסגעדאַרט פּנים און אויסגעגלאָצטע אויגען, שוואַך פערוואָרפען דעם קאָפּ אויפ'ן קישען, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך האָב ניט מעהר נור מיין זינדיגען גופ'ל, נאַט, אז איהר ווילט עס, נעהמט עס צו.

אין שטוב איז אָבער געוואָרען אַזוי אונערטרעגליך און דער אַטהעם האָט אַזוי פערכאַפּט, אז מען האָט בעשטימט יאַסעלע'ן ארויסצוטראָגען אין גאַס ארויס. די מוטער האָט איהם גענומען אין איהר שויס אריין, זיין קערפּער איז אַזוי איינגעשרומפּען געוואָרען, ווי ער וואָלט צוריק אַ קליין קינד געוואָרען, און זי האָט איהם אין גאַס ארויסגעטראָגען.

די מיסס איזאַבעל האָט זיך געזעגענט מיט די עלטערן, איז צו צו יאַסעלע'ן, האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט איהם, נור ער האָט יעצט געשטעקט אין אַן אַנדער וועלט און האָט קיינעם ניט געזעהען.

אויף דער גאַס איז אָבער נאָך ערגער געווען ווי אין שטוב. פאַר די טהירען זיינען געלעגען צונויפגעקייקעלט גאַנצע פאַמיליעס מיט די קינדער און זיינען געלעגען ווי שטיקער שמאַטעס אויפגעוואָרפען איינס אויף דאָס אַנדערע און האָבען זיך ניט געקענט ריהרען. די קינדער האָבען זיך אין די רינשטאָקען, אויף די טראָטואַרען ארומגעוואַלגערט, טהייל געשלאָפען, טהייל געפאַלען פאַר מיעדקייט און די מוטערס האָבען זיי בעשמוצטע אייז-קרים דערלאַנגט. אין אַ ווינקעל איז אַ אידענע געשטאַנען ביי אַן עמער לימאָנאַד, האָט מיט אַ שוואַך קול אויסגערופען איהר וואַסער, נור קיינעם האָט זיך ניט געגלוסט צוצושלעפען צו דעם עמער וואַסער, כאָטש אַ סך האָט זיך געוואָלט טרינקען. די לופט איז געוואָרען וואָס אַמאָל ערגער, קיין בלעטעל, קיין פּאַפּיערעל האָט זיך ניט אַ ריהר געטהאָן, אז צום סוף איז די אידענע מיט דעם קענדעל וואַסער אויך שטיל געוואָרען און דער לאָמפּ וואָס האָט דאָרט געברענט ביי איהר אין קרעמעל איז פערלאָשען געוואָרען, ווי ער וואָלט אויך שוין געפאַלען. אַזוי איז די מיעדקייט געפאַלען אויף די קעפּ און האָט

אלעמען צוגעדריקט צו דער ערד, און עס איז אזוי ענג געווארען, אז עס האט זיך געדאכט, אז נאך א מינוט וועט דער הימעל זיך אראבבוקען צו דער ערד און וועט דא אלעמען צודריקען מיט זיין לאסט...

חנה'לאה איז זיך מיט דעם קראנקען יאסעלע צוגעקראכען אין רינשטאק אריין און האט מיט איהרע הענד אויסגעשטרעקט יאסעלע'ן אין דער ברייטער גאס ארויס, ווי זי וואלט דארט וועלען אנשעפען א הויך לופט פאר איהם צו אטהעמען, אבער יאסעלע איז געלעגען אין דער מוטער'ס שויס און איז געווען פערנומען גאר אין אן אנדער וועלט.

ער האט זיך געפונען אויף א ברייטען ליכטיגען וועג, וואס איז געווען אזוי ווייס ווי הימעל־ליכט, און איבער דעם וועג און איבער די פעלדער ביים וועג, וואס זיינען אויך געווען ווי שטיקער הימעל, זיינען געגאנגען אידען — די גאנצע וועלט אידען, און פון אלע דורות אידען זיינען געווען פערזאמעלט אויף די פעלדער און אויף דעם וועג, ווארים משיח איז געהאט געקומען און אלע זיינען צו תחית המתים אויפ־געשטאנען. אין מיטען דער עדה שטעהט דער משיח אין א גרויסען טלית אין א גרויסער, גרויסער עטרה אויפ'ן קאפ, און אלע אבות זיינען ארום איהם, און אלע נביאים, און משה רבינו איז אויך דארט. און אלע רבנים, וואס האבען ווען אמאל געלעבט, זיינען ארום דעם משיח און דער רב פון זיין שטעדטעל, רב ישמעאל'ע, וואס איז געהאט נפטר געווארען, שטעהט אויך דארטען צווישען זיי. — אט זעהט ער איהם בעשיינפערליך, נור פאר דעם משיח פיהרט מען שוין א לויה. עפעס א גרויסער צדיק איז נפטר געווארען און דער מת איז אין א טלית איינ־געהילט און מען טראגט איהם אויף שטעקענס אין דער הויך איבער די קעפ פון דער עדה, און די גאנצע עדה איז נור פערזאמעלט לכבוד דעם מת, וואס מען טראגט איבער די קעפ. און עס איז עפעס א גרויסע שמחה ביי דער לויה: לוים שפיעלען אויף די הארפען און ארגלען זיינען דארט און ס'איז א גרויס, גרויס געזאנג — די גאנצע עדה זינגט און טראגט דעם מת. נור הינטער דעם מת געהט נאך די מאמע רחל אין איהרע תכריכים און שווייגט, און זי איז אזוי הויך, העכער פון דער גאנצער עדה, און אלע רוקען זיך אב פאר איהר; דערנאך געהען די אבות, אלטע לייט מיט לאנגע ווייסע בערד, און דערנאך געהען משה און אהרן אין צווישען און זיי זיינען אויך זעהר הויך, העכער פון דער גאנצער עדה, און אלע רוקען זיך אב פאר איהר; דערנאך געהען די גאנצער עדה; און דערנאך געהט דוד המלך איינער אליין און א הארפע

איהם געהען נאָך די מלכי ישראל, און דערנאָך די נביאים אין ווייסען אָנגעטהאָן, און דערנאָך אַלע רבנים פון אַלע דורות און דער רב פון זייער שטאָדט אויך צווישען זיי, און דערנאָך דאָס גאַנצע פאָלק — אַלע, אַלע אידען, וואָס האָבען ווען אַמאָל געלעבט. און צווישען דער עדה אידען זעהט ער ווי מען רינגעלט אַרום אַן אַלטען אידען מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד און אַ גרויסען קאָפּ האָט ער און אַ שטעקען האַלט ער אין דער האַנד — דאָס איז רש"י. אַ גרויסען חומש האַלט ער אונטער'ן אָרים און אַלע אידען רינגלען איהם אַרום און גיבען איהם שלום עליכם אָב. און משה געהט פאָראויס פאַר אַלע, ער פיהרט אָן די לויה און ווייזט מיט זיין האַנד אָן וואו מען זאָל געהן. דער וועג איז גאַנץ ווייט, און וואָס לענגער מען געהט אויף איהם, אַלץ מעהר הימלישער ווערט ער, און ער פיהרט צו די הימלען צו, וואָס זיינען דאָרט ביים עק וועג.

און דער הימעל איז דאָרט ווי אַ ים. דאָרט הויבט זיך אָן אַ נייעס לעבען פון הימעל און אַזוי ליכטיג איז דאָרט, אַז מען קען ניט אַריינקוקען אין די ליכט אַריין, נור אין דער ליכט זעהט מען ווי מלאכים שטעהען אין ווייסען און וואַרטען אָב די לויה, אַז זי זאָל אָנקומען צו זיי. און וואָס מען קוקט אַריין טיעפער אין הימעל, אַלץ מעהר מלאכים שטעהען דאָרט, און די לויה פיהרט צום הימעל. וואָרים משיח ווייזט אָן מיט'ן פינגער דאָרט צום הימעל, — און פלוצלינג פיהלט ער זיך, אַז ער איז דאָס דער מת אין טלית און איהם פיהרט מען דאָס אין הימעל אַריין, און וואָס מעהר מען געהט און וואָס נעהענטער מען קומט אָן, וואָס ליכטיגער עס ווערט דער וועג, אַלץ מעהר גאַנצע שטיקער הימלען טרעפט מען אָן, אָט באַלד, באַלד וועט מען אָנקומען אין דעם הימעל אַריין — נאָר דערווייל געהט מען נאָך אַלץ אויפ'ן וועג. און אָט באַלד ווערען שוין די געדאַנקען שטילער, שטילער, ציהען זיך אויס, די אויגען הויבען אָן צו שווינדלען פון ליכט, דער קאָפּ וועלקט זיך, משיח טרעט שוין אַריין אין הימעל אַריין, אַ פערבלענדעניש איז אַרום, אַז עס הויבט אָן צו טונקלען פאַר די אויגען. אָט טרעטען שוין אַריין די וואָס טראָגען די לויה און באַלד האָט זיך אויפגעעפענט אַ שפּאַלט הימעל און אַלע זיינען אַראָבגעזונקען אין דעם ים פון הימעל — און יאָסעלע איז געשטאָרבען אויף חנה־לאה'ס הענד.

*

אז חנה־לאה איז צוריקגעקומען פון יאָסעלע'ס לויה, ווי מען האָט איהם בעגראָבען אויפ'ן גוטען־אָרט פון דער חברה אנשי לענשנע, האָט זי געהאט דאָס זעלבע געפיהל, וואָס זי האָט געפיהלט ביים פערלאָזען איהרע קינדער'ס קברים אויפ'ן לענשנער גוטען־אָרט און זי האָט געטראכט, ווי אזוי וועט זי זיך שוין קענען אוועקציהען פון דאנען און איבערלאָזען יאָסעלע'ס קבר דאָ?...

און איהר האָט זיך געדאכט, אז זי מוז שוין דאָ פערבלייבען אויף דער ערד, — זי האָט שוין דאָ א קבר...